# דריטער סעזאָן

## אין אירווינג פּליים טעאַטער (1920-1921)

דאָס פּערזאָנאַל באַשטייט פון מענער: (לויט א'ב): יעקב גאָלדשטיין, יודל דובינסקי, מוני ווייזענפריינד, אברהם טייטעלבויב, מ. ב. סאַמואילאָוו, אברהם פישקינד, ש. קראַזע, און מאָריס שוואַרץ. פרויען: בינע אַבראַמאָוויטש, בערטאַ גערסטען, לוסי גערמאַן, ליזאַ זילבערט, מרס. ליאַנסקי און סאַלטשע שאָר.

### „די גאָלדענע קייט"



י. ל. פּרץ
מחבר



א. פּערלמוטער
קאָמפּאָזיטאָר

נאָך אין 1903 האָט י. ל. פּרץ פאַרעפנטלעכט אין „השלח", אויף העברעיש, זיין דראַמע „חורבן בית צדיק" (איבערזעצט אויף יידיש דורך א. יודיצקי און דורך אים פאַרעפנטלעכט אין דער קיעווער „סאָוויעטישע ליטעראַטור" נ' 10, 1940, און איבערגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „יידישער קולטור" פון אַפּריל, מאַי, יוני 1941) פון וועלכער דער מחבר האָט געשאַפן אין יידיש אַ צווייטן וואַריאַנט א'נ „דער נסיון" (קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יידיש, און אויפגעפירט געוואָרן דעם 26־13 אַפּריל 1906 אין וואַרשעווער „זשאַרדען ד'היווער"־טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון קאַמינסקי־פישזאָן). דער זעלבער טעקסט איז אין סוף־וואָך פון 23־21 פעברואַר 1908 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „קאַליש טעאַטער" מיט בערטאַ קאַליש אַלס „לאה". קיין רעצענזיעס וועגן דער אויפפירונג זיינען ניט געדרוקט געוואָרן. אין 1907 האָט פּרץ די דראַמע, אין אַ באַאַרבעטער פאָרם, א'נ „די גאָלדענע קייט" אָפּגעדרוקט אין ווילנער „די וועלט". שפּעטער איז „די גאָלדענע קייט" דורך אים ווידער אייניקע מאָל באַאַרבעט געוואָרן און איז דערנאָך אַריין אין זיינע געזאַמלטע ווערק. די פּיעסע איז אָבער קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן הגם זי איז רעפּעטירט און צוגעגרייט געוואָרן צום אויפפירן אין פאַרשיידענע ערטער.

וועגן דער ערשטער אויפפירונג פון דער דראַמע אין אַמעריקע (אין פילאַדעלפיע), דערציילט דער טעאַטראַל שלום פּערלמוטער, אַז ווען אנשעל שאָר, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון „ארטש סטריט טעאַטער" אין פילאַדעלפיע, האָט זיך צו אים געוואַנדן, אַז ער זאָל אים פאַרשאַפן אַ ליטעראַרישע פּיעסע, כדי צו קאָנען אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון צווייטן פילאַדעלפיער יידישן טעאַטער, האָט ער אויסגעזוכט פון זיין אַרכיוו אַ געשריבענעם טעקסט פון פּ.'ס „דער נסיון" (לויט ווי עס איז געשפּילט געוואָרן דורך בערטאַ קאַליש) און אַ געדרוקטן טעקסט פון „די גאָלדענע קייט", און באַשלאָסן ביידע דראַמעס צו פאַראייניקן אין איין פּיעסע:

„...מיר [פּערלמוטער און אַנשל שאָר] האָבן באַלד אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צונויפצוגיסן ביידע פּיעסן, וועלכע סצענעס זאָלן זיין פריער און וועלכע שפּעטער; וועלכע סצענעס פון „נסיון" און וועלכע סצענעס פון „די גאָלדענע קייט", און איך האָב מיך גענומען צו דער אַרבעט. אַזוי ווי אַנשל שאָר האָט מורא געהאַט, אַז פּרצס דיאַלאָג איז צו ליטעראַריש און ד'ער עולם וועט אים נישט פאַרשטיין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך מעג דיזעלבע האַנדלונג איבערשרייבן מיט אַנדערע ווערטער. אָבער אין דער אַרבעט פון צונויפגיסן ביידע פּיעסן, האָב איך איינגעזען, אַז שאָר איז נישט גערעכט און עס וואָלט נישט געווען געזונט פאַר דער דראַמע צו ענדערן פּרצס שפּראַך. איך האָב דעריבער באַשלאָסן בשום אופן נישט צו ענדערן די שפּראַך, נאָר בלויז די סטרוקטור (געבוי) פון דער פּיעסע, און אַזוי האָב איך געטאָן. עס האָט גענומען אַנדערהאַלבן טעג און איך האָב פאַרטיק געמאַכט ד'י נייע פּיעסע. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דער נאָמען „די גאָלדענע קייט" איז עפעקטפולער ווי „דער נסיון", איבערהויפּט ווייל מיר האָבן גענומען מער טעקסט פון „די גאָלדענע קייט" ווי פון „דער נסיון". לאַנג מיט די פּראָבן האָט זיך שאָר נישט צערעמאָנירט, און שוין א'ין אַ וואָך אַרום, פרייטיק, האָט מען אויפגעפירט די דראַמע.

ווען איך האָב בייגעוווינט די ערשטע פאָרשטעלונג י. ל. פּרצס „גאָלדענע קייט" אין פילאַדעלפיער „ארטש סטריט טעאַטער", איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט, און דער דערפאָלג איז געווען דער גרעסטער, וואָס דאָס טעאַטער האָט ווען עס איז פריער געהאַט".

דער דערפאָלג פון דער פּיעסע אין פילאַדעלפיע איז דערגאַנגען קיין ניו־יאָרק, און אנשל שאָר האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דער דירעקציע פון ניו־יאָרקער „סעקאַנד עוועניו טעאַטער" צו שפּילן ביי זיי מיט זיין פילאַדעלפיער טרופּע „די גאָלדענע קייט" אויף פּסח. אָבער נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט מאָריס שוואַרץ ביי אים געקויפט די אויסשליסלעכע רעכט אויף דער פּיעסע.

דעם 3 סעפּטעמבער 1920 איז די דראַמע, אין אַ קאָמבינירטן טעקסט פון מאָריס שוואַרץ, דורך אים אויפגעפירט געוואָרן אין זיין „יידיש קונסט טעאַטער" („אירווינג פּליים טעאַטער", ניו־יאָרק) מוזיק — אַרנאָלד פּערלמוטער, דעקאָראַציעס — א. טשערטאָוו.

וועגן דער אויפפירונג דערציילט מאָריס שוואַרץ אין זיינע זכרונות:

„...מיין גרויסע ליבע צו פרצן האָט זיך אויסגעגאָסן אין דער אויפפירונג פון „די גאָלדענע קייט". איך שרייב צו מיין רעזשי־סאָרישע אַרבעט אין „די גאָלדענע קייט" אַלס דעם ערשטן וויכ־טיקסטן טעאַטראַלן אָנהייב פֿון „קונסט טעאַטער". ...דער גע־לייטערטער חסידיזם פֿון מיינע זיידעס האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט און אַרויסגעשטראַלט אין דער אויפֿפֿירונג. די ווירקונג פֿון יענער פֿאָרשטעלונג אויף דעם בעסערן סאָרט טעאַטער־עולם איז געווען אומגעהייער. ליידער אָבער האָט די פּיעסע געמוזט נעבעך גיין אַזוי יונג פֿון דער וועלט. נאָך צוויי וואָכן האָבן מיר זי געמוזט אַראָפּנעמען, ווייל די גרויסע מאַסן טעאַטער־גייער זיינען נישט געקומען. ס'האָבן ניט געהאָלפֿן די באַגייסטערטע [?] רעצענזיעס פֿון די קריטיקער. יעדער אָוונט פֿון די צוויי וואָכן, וואָס מיר האָבן געשפּילט „די גאָלדענע קייט", איז געווען פֿאַר אונדז, אַק־טיאָרן אַ גרויסער יום טוב, כאָטש דער טעאַטער איז געווען פוסט.

...די פֿאָרשטעלונג איז באמת געווען אַ ס׳מפֿאָנישער צוזאַ־מענשפּיל. אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעצייכנט. בערטאַ גער־סטען האָט נאָך יאָרן שפּעטער געשפּילט סצענעס פֿון איר ראָלע, אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ זעלטענעם דערפֿאָלג. מוני ווייזענ־פֿריינד האָט געשפּילט בלויז איין סצענע אין פּראָלאָג — דעם „שוואַרצן רבין" — ר׳ שלמהס זון. ...ווייזענפֿריינד האָט אין דער קליינער ראָלע מיט בלויז מימ׳שן שפּיל אויסגעדריקט אַ וועלט פֿון אָנגעזאַמלטער שנאה קעגן דעם געפֿיל פֿון „מדת הר־חמים" פֿון זיין פֿאָטער. ...זיין גרים, זיין האַלטונג, זיין יעדער ריר איז געווען געוויגן און געמאָסטן. ס'איז אַ שטומע שפּיל, אָן איין וואָרט, וואָס פֿאַרנעמט אַן ערך דריי מינוט. ...שטיל און געצווימט האָט ער זיין סצענע דורכגעפֿירט. זיין זעצן זיך אויף דעם פֿאָטערס שטול, האָט קלאָר באַוויזן די נייע ווענדונג אין דעם חסידישן הויף. מ'האָט געפֿילט, אַז „די גאָלדענע קייט" רייסט זיך און אַז זי וועט איבערגעריסן ווערן. ...אַפילו די גאָר קליינע ראָלן זיינען פּרעכטיק דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון די אַקטיאָרן. דער שוישפּילער שלמה קרויזע האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין אַן עפּיזאָדן־ראָלעכל פון אַ חסיד, וועלכער קומט פרעגן אַן עצה ביים רבין".

**די קריטיק האָט ניט איבעריק באַגייסטערט אויפֿגענו־מען די פֿאָרשטעלונג. אב. קאַהאַן, וועלכער האָט אַ פּנים אָנגענומען די בינע־ווערסיע ווי פרצס אַן אָריגינעלן וואַ־ריאַנט, שרייבט:**

„...פרצס „גאָלדענע קייט" איז אַ פּאָעטישע זאַך, אַ הויכע זאַך, אָבער פֿאַר דער בינע — איבערהויפּט נאָך פֿאַר אונדזער בינע — טויג זי ניט. שוואַרץ האָט „די גאָלדענע קייט" ניט אויפֿגעפֿירט אַזוי ווי דיזע פּאָעטישע דראַמע איז געדרוקט אין דער זאַמלונג פֿון פּרצס ווערק. אַז דאָרטן איז ניטאָ וואָס צו שפּילן, האָט ער אַליין געזען. אום עס זאָל זיין וואָס מער צו געבן פֿאַר אַ טעאַטער־פּובליקום, האָט ער פֿון דיזער דראַמע גענומען נאָר דעם ערשטן אַקט, און דאָס ווייטערע האָט ער געגעבן מיט די ענדערונגען און צוגעבונגען, וועלכע פּרץ האָט דערנאָך געמאַכט [?] אום [כדי] די דראַמע בעסער צוצופּאַסן פֿאַר דער סצענע. די געענדערטע פּיעסע הייסט „דער נסיון" [?]. פּרצן אַליין זיינען דיזע ענדערונגען און דער גאַנצער „נסיון" ניט געפעלן געוואָרן, און אין דער זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּרצס אַלע ווערק" און וועלכע ער אַליין האָט אָנערקענט פֿאַר זיין טויט, זיינען זיי ניטאָ.



...שוואַרץ רופֿט דעם ערשטן אַקט פֿון דער אמתער „גאָל־דענער קייט" „פּראָלאָג" (דאָס איז יעדנפֿאַלס דאָס בעסטע, וואָס געפינט זיך אין זיין פּיעסע). דאָס איבעריקע אָנטהאַלט אין זיך אַ היבש ביסל שטאָף, וואָס שמעקט מיט שונד און ציט זיך ווי „טשואינג גאַם" [קיי־גומי]). דער „פּראָלאָג" איז קיין פּראָלאָג ניט. אַלס אַ פֿאָרשפּיל האָט עס קיין שום טעם ניט. עס איז אַן ערשטער אַקט לויט זיין גאַנצן אינהאַלט, און לויט דעם אינהאַלט פֿון דאָס איבריקע. עס איז דאָס שענסטע פֿון דער דראַמע, וואָס פּרץ האָט געלאָזט דרוקן אין זיינע „אַלע ווערק", און עס איז דאָס שענסטע אין דער צונויפגעשטשאָבעטער פּיעסע, וועלכע גייט איצט אויף



מאָריס שוואַרץ אַלס ר׳ שלמה

שוואַרצס סטיידזש [בינע]. אין די אַקטן, וואָס שוואַרץ האָט צו־געלייגט פֿון דעם „נסיון", געפֿינען זיך פּאַסירונגען און סצענעס, וואָס זיינען אין דער אַלגעמיין באַקאַנטער און אָנערקענטער דראַ־מע ניטאָ. דיזע פּאַסירונגען און סצענעס וואָלטן אפֿשר געקאָנט שאַפֿן אַ פונדאַמענט פאַר אַן אינהאַלטסרייכע, בינע־פּאַסנדע דראַ־

מע. אפשר! אָבער איצט קומט דערפון אַרויס גאַנץ ווייניק. עס איז ניטאָ וואָס צו שפילן, און שוואַרץ אַליין, וועלכער האָט אין דער פיעסע דריי [פיר] ראָלן, האָט אייגנטלעך קיין איין ראָלע ניט. שיין איז ביי אים אויף דער בינע דער „פּראָלאָג"; דראַמאַטיש. דאָס איבריקע איז ניט פֿאַר אַ טעאַטער, און צו הערן איז אויך דאָ גאַנץ ווייניק. ...דאָס [וואָלט] געהאַט אַ זין נאָר צו שטעלן פֿאַר אַ געקליבענעם פּובליקום, פֿאַר אַ הויך־געבילדעטן, פֿאַר מענטשן מיט אַ פֿיין־געאײדלטן קינסטלערישן געשמאַק. פֿאַר אַ טעאַטער, וועלכער מוז זיך ווענדן צו אַן אַלגעמיינעם עולם, איז דאָס קיין שטיק ניט ...אַזאַ סאָרט פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע ווי „די גאָלדענע קייט" איז שווין צו שיין פֿאַר אַ יידישן טעאַטער. ...אויב מען וויל דינען דער ליטעראַטור, דאַן דאַרף מען אין איר נאָמען גופֿא אויסמיידן צו שטעלן אַזעלכע זאַכן. ווען דער עולם לאַנגווייליקט זיך ביי אַ ליטעראַרישע[ר] פּיעסע, ווערט ער דורכדעם ניט צוגעצויגן צו ליטעראַרישע ווערק, נאָר אָפּגעשטויסן פֿון זיי.

...שוואַרץ שפּילט די ראָלע ר' שלמה מיט ליבע. ער שפּילט איר מיט פֿאַרשטאַנד און מיט האַרץ, אָבער די גייסטיקייט, די פּאָעטישקייט, וועלכע איז דאָ דער עיקר, פֿעלט אים. דאָך אין דעם אַרט ווי ער געברויכט דערביי די מיטלען, וואָס ער האָט יאָ, ציגט ער ווידער אַרויס די פֿאָרטשריט, וואָס ער האָט געמאַכט אַלס שוישפּילער. ...זיין ראָלע אין דעם „פּראָלאָג" אַנטהאַלט פֿיל פּאָעטישע שורות, געשריבן אין „ווייסע פֿערזן"; און ער האָט דאָס אַלץ גרינטלעך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. ער רעדט די שורות אַרויס לויט זייער זין און מיט ריכטיקע וואַרימקייט און אינטערעסאַנט זיינען אַ פּאָר סצענעס ביים שלום. ...אָבער דאָס האַרציקייט. ער דעקלאַמירט ניט, נאָר ער שפּילט טאַקע. אַ פֿיל געבילדעטערער שוישפּילער וואָלט די ראָלע ניט געקאָנט שפּילן בעסער, סיידן אַזעלכער, וואָס האָט טאַלענט אויסצודריקן פּאָעטישע באַגייסטערונג. ...אין דעם לעצטן אַקט שפּילט שוואַרץ די ראָלע פֿון אַ יונגן רבין, וואָס גלויבט ניט אין זיין קראַפֿט צו מאַכן ניסים. אין דיזער ראָלע איז ער זייער שיין און ער שפּילט איר מיט אנגענעמער, פּאַסנדע[ר] שטילקייט. אין איר איז אָבער פֿאַראַן צו ווייניק וואָס צו שפּילן.

צו שוואַרצס פֿאַרדינסטן דאַרף צוגערעכנט ווערן די אויסשטאַטונג, די „סצינערי" [דעקאָראַציעס]. זעלטן ווען אויף דער יידישער בינע זעט מען אַזעלכע צימערן אָדער קלויזן. אַלץ איז אויסגעאַרבעט מיט אַן אויסערגעוויינלעכע[ר] פּינקטלעכקייט און רעאַליסטישע[ר] פֿולשטענדיקייט. עס איז אנגענעם פֿאַרן אויג און עס האָט אַ גרויסע מיטווירקונג אויף דעם צוזעערס איינבילדונגס־קראַפֿט.

וועגן ווירקלעכקייט רעדט מען דאָ נאַטירלעך ניט. פּאָעזיע איז אַ חלום אויפֿן וואָר, ניט קיין ווירקלעכקייט. אָבער אַפֿילו אַלס פּאָעטישער חלום האָט דיזע פֿאַנטאַזיע ווייניק ערפֿאָלג ביי אייער אַיינבילדונגס־קראַפֿט. ...אין דער פּאָעזיע איז קיין אוממעגלעכקייט ניטאָ, און פּרץ איז אַ גרויסער פּאָעט; אָבער אין דיזן פֿאַל איז אים ניט געלונגען צו ווירקן אויף אונדזער איינבילדונגס־קראַפֿט. ...דעם פּאָעט האָט זיך ניט איינגעגעבן מיט זיין געזאַנג אייך צו פֿאַרוויגן. ...דעריבער שמעקט עס מער מיט שכל ווי מיט פֿאַנטאַזיע.

...אַלס אַ באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע סצענקע, וואָלט דער ערשטער אַקט פֿון דער „גאָלדענע קייט" געהאַט מער פּאָעטישע קראַפֿט, מער פֿעיקייט צו מאַכן דאָס אוממעגלעכע פֿאַר אַ מעגלעכקייט. ...די איבריקע דריי אַקטן פֿון „די גאָלדענע קייט" (אַלץ אין דער אָריגינעלער פֿאָרמע) זיינען ניט געבויט אויף קיין ווייטלויפֿנדע פֿאַנטאַזיע, אָבער דערפֿאַר זיינען זיי איבערהויפּט שוואַכער. ...פּרץ האָט געמאַכט פּראָבעס צו ענדערן זיין „גאָלדענע קייט". ווי עס שיינט, האָט ער אַליין געפֿילט, אַז עס איז ניט קיין געראָטענע זאַך. ער האָט זיך געמאַטערט צו פֿאַרבעסערן. עס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן".

**אברהם טייטעלבוים שרייבט מיט יאָרן שפּעטער נאָך דער אויפֿפֿירונג:**

„...דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין דער פֿאָרשטעלונג, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען פֿאַרטיפֿטע דראַמאַטישע, נשמה־פֿאַרכאַפּנדיקע שטימונג. אין דעם זין האָט שוואַרץ געהאַט דערגרייכט אפֿשר די העכסטע מדרגה פֿון זיין גאַנצער לאַנגער טעטיקייט. איך האָב שפּעטער נישט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט אָנטייל צו נעמען אין, אָדער צו זען, נאָך אַ סך פֿאָרשטעלונגען אין „קונסט־טעאַטער", ווו בינע־שטימונג האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. ...אָבער צו דער דערהויבנדיקער שיינקייט פֿון טיפֿער, דראַמאַטיש־אָנגעזאַפּטער שטימונג אין פּרצס „גאָלדענער קייט" האָבן די אַלע זיך ניט געקאָנט פֿאַרגלייכן.




שער־בלאַט געצייכנט פֿון קראַטקאָ

...בכלל איז די „גאָלדענע קייט" דורך מאָריס שוואַרצן אויפֿגעפּאַסט געוואָרן ווי אַ ליכט־און שאָטן־שפּיל. רעמבראַנדיש פֿאַרטיפֿט, ריטמיש מיסטעריעז. אַלץ אויסגערעכנט אַרויסצוברענגען וואָס בולטער פּרצס מיט יידישן צער און בענקשאַפֿט וויברירנדיקע, שבת־יום־טובדיק־פּאָעטישע טיראַדעס. אַלץ כדי העלער צו לאָזן קלינגען די דראַמאַטישע נשמה־איבערלעבענישן ביי זיינע העלדן, וואָס רייסן זיך צו העכערע, פֿרייערע וועלטן. ...אַפֿילו דער האַרציקער ניגון „שבת, שבת, שבת", וועלכער איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן מוזיקער פּערלמוטער פֿאַר ר' שלמהלען אין ערשטן אַקט, און וואָס איז שפּעטער יאָרן־לאַנג געזונגען געוואָרן דורכן

עולם ביי אַלע יידישע אונטערנעמונגען, איז אויך פֿאַרשריבן געוואָרן אויף פּרצס חשבון. ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער פּרץ־שאַפונג. זינגנדיק די פּשוטע פאַרבענקטע טענער, האָט מען זיך תּמיד ביי אַלע געלעגנהייטן מתיחד געווען מיט דעם דערהויבנדיקן גייסט פון דעם גרויסן פּרץ, אין שייכות מיט זיין „גאָלדענער קייט", וואָס מען האָט געדענקט פֿון „יידישן קונסט־טעאַטער".

**אַרנאָלד פּערלמוטערס ניגון צום זמר „שבת, שבת", וואָס איז געזונגען געוואָרן אין דער דראַמע, איז דערנאָך געוואָרן זייער פּאָפּולער און דערגרייכט די מדרגה פֿון אַ פאָלקס־ניגון. ער איז שפּעטער רעקאָרדירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרצן.**




„שבת", קאָמפּאָזיציע פון אַרנאָלד פּערלמוטער (פאַרצייכנט: יוסף רומשינסקי)

**נ. בוכוואַלד האַלט דעם אופֿן אויפֿפֿירונג פֿון „די גאָלדענע קייט" פֿאַר דעם כאַראַקטעריסטישן סטיל פֿון יידישן קונסט־טעאַטער:**

„אויב מען קאָן בכלל ריידן וועגן אַן אייגענעם סטיל פֿון יידישן קונסט־טעאַטער, האָט שוואַרץ אויסגעפֿורמעט דעם סטיל גראָד פֿון אָט־די שטאָפֿן און גראָד פֿון די פּיעסן, ווו ס'האָט דאָמינירט דער טונקעלער קאָלאָריט פֿון אַבערגלויבנס, מיטל־אַלטערלעכע[ר] רעליגיאָזיטעט און חסידישן פֿאַנאַטיזם. אויף אַזוינע פּיעסן האָט שוואַרץ אַוועקגעלייגט זיין חתימה פֿון אַ רעזשיסאָר, און אַזוינע ספּעקטאַקלען זיינען געוואָרן די ספּעציפֿיק פֿון יידישן קונסט־טעאַטער. צו אָט־דער קאַטעגאָריע ספּעקטאַקלען געהערן י. ל. פּרצס „די גאָלדענע קייט", א.אַ.".

**יואל ענטין דערציילט קודם די געשיכטע און די ענדערונגען פון דער פּיעסע:**

„געעפֿנט זיין טעאַטער האָט דער הער מאָריס שוואַרץ מיט י. ל. פּרצס פּיעסע, וועלכע האָט אין די רעקלאַמעס און אויפֿן פֿאָדערגרונט פֿון פּראָגראַם געהייסן „די גאָלדענע קייט", אָבער געווען איז עס אין דער אמתן „דער נסיון" מיטן ערשטן אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט" אַלס איר „פּראָלאָג". „דער נסיון", וואָס איז דאָ פֿאַר אַ יאָר זיבצען אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם הער ל. שפּאַכנער אין דעם דאַמאַלסטיקן ווינדזאָר טעאַטער, און שיינט צו זיין נאָך אַ ייִנגערע אַרבעט פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער פֿון חסידיזם, און אַ ניט־געראָטענע אַרבעט אין יעדער הינזיכט, שוין ניט רירנדיק דערפֿון, וואָס עס איז ניט דראַמאַטיש. ניט דראַמאַטיש זיינען כמעט אַלע פּרצס ווערק מיט דער אויסנאַם פֿון אַ פּאָר איינאַקטערס, דאָך ווען פּרצס אַנדערע דראַמאַטישע ווערק האָבן ווייניק דראַמאַטישע סצענעס, ווערט כאָטש דער אינטערוואַל צווישן איין סצענע און דער צווייטער אויסגעפֿילט מיט אַ שיינעם ליריזם אָדער מיט אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק. די צווישן־פּלעצער צווישן די עטלעכע, צומייסט קליינע, סצענעס און „נסיון" ווערן אָבער אויסגעפילט מיט ליטעראַרישן דרויב. די טענדענץ פון דער פּיעסע איז קענטיק געווען אַ ריין משכּילישע — דעם חסידיזם גראָב אַרונטערצורייסן און מיט אַ מין געשמאַקן נצחון אָנווייזן, אַז ער גייט צו זיין קבורה.

זיינען אין דער פּיעסע, מיט דער אויסנאַם פֿון איין ישראל גבאי און דעם לעצטן צעקראָכענעם גוטן יידן ר' יונתן, קיין מענטשן ניטאָ. דער ערשטער גוטער ייד, ר' ישראל, ווערט פֿאָרגעשטעלט אַלס דעספּאָטישער רוצח. זיין שנור — ר' משהס ווייב, אַלס פּינס־טערע אינטריגאַנטקע פֿון דעם באַוווסטן מעלאָדראַמאַטישן מין פֿון שונד־ראָמאַנען און שונד־פּיעסן. דער גאַנצער הויף איז פֿול מיט אינטריגעס און פֿאַרברעכערישע סודות. עס פֿעלן אויך ניט קיין אונטערערדישע קעלערן ווו מענטשן ווערן געהאַלטן לעבעדיק באַגראָבן. דער גאַנצער סיפּור המעשה איז דער באַוווסטער השׂכּלישער קאַמף פֿון „ליכט קעגן פֿינסטערניש", און דער שלוס פֿון דער פּיעסע איז דאָס דער לעצטער דור זאָגט זיך פֿון דער גוט־יידנשאַפֿט מיט מוראדיקער דעמאָנסטראַטיוויטעט אָפּ.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן ווי אַזוי אַזאַ פּיעסע מוז ווירקן אויף אַ מאָדערנעם יידישן לעזער און צוקוקער. אויף אַזאַ איינעם, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף אַ ליטעראַטור, וואָס איז מאָלעריש־פּסיכאָלאָגיש־פּאָעטיש, אויף אַ דראַמע מיט לעבעדיקע מענטשן, פּסיכאָלאָגיש־מאָטיווירטע האַנדלונגען און לעבהאַפֿטע סצענעס. געוויס מוז אויף אים אַזאַ פּיעסע ווי „דער נסיון" ווירקן גאַנץ אָפּשטויסנד. היינט גיט נאָך צו דעם פֿאַקט, וואָס דער מאָדערנער יידישער לעזער און צוקוקער איז ערצויגן געוואָרן, דער עיקר טאַקע דורך דעם אייגענעם פּרצן, צו קוקן אויף חסידות ווי אויף אַ שיינער, הויכער און דערהויבענער רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישער פּאָעזיע, ווי אויף אַ מונטער־הייליקער לעבנס־אָנשויונג, וואָס האָט געטרייסט, געקרעפֿטיקט און געהייליקט, וואָס איז דורך דעם אַלעמען ערצויגן געוואָרן צו קוקן מיט בענקנדיקן קומער אויפֿן אונטערגאַנג פֿון חסידיזם, לכל הפּחות פֿון זיין רעליגיעס־פּאָעטיש־פילאָזאָפישער עסענץ. מען קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן ווי געטראָפֿן דער דאָזיקער לעזער האָט זיך געמוזט פֿילן אין זיין פּאָעטיש־פֿילאָזאָפֿיש־רעליגיעזער הייליקטום, אַ פּשיטא שוין ווען דער דאָזיקער שווערער קלאַפּ ווערט נאָך דערלאַנגט אין נאָמען פֿון קיין אַנדערן ווי י. ל. פּרץ אַליין. די קריטיק האָט די פּיעסע ניט געשוינטערהייט אַרונטערגעריסן און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר האָט זי געהאַט גאָר קורצע יאָרן. דאָך האָט זיך די קריטיק דערביי געפֿונען אין אַ געוויסער פֿאַרלעגנהייט. איז דאָך צווישן דער „גאָלדענער קייט" און „דער נסיון" דאָ אַ ניט אומבאַטייטנטע באַציונג. האָט דאָך „דער נסיון" פּרצן געדינט אַלס די ערשטע רויע קאָפּיע פֿאַר דער „גאָלדענער קייט" און איז דאָך דער פּראָלאָג פון דער פּיעסע געווען דער ערשטער אַקט פון דער „גאָלדענער קייט", אָבער די קריטיק האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם חילוק וואָס האָט ווייט אָפּגערוקט פון דער „גאָלדענער קייט" אַפילו אין ערשטן נוסח ווי זי איז מיט פיל יאָרן פריער ערשינען אין דער „צוקונפט", און וועלכן פּרץ האָט כסדר, ווי זיין רגילות איז געווען, ווייטער אַרומגעשניצט און אַרומגעשליפֿן.

אין דער „גאָלדענער קייט" ווערט כמעט די גאַנצע מעלאָדראַמאַטישע ברוטאַליטעט אין [פֿון] „נסיון" באַזייטיקט. דער אינהאַלט איז אַ הויכער, אַן ערנסטער, און מוטיקער און די טענדענץ איז

אַזוי פיל געביטן, אַז אַנשטאָט וואָס די גאָלדענע קייט פון בעל שם זאָל זיך איבעררייסן, קריגט זי גאָר אין לעצטן מאָמענט אַ ניי רינגעלע אין דער געשטאַלט פון דעם ייִנגסטן גוטן יידן יונתן, אַ רינגעלע, וואָס שיינט פאָרויס און האַלט זיך אויסגעשטרעקט, ליבפול גרייט צו באַהעפטן זיך מיט ווייטערע רינגלעך.

דער ערשטער אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" איז איינע פון די סאַמע העכסטע שאַפונגען פון אונדזער ליטעראַטור. עס איז די העכסטע פאָרמע פון פּאָעטישן מיסטיציזם אין אונדזער ליטעראַטור. די פיגור פון דעם גוטן יידן ר׳ ישראל איז איינע פון די הערלעכסטע און ערהאַבנסטע אין אונדזער דיכטונג, די פיגור פון אַ חסידיש־קבליסטישן איבערמענטשן, אַ וועלט־באַגליקנטער פּראָמעטעאוס, אַ משיח־ריז, וואָס וואַגט צו שטעלן זיך קעגן גאָט אַליין, וואָס וואַגט אַרונטערצווואַרפן אַ קלאָץ אונטערן ראָד פון זיין סדר עולם כדי אָפּצושטעלן זיין גאַנג און אויסלייזן די וועלט פון אירע יסורים, איר טומאה און צרהדיקע קליינקייט. דער ערשטער אַקט פון „די גאָלדענע קייט" איז סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרמע די קרוין פון פרצס שאַפונגען, דער עיקר, דאָס „שופרא דשופרא" [דאָס סאַמע בעסטע] פון זיין חסידישע דיכטונג. אויך דאָס האָט די קריטיק אָפּגעשאַצט און בשעת זי האָט שוינלאָז אַרונטערגעריסן די פּיעסע, האָט זי מיט דער וואַרעמסטער התלהבות געלויבט איר „פּראָלאָג", ד.ה., דעם ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט", אָנווייזנדיק דערביי אַז טאַקע ווייל ער איז אַזוי גוט, איז דער שידוך צווישן אים און דעם מעלאָדראַמאַטישן „נסיון" אַזאַ שלעכטער".

## און וועגן דאָס שפּילן שרייבט ענטין:

„צו די אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען אויף אונדזער בינע, דער הויפּט הייאָריקן סעזאָן, געהערט יענע פּיעסע ניט נאָר מיט איר „פּראָלאָג", נאָר אויך מיט איר שפּילן און אויפפירונג. די אויפפירונג פון ערשטן אַקט (וועלכן עס איז סצענ־ש אומגעהייער שווער פאָרצושטעלן) איז מיט איניקע קוים פאַרמיידלעכע פעלערן, געווען שיין, איינדרוקספול, אימפּאָנירנד און באַגייסטערנד. דער הער שוואַרץ, הגם ניט קיין אידעאַלער ר׳ ישראל, איז דאָך געווען שיין אין פּאַטריאַרכאַלער גרויסקייט און פייערלעך־אויפגעהויבן אין חסידיש־הייליקער התלהבות, און די גרופּן און סצענעס אַרום דער הויפּט־פיגור זיינען געווען אַרויסגעשטעלט מיט דערגענצטער ליבע און האַרמאָנירנדיקן געשמאַק, הגם עס מוז קלאָר פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אַן אמת פיינע רעזשי וואָלט דעם אַקט אַוועקגעשטעלט פיל, פיל שענער און פיינער.

אויך „דער נסיון" אויף וויפל ער האָט זיך געלאָזט שפּילן, איז גוט געשפּילט געוואָרן. אַמבעסטן האָבן זיך אין אים אויסגעצייכנט דער הער שוואַרץ אַלס דער לעצטער גוטער ייד ר׳ יונתן, דער הער סאַמואילאָוו אַלס דער גבאי ר׳ ישראל און די מאַדאַם גערסטען אַלס לאה, בעת דער הער מוני ווייזענפריינד האָט געגעבן אַביישפּיל פון אַ שיינעם, כמעט גאָרניט שאַרזשירטן הומאָר אין דער געשטאַלט פון אַ תמימותדיקן חסיד".

## ל. קוסמאַן זוכט דוקא צו באַרעכטיקן די בינע־„קאָמבינאַציע" פון דער פּיעסע:

„י. ל. פרץ האָט זיין „גאָלדענע קייט" געוואָלט מאַכן פאַר זיין לעבנס־ווערק. ער האָט זי געשריבן און איבערגעשריבן, באַאַרבעט





און איבערגעאַרבעט אומצאָליקע מאָל און אין משך פון פילע יאָרן. „די גאָלדענע קייט", וואָס האָט באַדאַרפט ווערן פרצס גרעסטע שאַפונג, איז געוואָרן זיין שוואַכע זייט. ער איז איבער דער פּיעסע שיר ניט קראַנק געוואָרן. „די גאָלדענע קייט" האָט אים ניט געלאָזט רוען. מען דערציילט, אַז די לעצטע יאָרן האָט פרץ געהאַלטן אין איין ריידן וועגן זיין „גאָלדענע קייט" און שטענדיק האָט מען אים געטראָפן זיצנדיק איבער איר און אַנדערשנדיק די אָדער יענע שטעלע. פרץ האָט מיט זיין „גאָלדענע קייט" געוואָלט אונדז ציִיגן די טראַגעדיע פון חסידיזם. לעזט איר דעם „נסיון", די ערשטע קאָנצעפּציע פון דער „גאָלדענע קייט" („חורבן בית צדיק", השלח, 1903) אָדער די וואַריאַציע פון „די גאָלדענע קייט", צי זעט איר די פּיעסע אין דער פאָרם און געשטאַלט ווי שוואַרץ צייגט זי אונדז אויף דער בינע, ווערט אייך קלאָר, אַז פרצן האָט געמאַטערט דער פיינלעכער געדאַנק דאָס די נשמה פון חסידיזם שטאַרבט אָפּ פאַר אונדזערע אויגן, ווערט ענאַרטעט אָדער איז שוין ענטאַרטעט געוואָרן אין עפּס אַ קולט, וואָס פאָדערט אַזש קרבנות.

... פרץ האָט פאַר זיך געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דראַמאַטישן שטאָף, אָבער ניט זייענדיק קיין דראַמאַטורג, האָט ער דעם שטאָף ניט געקאָנט באַמייסטערן מיט אַמאָל. דעריבער די פילע נוסחאות פון דער דאָזיקער פּיעסע, דעריבער דאָס אַרומוואַרפן זיך מיט זיינע העלדן אַהין און אַהער און ניט וויסנדיק ווו זיך מיט זיי אָפּצושטעלן. דעריבער דאָס צאַפּלען זיך מיט דעם געדאַנק, אַז די גאָלדענע קייט רייסט זיך איבער, און דעריבער לאָזט ער זי אָט אַן איבערגעריסענע, און אָט הענגענדיק אויף אַן איבערגעברענטער שטרוי. אָט זעען מיר פּנחסן אין „נסיון" אַ שטאַרקע קינסטלערישע פיגור, און אָט איז פּנחסל אין דער „גאָלדענע קייט" בלאַס און בלוטלאָז. אָט איז לאהס געליבטער אַן אַפּטייקער („נסיון") און אָט איז ער אַ דאָקטאָר („גאָלדענע קייט"). אָט באַנוצט זיך פרץ מיט שונדישע מיטלען אין „נסיון" און אָט באַנוצט ער זיך אין די לעצטע צוויי אַקטן אין „די גאָלדענע קייט" מיט שיינקלינגנדיקע ווערטער אַנשטאָט מיט האַנדלונגען, מיט ווערטער, וואָס שאַפן קיין כאַראַקטער ניט, אַ חוץ, וואָס זיי ווייזן, אַז דער נסיון ווערט דאָך באַגאַנגען און אַז די איבערגעריסענע גאָלדענע קייט קאָן מען מיט „גלויב, גלויב", ניט באַהעפטן.

ווייל פרץ האָט אונדז ניט איבערגעלאָזן קיין קאָפּיע פון „די גאָלדענע קייט" מיט די ווערטער: „אָט דאָס איז די גאָלדענע קייט, די פולסטע, מיינע", דעריבער האָט מאָריס שוואַרץ זיך ערלויבט, און מיט רעכט, צו נעמען אַזאַ קאָפּיע פון דער פּיעסע, וואָס איז אַמפּאַסיקסטן פאַר דער בינע, וואָס אים געפעלט, און אַז שוואַרץ האָט צום „נסיון" צוגעגעבן דעם ערשטן אַקט פון דער לעצטער קאָפּיע פון „די גאָלדענע קייט", האָט ער מיט דעם געצייגט, אַז ער האָט געשמאַק. ער האָט מיט דער קאָמבינירונג געגעבן דאָס בעסטע, דאָס בינע־מעסיקסטע און אויפריכטיקסטע פון אַלע גלגולים פון פרצס „גאָלדענע קייט" און ווייל פרץ האָט געוואָלט זיין „גאָלדענע קייט" האָבן אויך דער בינע און איז ניט אימשטאַנד געווען אַליין פון אַלע נוסחאות אויסצושטאַטן אַ בינע־מעסיקע פּיעסע, דאַן האָט אַ דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער דאָס רעכט פון די פאַראַנענע קאָפּיעס צו נעמען דאָס וואָס לאָזט זיך שפּילן און וואָס איז אין איר תוך די פולע „גאָלדענע קייט" פון פרץ.



מאָריס שוואַרץ און בערטאַ גערסטען

...די אויפפירונג פון דער פּיעסע איז דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן ווען געזען אין יידישן טעאַטער. דער ערשטער אַקט פון „די גאָלדענע קייט", וואָס ווערט געשפּילט אַלס פּראָלאָג, איז אונטער שוואַרצס רעזשי, אַרויס אַ מייסטערווערק, וואָס האָט זיך ניט צו שעמען פאַר דעם גרעסטן קונסט־טעאַטער אין דער וועלט. הלוואי וואָלט פּרץ דערלעבט עס צו זען. די איבעריקע פיר אַקטן ווערן אויך אויפגעפירט מיט ערנסט, געשמאַק און פאַרשטענדניש. די אויסשטאַטונג איז גלענצנד. בכלל זעען מיר דאָ אַזאַ ערנסט מצד דער רעזשי און די שוישפּילער צו וואָס מיר זיינען אויף דער יידישער בינע ניט געוווינט. שוואַרצן קומט זיכער די גרעסטע אָנערקענונג פון יעדן אינטעליגענטן צושויער פאַר אַרויסברענגען „די גאָלדענע קייט" אויף דער בינע אַזוי ווי ער האָט זי אַרויסגעבראַכט.

די פּיעסע ווערט אַרום און אַרום זייער גוט געשפּילט. שוואַרץ אַליין שפּילט פיר ראָלן, אַלע פיר רביים. וואָלט ער ביי מיר לכתחילה געפרעגט אַן עצה, וואָלט איך אים געראָטן צו שפּילן בלויז צוויי, העכסטנס דריי ראָלן. נאָר ניט פרעגנדיק האָט ער גענומען אַלע פיר ראָלן, מוז מען צוגעבן, אַז ער האָט באַוויזן דעם גרויסן וווּנדער און שפּילט זיי אַלע גוט. זיין שלמה האָט אַ ווונדערבאַרן גרים און האַלטונג. אַ קליין ביסעלע מער זיידיקייט וואָלט אָבער ניט געשאַדט. זיין פּנים איז אַ פּלאַסטישע פיגור, וואָס קריצט זיך איין אייך איין אויף אייביק אין אייער זכרון. דעם שוואַכן משה שפּילט ער מיט קינסטלערישער פולקומענהייט און זיין יונתן איז אויפריכטיק און איבערצייגנד. מער ניט, אין דעם מאָמענט פון נסיון געברויכט ער, דאַכט זיך, ניט דעם ריכטיקן טאָן. שוואַרץ דאַרף וועגן דעם נאָכדענקן. זיין שטימע איז גענוג רייך אין טענער. ער קאָן און דאַרף געפינען דעם ריכטיקן טאָן. צום שלוס גלייבט זיך אייך ניט, אַז איר האָט געזען איין מענטשן אין פיר פאַרשיידענע ראָלן. דאָס איז שוואַרצס גרויסער פאַרדינסט.

מ. סאַמואילאָוו אַלס ישראל דער גבאי שאַפט אַ קונסטפולע געשטאַלט פון דעם כיטרען גבאי, וואָס האַלט ביד חזקה אַן די מלוכה. עס איז זיין גרעסטע שאַפונג, וואָס ער האָט אונדז ווען געצייגט. ער גייט כמעט אויף אַ סעקונדע ניט אַרויס פון זיין ראָלע. בערטאַ גערסטען האָט אין לאהן אַן אומדאַנקבאַרע ראָלע. זי פירט זי אָבער זייער גוט דורך, באַזונדערס אין די לעצטע צוויי אַקטן. ווייַענפריינד האָט ווידער געצייגט, אַז ער קאָן די קלענסטע ראָלע גרויס מאַכן. ער האָט אַ שטומע ראָלע אין פּראָלאָג אַלס פּנחס און זיין שטומע פיגור רעדט צו אייך און איר פאַרשטייט איר שפּראַך. אין לעצטן אַקט אַלס סוחר, וואָס קומט צום רבין פרעגן צי ער זאָל קויפן פלאַקס אָדער קאָרן, שאַפט ווייזענפריינד ניט נאָר אַ לעבעדיקן מענטשן, נאָר וויקלט אויך פאַר אייך פאַנאַנדער דאָס בילד, וואָס פּרץ האָט געהאַט אין הינטערגרונט.



אין פּראָלאָג העלפט שאַפן די נייטיקע בין־השמשותדיקע שטימונג טייטעלבוים אַלס ערשטער ישיש. ליזע זילבערט אַלס מרים ברענגט ניט אַריין קיין שטימונג, אָבער קאַליע מאַכט זי אויך ניט, און דאָס איז אין דעם פאַל אויך אַ סך. די מיטגלידער פון קונסט־רינג אַלס די חסידים אין פּראָלאָג, זיינען זייער גוט רעזשיסירט און העלפן שאַפן די נייטיקע שטימונג אַרום דעם אַלטן שלמה, וואָס וויל דערהאַלטן דעם שבת. דובינסקי, דער פּרוש, איז כאַראַקטערפול. יעקב גאָלדשטיין שאַפט אַ שיינעם מתנגדישן סוחר און מאַכט אויך אַן איינדרוק אַלס דער אָפּגעקומענער גביר אין איידעמס (יונתן) קלויז, וואָס בעט יעדע ווײַלע אַ שמעק טאַבאַק ביי ישראלן און באַקומט ניט. ניט שלעכט איז אויך דבורה אַלס משהס צווייטע ווייב, אָבער אין איר שפּילן מערקט זיך אַ ביסל צופיל „יידיש טעאַטער". יאָ, איין לוסי גערמאַן אַלס די אַלטע דינסט ציפּע האָט באַוויזן, אַז אונדזערע יונגע אַקטעריסעס וואָלטן באַדאַרפט נעמען אַלטע ראָלן. גערמאַן די סוברעטין האָט געשאַפן אַ דראַמאַטישע ראָלע אַלס אַן אַלטע דינסט. אַלע איבעריקע, וואָס שפּילן מיט, אויב זיי העלפן ניט שאַפן, שטערן זיי אָבער אויך ניט דעם קונסט־ערפאָלג פון 'די גאָלדענע קייט'."

**די פראַגע צי מאָריס שוואַרץ האָט געהאַט אַ רעכט בכלל צו שטעלן די פּיעסע און צונויפצוגיסן פּרצס ערשטן וואַריאַנט („דער נסיון") מיטן לעצטן וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט" ווערט נאָך אַליך דעבאַטירט, און ישראל דער יענקי דריקט אַזוי אויס זיין מיינונג:**

„מען האַלט אין איין פאָרוואַרפן מאָריס שוואַרצן, דעם דירעקטאָר פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער", אַז ער איז באַגאַנגען אַן אומפאַרציילעכן פעלער דערמיט וואָס ער האָט אויפגעפירט י. ל. פּרצס „נסיון" אַנשטאָט „די גאָלדענע קייט". מאַנכע פון די קריטיקער זיינען אַזוי בייז אויף אים דערפאַר, אַז ווען זיי וואָלטן קאָנען, וואָלטן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש דערפאַר אַזוי ווי דעם ערגסטן פאַרברעכער. זיי שעמען זיך מיט פּרצס „נסיון" און זיי ווילן, אַז אויב מען ברענגט שוין „אונדזער פּרצן" אויף דער בינע, זאָל מען ברענגען דאָס שענערע פון אים, דאָס בעסערע, דאָס וואָס עס איז פאַרבליבן אַלס איינע פון די פּערלען פון אונדזער ליטעראַטור, און ניט דאָס „פאַרגאַנגענע", דאָס וואָס פּרץ האָט דערנאָך אַליין איבערגעמאַכט מיט דער האַנט און ניט געוואָלט מער קוקן אויף דעם.

אַז דיזע טענה איז לעכערלעך, קאָן זען יעדער וואָס איז נאָר עטוואָס באַקענט מיט דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור. שילער האָט אין זיין יוגנט געשריבן „די רויבער" און זיך דערנאָך געשעמט מיט דעם ווערק. געטע האָט אים אָנגעוויזן, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ ווילדער פלאָנטער פון סענסאַציאָנעלע געשעענישן צוגעפּאַסט איינער אויף [צו] דער אַנדערער, וועלכע האָבן ניט קיין שום ליטעראַרישן ווערט, אַ חוץ אפשר דאָ און דאָרט אַ שיינער געדאַנק אָדער אַ סצענקעלע, וואָס רופט אַרויס געפיל, און שילער האָט זיך אין דעם איבערצייגט, און ער האָט ניט איינמאָל אַרויסגעוויזן חרטה, עכטע חרטה אויף דעם שטיק, און דאָך האָט מען „די רויבער" געשפּילט און מען שפּילט די פּיעסע נאָך היינט, און קיינע פון די עכט־פּאָעטישע ווערק, וואָס שילער האָט נאָך „די רויבער" געשריבן, וועלכע שיינען מיילן העכער פון „די רויבער", שפּילט מען ניט, אָדער מען שפּילט זיי אַזוי זעלטן, אַז זיי ווערן קוים גערעכנט פאַר בינע־פּראָדוקטן. און דאָך האָט זיך ניט געפונען קיין איינציקער קריטיקער ביי די אומות העולם, וואָס זאָל מאַכן פאַרוואורפן צו טעאַטער־דירעקטאָרן פאַר דער אויפפירונג

פֿון „די רויבער“, ווייל אַלע פֿאַרשטייען, אַז „די רויבער“ איז אַ פּיעסע פֿאַר דער בינע, און אַז יעדער האָט אַ מאָראַלע רעכט אויפֿצופֿירן וואָס פֿאַרע שטיק ער וויל כל זמן דער פֿאַרפֿאַסער אַליין האָט ניט אָנגעשריבן קיין שום פֿאַרבאָט, אַז מען טאָר אַזאַ ווערק פֿון זיינע ניט אויפֿפֿירן.

כמעט דאָס זעלביקע איז געשען מיט הוגאָס „ערנאַני“, הוגאָ אַליין האָט זיך דערנאָך אין זיינע שפּעטערע יאָרן מיט דעם ווערק געשעמט און זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט דערפֿון, און דאָך ווערט „ערנאַני“ נאָך היינטיקן טאָג געשפּילט מיט ערפֿאָלג אויף די פֿאַרשיידענע בינעס, און די אַנדערע ווערק פֿון וויקטאָר הוגאָ, וועלכע האָבן אַ ווירקלעכן הויכן ווערט און ווערן פֿאַרעכנט צווישן די שענסטע אין דער דראַמאַטישער קונסט, זיינען אַזוי ווי אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. מען שפּילט זיי ניט. די בינע וויל פֿון זיי ניט וויסן.

אויב מען זאָל וועלן פֿאָלגן די יידיש קריטיקער, וואָס האָבן זיך גענומען אין קאָפּ אַריין, אַז מיר ווילן דווקא זען דעם שיינעם פּרץ, דעם ערהאַבענעם, דעם פּאָעט א.אַ.וו., וואָלט מען פֿון שעקספּירן געדאַרפֿט שפּילן בלויז איניקע פּיעסן, ווי „האַמלעט“, „מאַקבעט“ א.ד.ג. און אַלע אַנדערע וואָלט מען געדאַרפֿט פֿאַרוואַרפֿן. אַזעלכע פּיעסן ווי „די פֿריילעכע ווייבער פֿון ווינדזאָר“, „הענרי דער אַכטער“ וכדומה זיינען פֿאַרעכנט אַלס שוואַכע ווערק ניט נאָר פֿאַר שעקספּירן, נאָר אַפֿילו פֿאַר אַ פֿיל קלענערן פֿאַרפֿאַסער ווי ער איז געווען, און דאָך שפּילט מען זיי אין זיין נאָמען און עס פֿאַלט קיינעם ניט איין צו פּרעדיקן מוסר דערפֿאַר וואָס מען שפּילט זיי. מען וויל קיינעם ניט אַריינזעצן אין געפֿענגעניש דערפֿאַר. אַזוי ווייניק, צום ביישפּיל, האַלטן שעקספּירס פֿרומסטע אָנהענגער פֿון „הענרי דער אַכטער“, אַז זיי האָבן אים געזוכט אויף אַלע אופֿנים צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דער דאָזיקער ביליקער פּיעסע, און מאַנכע פֿון זיי זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זאָגאָר געזוכט צו באַווייזן, אַז ניט ער האָט די דאָזיקע פּיעסע געשריבן. אָט דאָס הייסט געשעמט זיך מיט אַ ווערק! און דאָך, ווער הערט זיי? מען שפּילט עס דאָך. מען פֿרעגט זיך ביי קיינעם ניט אָן. וועמענס עסק איז עס פֿאַרוואָס שוואַרץ האָט אויסגעקליבן דווקא פּרצס „נסיון“ און ניט „די גאָלדענע קייט“? עס איז ניט דעם קריטיקערס עובדא צו פֿאַרדעקן די יוגנט־זינד פֿון אַן אַלטן פֿאַרפֿאַסער. אדרבא, דעם קריטיקערס אַרבעט איז צו ווייזן, אַז דער ווירקלעכער זשעני, אַזוי ווי שילער, הוגאָ און אַנדערע פֿון זייער ראַנג, איז אין אָנפֿאַנג פֿון זיין ווירקן געווען אַ גאַנץ געוויינלעכער מענטש, ניט אַרויסגעצייגט קיין באַזונדערע ליטעראַרישע פֿעיִקייטן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך וואָס שאַרפֿער אַנטוויקלט און געשאַפֿן גרויסע, געניאַלע ווערק, אין דער צייט וואָס אַנדערע „געוויינלעכע“ פֿאַרפֿאַסערס זיינען טאַקע פֿאַרבליבן די זעלבע „געוויינלעכע“, האָט דער זשעני געמאַכט ריזן שריט אויף ווייטער און איז געוואָרן דער גדול פֿאַר וועלכן מען האָט אים שפּעטער דערמאָנט. דער קריטיקער דאַרף ניט זוכן צו באַהאַלטן, נאָר אויפֿדעקן, ווייזן, קלאָר מאַכן.

נאָר אין דעם איז שוואַרץ באַגאַנגען אַן אומבאַוווּסטזיניקן פֿאַרברעכן — ניט קיין פֿעלער, נאָר אַ פֿאַרברעכן — וואָס ער האָט גענומען דעם ערשטן אַקט פֿון דער „גאָלדענע קייט“ און צוגעטשעפּעט צום „נסיון“, שוואַרץ האָט אַרויסגעצייגט אויסערגעוויינלעכע פֿעיִקייטן אין שטעלן שווערע ליטעראַרישע זאַכן אויף אונדזער בינע. ער איז אין דיזן זינען ניט נאָר איינער פֿון די פּיאָנערן, נאָר אויך אַ פֿירער, אָבער מיט אַלע זיינע פֿעיִקייטן זעט מען, אַז ער קאָן זיך דאָך ניט באַפֿרייען פֿון דער טעאַטער־ערציִונג, וואָס ער האָט געקראָגן און וועלכע סטאַרטשעט אַרויס פֿון כמעט אַלע זיינע בינע־אונטערנעמונגען. ער איז ניט אָנגעזאַפּט מיטן ליטעראַרישן גייסט, מיט דער ליטעראַרישער מאָראַל. ער איז אויסגעוויקסט אין טעאַטער. אויף אַלעס, וואָס ער טוט, ליגט דער טעאַטער־שטעמפּל. אין טעאַטער ווייס מען, אַז אויב שעקספּירס אַ דראַמע איז צו לאַנג, ווערט זי „געקירצט פֿאַר דער בינע“. און ביי אים וואַקסט אויס אַ געדאַנק, אַז אויב אַזאַ זאַך איז מעגלעך, פֿאַרוואָס זאָל ניט מעגלעך זיין מען זאָל איבערטראָגן איין אַקט פֿון אַ דראַמע צום אָנפֿאַנג פֿון אַן אַנדער דראַמע פֿון דעם זעלבן פֿאַרפֿאַסער? אָבער מען קאָן דאָך קיינמאָל ניט אַריבערטראָגן אַן אַקט פֿון „ריכאַרד דעם דריטן“ אויף „אָטעלאָ“ אַפֿילו ווען מען זאָל דאָס אַ נאָמען געבן „פּראָלאָג“. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז פּרץ אַליין האָט אַזאַ זאַך ניט געוואַגט צו טאָן, וואָרעם אַזוי שנעל ווי פּרץ האָט געזען, אַז מען דאַרף אַן אַקט אָדער אַ „פּראָלאָג“ צום „נסיון“, האָט ער דאַן שוין אויך געזען, אַז מען דאַרף גאָר אַן אַנדער ווערק, אַ גאַנצע ווערק, און ער האָט געשאַפֿן „די גאָלדענע קייט“ און דערמיט זיך אַליין אויסגעלאַכט פֿון זיין „נסיון“. אָט דאָס איז דער אונטערשייד פֿון אַ מענטשן מיט אַ ליטעראַרישער דערציִונג ביז צום איינעם, וואָס האָט גענאָסן אַ טעאַטער־ערציִונג. דער ערשטער מאַכט אַ נייע, דער צווייטער שטוקעוועט, מעקט און „באַאַרבעט“. ווען שוואַרץ וואָלט געווען פֿאַרשטיין, אַז ער טאָר ניט נעמען אַן אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט“ און אַריבערטראָגן אויפֿן „נסיון“, וואָלט ער דאָך אפֿשר אויך איינגעזען, אַז „דער נסיון“ אַליין ווי ער שטייט און גייט, אָן דעם שטוקעווען, איז קיין פּיעסע ניט און איז ניט ווערט די אויפֿפֿירונג און ער וואָלט אפֿשר אינגאַנצן פֿאַרשפּאָרט אַזויפֿיל מי. אַזאַ האַנדלונג וואָלט געוויס געפֿירט צו מער געווינטשטע רעזולטאַטן. ווען מען האָט געוואָלט אין פֿראַנקרייך שאַפֿן דעם לעצטן קאַפּיטל פֿון „נאָטר דאַם דע פּאַרי“, וועלכע הוגאָ האָט געלאָזט ניט געענדיקט, האָט די פֿראַנצויזישע אַקאַדעמיע אַ לאַנגע צייט זיך וועגן דעם מיישב געווען. קאָנפֿערענצן פֿון די מיטגלידער פֿון דער אַקאַדעמיע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן און עס איז געבליבן דאָס איבערצוגעבן איינעם פֿון די גרעסטע קינסטלער פֿון יענער צייט, אַז ער זאָל צושרייבן דעם סוף, און ער האָט עס ווירקלעך געטאָן מיט גרויס ערפֿאָלג.

אויב שוואַרץ האָט געמיינט, אַז פּרץ איז ניט געווען פֿעיִק גענוג זיך אַליין צו רעדאַגירן און עס איז נייטיק געווען ער, שוואַרץ, זאָל דאָס טאָן, האָט ער אויך געמעגט צוזאַמענרופֿן די יידישע „אַקאַדעמיע“ און וועגן דעם באַשליסן, און רופֿן האָט ער געדאַרפֿט ניט בסוד סודות, ווי ער האָט, זאָגט מען, ביי אַ פּאָר דווקא יאָ אָנגעפֿרעגט, נאָר אין דער גרויסער, ברייטער עפֿנטלעכקייט, און ניט וואָס ער וועט אויסקלייבן און מיינען, אַז זיי זיינען קאָמפּעטענט, נאָר די וואָס וועלן פֿון די קאָמפּעטענטע אויסגעקליבן ווערן. ער וואָלט דאַן געקומען צו דער פֿאַר אים אַנטוישטער ערפֿאַרונג, אַז ווערנד מען קאָן זיך פֿילייכט, אונטער געוויסע אומשטאַנדן, ערלויבן צוצושרייבן אַ קאַפּיטל צו אַ ניט־פֿאַרענדיקטן ראָמאַן, קאָן מען בשום אופֿן ניט אַריבערטראָגן אַן אַקט פֿון אַ ווערק, וואָס אַ שריפֿטשטעלער האָט געשאַפֿן אויף אַן אַנדער פֿון זיינע ווערק פֿון וועלכן דער פֿאַרפֿאַסער האָט ניט מער געהאַלטן. ער וואָלט אויך ערפֿאַרן, אַז מען קאָן ניט אַריבערטראָגן דעם נאָמען פֿון איין ווערק אויפֿן צווייטן, אַז מען טאָר ניט נעמען דעם נאָמען „די גאָלדענע קייט“ און אים אָנהענגען אויף אַ פּיעסע, וואָס הייסט „דער נסיון“. ער וואָלט דאַן ערפֿאַרן פֿיל זאַכן, וואָס וואָלטן אים ניט געשמעקט און

ער וואָלט פֿיליכט דעם גאַנצן פּלאַן פֿאַרוואַרפֿן. ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, אַז „דער נסיון" איז ניט „די גאָלדענע קייט", נאָר אַן אָפּגעריסענע קייט, עס וואָלט געזען, אַז ווערנד „די גאָלדענע קייט" איז דורכגעדרונגען דורך און דורך מיטן אידעאַליזם, קומט אין „נסיון" דער מאַטעריאַליזם און פּרעסט אויף דעם אידעאַליזם. און אַז דאָס איז דעריבער אינגאַנצן אַן אַנדער זאַך. פּרץ האָט געזען, אַז מען קאָן ניט נעמען אַן אַלטע, צעבראָכענע, אָפּגעפּאָרענע חורבה און זאָגן, אַז מען ווינט אין אַ שפּאָגל ניי הויז מיט „אַלע מאָדערנע אימפּרוווּמענטס" [איינריכטונגען], און ער האָט דעריבער פֿאַר זיך געבויט אַ נייע הויז. שוואַרץ האָט דאָס ניט געזען און ער האָט געטאָן ווי די היינטיקע ריעלעסטייט לייט [סוחרים מיט פּלעצער און געביידעס] און לענדלאָרדס [הויז־אייגנטימער] טוען. ער האָט געלייגט אַ „פּעטש" [אַ לאַטע] אויפֿן דאַך, איבערגעפֿאַרבט, צוגעפּוצט, געצויגן אַ פּאָר פּייפּס [רערן], אַריינגעשטעלט, און אויך דאָרט ווו עס דאַרף גאָר זיין דער פּאַרלאָר [סאַלאָן] און ניט די קיטשן [קיך] און אַרויסגעשטעלט „טו לעט" [צו פֿאַרדינען] מיט „אַלע אימפּרוווּמענטס".

אָט אין דעם ליגט דער אומבאַוווּסטזיניקער פֿאַרברעכן, וואָס שוואַרץ איז באַגאַנגען. ווי געזאָגט, אין דעם איז נאָר שולדיק שוואַרצס טעאַטער־ערציונג און ניט זיין שלעכטער ווילן, וואָרעם אַנדערש וואָלט מען אויף אים געדאַרפֿט מקיים זיין דאָס ווייבערישע ווערטל:

— „פֿאַר אַזאַ חלה באַקן דאַרף מען די הענט אָפּהאַקן".

**און דאָ מאַכט דער שרייבער אַן אַנאַליז פֿון די צוויי פּיעסן:**

„די גאָלדענע קייט" און „דער נסיון" זיינען צוויי פֿאַרשיידענע ווערק פֿון צוויי פֿאַרשיידענע פֿאַרפֿאַסערס, כאָטש די פֿאַרפֿאַסערס הייסן ביידע פּרץ. אַזוי פֿאַרשיידן זיינען די צוויי, אַז [ווי] זיי האָבן [וואָלטן] אַפֿילו איינער דעם אַנדערן ניט געקענט. פּרץ דער ערשטער האָט געשילדערט אַ פּנחס, אַ מעלאָדראַמאַטישן אינטריגאַנט, אַ טעאַטראַלישן מערדער און אַ פֿאַרשטעלטן פֿערד־גנב, און דער צווייטער פּרץ האָט געשילדערט אַ פּנחס אַ שטרענגען אידעאַליסט, וואָס האָט געשטרעבט צו באַגליקן דאָס יידנטום, די מענטשהייט. דער ערשטער פּנחס איז אין בעסטן פֿאַל אַ פֿאַרשוין ביי וועלכן דער צוועק דינט די מיטלען, און דער צווייטער איז אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס דערהייבט זיך קעגן אַלטן און זוכט, אַפֿילו ווען דאָס איז שטרענגקייט צו ברענגען דאָס נייע, דעם פּראָגרעס, וואָס צעטרעט דאָס אַלטע, ניט קוקנדיק, וואָס אונטער זיינע פֿיס קרעכצן מענטשלעכע נשמות. און אַזוי גייט דער גאַנצער פֿאַרגלייך דורך די צוויי באַזונדערע ווערק פֿון די צוויי באַזונדערע פּרצעס. די קאָנטראַסטן אַליין פֿון די צוויי וואָלטן געקאָנט אָנפֿילן אַ בוך, שוין ניט ריידנדיק פֿון דער פֿאַרשיידנקייט אין סצענעס און סטיל. די גאַנצע מעשה מיטן קעלער, מיט דער מערדערלעכער באַהאַנדלונג פֿון לאהן און ציפּעס באַזאָרגטקייט און די גאַנצע האַנדלונג פֿון לאהס ליבע צום אַפּטייקער, און די אינטריגעס פֿון ישראל דעם גבאי געפֿינט איר צוגעגרייט אין „די רויבער" און „ערנאַני", אין פֿילע דייטשע ראָמאַנען און פּיעסן פֿון די עלטערע צייטן, און אַפֿילו אין „לע מיזעראַבל". אַלעס געדרייט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. פּרץ איז דאָך געווען איבערפֿולט מיט דיזער אַזוי־גערופֿענער קלאַסישער ליטעראַטור און ער האָט זיכער געמיינט, אַז אָן שווערע פּלאָנטערס און סענסאַציעס גייט עס אויף דער בינע ניט און ער האָט די אַלטע טעמע איבערגעפֿלאַנצט



אויפֿן יידישן פֿעלד און אויסגעפֿילט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער. עס איז ניט קיין ספּעציעל יידישעס אין דעם, כאָטש „דער נסיון" איז אָנגעפֿולט, דאַכט זיך, מיט דער עכטסטער פֿרומסטער יידישקייט.

אין דער השכלה־צייט, ווען מען האָט פֿון אַלע זייטן גענומען טייטשן דעם פֿאַנאַטיזם, איז עס געווען אַ געוויינלעכע זאַך צו שרייבן וועגן אַ גוטן יידן, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן, רויבער און מערדער ... דאָס איז איינס פֿון די סיבות וואָס מאַכט „דעם נסיון" פֿאַר אַ פֿאַרעלטערטע זאַך, וואָס האָט פֿאַר דער היינטיקער בינע אַפֿילו קיין ריין טעאַטראַלישן ווערט ניט".

**און איצט טרעט ישראל דער יענקי צו צו דער אויפֿפֿירונג און דעם שפּילן גופֿא:**

„די אויפֿפֿירונג איז גלענצנד. מען קאָן גלייך זען, אַז די דאָזיקע אויפֿפֿירונג איז געווען פֿאַרבונדן מיט אומגעהייערע שוועריקייטן און אַז ס'האָט זיך געפֿאָדערט די האַנט פֿון אַ מייסטער. איר זעט אויך, אַז שוואַרץ האָט אין דיזן ענין געמאַכט פֿיל פֿאָרטשריט זייט די אויפֿפֿירונג פֿון „טביה דעם מילכיקן". דאָרט זעט איר טביהן אַרבעטנדיק „אָווערטיים" [איבערשעהן] און עס שיינט אויך, אַז די גאַנצע בינע איז ווי פֿאַרוואַנדלט אין אַ מענאַזשעריע פֿון חיות און עופֿות, און די גאַנצע אויפֿפֿירונג שמעקט מיט אַ בייז יאָגעניש נאָך טעאַטראַלישע עפֿעקטן. דאָ געפֿאַלט [קומט פֿאָר] אַלעס נאַטירלעך— מיט איניקע אומבאַטייטנדע אויסנאַמען — און איר באַמערקט אַ שטרענגע ערנסטקייט אויפֿצוטאָן עטוואָס גוטס, עטוואָס וואָס איז שטאַנדהאַפֿט, און, פֿאַרקערט, אַ שטרענגע אויסהיטעניש פֿון אַלעס, וואָס קאָן פֿאַרטייטשט ווערן אַלס טעאַטראַלישער עפֿעקט אָדער געקינצלט און אויבערפֿלאַכלעך.

מאַנכע וואַרפֿן פֿאָר שוואַרצן פֿאַרוואָס ער האָט אויף זיך גענומען אַזעלכע פֿיר שווערע ראָלן ווי שלמה, פּנחס, משה און יונתן, כאָטש זיי גיבן צו, אַז ער האָט זיך אין אַלע אויסגעצייכנט. זיי פֿאַרדריסט פֿאַרוואָס ער האָט אויך ניט אַנדערע אָנגעוואָרפֿן אַ פּאָר פֿון די ראָלן. אָבער וואָלט ער דאָס געטאָן, וואָלט ער געוויס באַגאַנגען אַן אומפֿאַרציילעכן פֿעלער. ער איז פּראָסט צו באַוווּנדערן וואָס זיין אַרטיסטישער אינסטינקט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, האָט שוואַרצן אונטערגעזאָגט, אַז בלויז איינער דאַרף שפּילן די דאָזיקע „פֿיר פּערזאָנען", וואָס פּרץ האָט געשילדערט, ווייל אַלע צוזאַמען זיינען זיי ניט מער ווי איינער, כאָטש עס דאַכט זיך אויס, אַז זיי זיינען פֿיר. זיי זיינען אַלע צוזאַמען דער יונגער אידעאַליזם פֿון דער יוגנט, דער גייסט פֿון אָפּאָזיציאָן פֿון די פֿריע מיטעלע יאָרן, די ספֿקות פֿון די שפּעטערע מיטעלע יאָרן און די אַנטוויקלונג פֿון דעם באַלד פֿולשטענדיקן מאַטעריאַליזם אויף די עלטערע יאָרן. אַלעס צוזאַמען דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דעם לעבן פֿון איין און איינציקע דיזעלבע פּערזאָן. און כאָטש יונתן איז דער יונגסטער, איז ער דער עלטסטער, און כאָטש שלמה איז דער עלטסטער, איז ער דער יונגסטער. זיי זיינען יעדער באַזונדער אַ באַזונדערע אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פֿון אַ מענטשלעכן לעבן. אויב שוואַרץ האָט דאָס ניט וויסנשאַפֿטלעך און אַנאַליטיש באַגריפֿן, האָט ער דאָס געפֿילט, ניט וויסנדיק פֿיליכט פֿאַרוואָס ער האָט דאָס אויף זיך גענומען — די גאַנצע פֿיר, וואָס בייט פֿיר מאָל איר נאָמען בלויז, און פֿון זיין „געלאַסענעם" שפּילן אַלע פֿיר, זעט מען, אַז ער האָט זיי באַגריפֿן ווי אַלס איינע און דיזעלבע פּערזאָן מיט פֿאַרשיידענע „סטאַנציעס" אין לעבן. דאָס איז דער סוד פֿון זיין עכטער, כמעט פּע־



מאָריס שוואַרץ אַלס „רבי יונתן" און בערטאַ גערסטען אַלס „לאה"

לערלאָזער שילדערונג פֿון די פֿיר „באַזונדערע" כאַראַקטערע, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין שווערן קאָמפּליצירטן מענטשלעכן כאַראַקטער. די אמתע „קייט" ציט זיך דאָ ניט אין דער צאָל רביים פֿון דער „קייט", נאָר אין די פֿאַרשיידענע געשטאַלטן, וואָס דער עכטער אידעאַליסט נעמט אָן אין די פֿאַרשיידענע פעריאָדן פון זיין לעבן. איין פעריאָד איז אַ פאָלגע [רעזולטאַט] פון דער צווייטער און זי איז כמעט איינגעשלאָסן אין דעם לעבנס־צייט ווי אַ רינגל אין אַ קייט. אָט דיזע „קייט" האָט פרץ אויך אינטויטיוו געפֿילט ווען ער האָט די פֿיר כאַראַקטערע געשאַפֿן.

די איינציקע וואָס האָט צו שפּילן פֿאַרשיידענע כאַראַקטערע איז מאַד. בערטאַ גערסטען, וועלכע איז געווים דריי גאַנץ פֿאַרשיידענע פערזאָנען — איינע, איידער זי ווערט אַריינגעוואָרפֿן אין קעלער, די צווייטע, נאָכדעם ווי זי ווערט פון קעלער אַרויסגעגראָבן און די דריטע ווען איר נערוון־קראַנקייט טרייבט איר צו אונטערטרעגלעכן פֿאַנאַטיזם. די פערזאָן פֿון דער ערשטער לאה ווערט פֿיל פֿאַרטונקלט דורך דעם לאַנגן „לעקטשורן", וואָס דער פֿאַרפֿאַסער האָט איר געגעבן. דאָך האַלט מאַד. גערסטען אָן דעם אינטערעס דורך דעם גערעכטן פראָטעסט וואָס איר געלינגט אַרויסצוברענגען אויף איר פּנים, אָפּגעזען פֿון די מיד־מאַכנדע דרשות, וואָס דאַרפֿן כלומרשט אויסדריקן דעם זעלבן פראָטעסט. אין די אַנדערע צוויי האָט זי מער האַנדלונג ווי מאָנאָלאָגן, און זי האָט דעריבער מער געלעגנהייט אַרויסצוצייגן איר קרעפֿטיקן טאַלענט. די היסטערישע רעליגיעזע התלהבות־סצענע פֿון דער אומגליקלעכער דריטער לאה ברענגט זי אַרויס מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט.

מ. סאַמואילאָוו אַלס ישראל דער גבאי איז אַן אויסגעהאַלטענע פיגור פון אָנפאַנג ביז אין סוף, און דאָס וואָס ער גיט אַפילו ניט אַ קנייטש מיטן שטערן און איז אַזאַ פֿאַרדאַמט קאַלטער, אויסגערעכנטער גזלן און רעדט נאָר תכלית, און אַפילו זיין שווייגן מיינט תכלית, פּאַסט דוקא שטאַרק צום רימל. סאַמואילאָוו שפּילט די פערזאָן מיט אַ היבש ביסל איינגעהאַלטנקייט און דאָס איז אויך





געטראָפֿן. מאַד. זילבערט אַלס מרים איז אַן עכט ראָמאַנטישע פֿיגור, אָבער אָפּט איז זי צופֿיל אין הימל און צו ווייניק אויף דער ערד. אַפילו אַזאַ מרים איז פון פלייש און בלוט. מאַד. סאַלטשע שאָר אַלס דבורה איז די געוויינלעכע מרשעת פֿון שונד־ראָמאַנען און איר פיגור איז אומינטערעסאַנט אין בעסטן פאַל. אַפילו דער גרעאָטנסטער סאָרט שפּילן קאָן די דאָזיקע פֿיגור ניט מאַכן אינטערעסאַנט. לוסי גערמאַן אַלס ציפּע די דינסט זוכט עפֿעקטן אין ערשטן אַקט, אָבער זי פֿאַריכט זיך וואָס ווייטער. זי גייט און קומט אַרויס צום סוף כמעט פֿולקומען. איר פּנים איז עכט. יעקב גאָלדשטיין שפּילט אַ האַלב לעבלאָזן גבריאל. מאַלע וואָס עס קאָן פּאַסירן וואָס עס זאָל פֿון אַ מענטשן ווערן אַ צעבראָכענער שאַרבן, דאַרף ער זיך אַזוי אַפּלאָזן? דאָך לעבט ער אויף ווען עס קומט צו אַ שמעק טאַבאַק... מאַד. פֿערקויף און מאַד. ליאַנסקי, די ערשטע אַלס חוה און די צווייטע אַלס אסתר, טוען דאָס בעסטע וואָס איז נאָר מעגלעך, אָבער די טיפּן זיינען אויסערגעוויינלעך בלאָסע און זיי [פֿאַר]שווינדן מיט אויגן קוקנדיק. מוני ווײַזענפריינד אַלס דער „סוחר" איז אַ שטיק לעבן פון „היימישן יידן". דיזער גאַנצער מין לעבן שפּיגלט זיך אָפּ אין ווײַזענפריינד יעדע מינע און באַוועגונג. אַ גליק, וואָס ער איז ניט קיין קאָמיקער, ווער ווייס אין וויפֿל איבערטרייבונגען ער וואָלט דאַמאָלס אַריינגעפֿאַלן. לייבעלע פּרוש איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ און י. דובינסקי ברענגט אים פֿאַרטרעפֿלעך אַרויס. טייטעלבוים, פֿערקויף און די פֿילע פֿון „קונסט־רינג", וואָס זיינען אָנטיילנעמער אין דעם שטיק, געבן אַן אמתע לעבנס־פֿאַרב צו די סצענעס, וואָס זיי העלפֿן אויספֿירן. די צופּעליקע מוזיק אין די אנטראַקטן פֿון א. פּערלמוטער זיינען העכסט אָנגענעם".

**אין זיין רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג שרייבט י. ענטין:**

„הייסן הייסט עס „די גאָלדענע קייט" און אַלס „די גאָלדענע קייט" ווערט עס ווייט און ברייט רעקלאַמירט, אָבער דאָס איז אַ חלול הקודש, וואָס ווערט קוים־קוים געמילדערט מיטן רעזשיסערס מודה זיין זיך מיט קליינע ווערטערלעך אין אַ ווינקל פון פּראָגראַם, אַז דעם הער שוואַרצס „גאָלדענע קייט" איז גאָר פרצס „נסיון" און בלויז דער אַזוי־גערופענער פּראָלאָג איז פון מייסטערס באַרימטער פּאָעטישער דראַמע. עס איז אמת, ווי עס שטייט אין פּראָגראַם, אַז „דער נסיון" איז נאָר אַ ווערסיע פון „דער גאָלדענע קייט", אָבער וואָלט דער הער שוואַרץ (אָדער די מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אים) וועלן זאָגן דעם אמתן אמת, וואָלט ער געדאַרפט מודה זיין, אַז צווישן דעם „נסיון" און דער „גאָלדענע קייט" זיינען אַוועק אַ סך יאָרן און דורך דער גאַנצער צייט האָט פרץ מער ווי איין מאָל (און עס זיינען טאַקע דאָ מער ווי „צוויי ווערסיאָנען", הער רעזשיסער) איבערגעשליפן און אַרומגעשליפן, אַזוי אַז די ערשטע איז, ערלעך גערעדט, ניט קיין ווערזיאָן פון דער צווייטער, נאָר אַ רויע סקיצע, אַז צווישן דער ערשטער און דער ווייטער איז דאָ אַ מהלך ווי פון שאַבלאָנער, נאָר קלוגער שונד ביז הויכער פּאָעזיע, פון השכלהדיקער חוזק־מאַכעריי ביז הויכער חסידיש־ראָמאַנטישער התלהבות און טראַגיש־ווייטיקער מאָדערן־יידישער גאָט־זוכעניש. דער חילוק צווישן די צוויי פּיעסן איז דער חילוק אין גאַנצן מענטשן. אין „דער גאָלדענער קייט" איז עס גאָר אַן אַנדערער מענטש, גאָר אַן אַנדער פרץ געווען, מיט גאָר אַן אַנדער בליק אויפן לעבן בכלל, אויפן אַלגעמיינעם בכלל און אויפן יידישן בפרט. און אויב דער פרץ פון די ערשטע יאָרן

פֿאַרנעמט עפּעס אַ פּלאַץ אין אונדזער האַרצן, אין אונדזער זכרון, איז עס אָבער גאַנץ אומבאַטייטנט לגבי דעם אָרט וואָס דער צווייטער פּרץ פֿאַרנעמט ביי אונדז, און אָט אָ דעם פּרץ ליבן מיר, און זיינען מיר שוין יאָ זוכה צו זען פּרצן אויף דער בינע, איז עס נאָר דעם צווייטן, אָבער ניט דעם ערשטן. ווער רעדט נאָך דאָרט וווּ מיר קאָנען אויסוויילן צווישן די צוויי...

עס איז אמת, אַז מיט אַ דרייצן־פֿערצן יאָר פֿריער האָט פּרץ אַליין געלאָזט דעם הער שפּאַכנער פֿון „ווינדזאָר־טעאַטער" אויפֿפֿירן דעם „נסיון", אָבער ראשית, איז דאָך דאַמאָלס קיין „גאָלדענע קייט" ניט געווען, צווייטנס, האָט פּרץ אַליין, געהערנדיק צו זיך אַליין די נאַרישקייט געקאָנט באַגיין. איצט אָבער געהערט שוין פּרץ און אַלץ מיט אים צו דער יידישער ליטעראַטור־היסטאָריע, און זי וויל ניט, אַז מען זאָל איר באַליבטן פּרצס נאָמען און איינס פֿון זיינע שענסטע ווערק אַלס פֿאַרנאַרנדע רעקלאַמע באַנוצן. דריטנס, איז דאַמאָלס „דער נסיון", צום גליק, אַזוי שלעכט אויפֿגעפֿירט געוואָרן, אַז די פּיעסע איז געשטאָרבן מיטן טויט פֿון אַ בן־פּקוע [אומנאָרמאַל קינד]. איצט אָבער ווערט די פּיעסע אַזוי מיזאָם, ערטערווייז אַזוי גוט אויפֿגעפֿירט, אַז זי קאָן נאָר אַן ערפֿאָלג האָבן, וואָס דאָס וועט האָבן אַ צווייענדיקע שלעכטע ווירקונג. אי ס'וועט דעם עולם אַ שלעכטע גראָבן באַגריף פֿון אונדזער פּרצן געבן, אי ר'וועט דינען אַלס אונטערשפּאַרונג צו דער איינפֿאַלנדער ממשלה פֿון שונד אויף אונדזער בינע.

איך שעץ זייער און זייער דעם הער שוואַרצס אַמביציע און ענערגיע, זיין אונטערנעמונגס־גייסט. איך האָב אויך אַן אַנונג, אַז ניט גרינג קומט אים אָן צו שטעלן אַפֿילו אַזעלכע זאַכן ווי „דער נסיון", אָבער ער האָט, ראשית, ניט געטאָרט איצט שפּילן „דעם נסיון", אַ פּיעסע, וואָס איז ליטעראַריש ווי דראַמאַטיש שוואַך און פֿון יידיש־פֿילאָזאָפֿישן שטאַנדפּונקט איז עס אַלט, אָפּגעלעבט און אומווירדיק פֿאַר פּרצן און פֿאַר אונדזער צייט. והשנית, איז זייער ניט שיין אַרויסצופֿירן אַזאַ טאַמבאַק ווי „דער נסיון" מיט די גאָלד־פֿעדים פֿון „דער גאָלדענער קייט", עס לאָזן פֿאַרביישימערן פֿאַרן עולם אַלס ריינסטן מעטאַל. והשלישית, איז זייער געשמאַקלאָז צונויפֿצופּאָרן דעם ערשטן אַקט פֿון „דער גאָלדענער קייט" מיט די פֿיר אַקטן פֿון „נסיון", דערצו נאָך אַלס פּראָלאָג, וואָס דורכדעם ליידן ביידע. און וואָס איז נאָך ערגער, ביים עולם אין קאָפּ מוז דורכדעם פֿאַרקומען אַן עסטעטישע צעמישעניש, וואָרעם אין אמתן זיינען עס גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן מיט צוויי באַזונדערע אידעען, באַזונדערע פּלענער, אויך אַז דער „פּראָלאָג" קלעבט זיך טאַקע צו דער פּיעסע ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

„די גאָלדענע קייט" איז ניט בלויז פּאָעטיש איינס פֿון די שענסטע און געדאַנקען־פֿיינסטע זאַכן, וואָס אונדזער דראַמאַטישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט. עס איז אויך זייער איידל אין אַלגעמיין ליטעראַרישן זין. נעמט, למשל, דעם גבאי ישראל ווי איידל ער איז אין „דער גאָלדענער קייט", ווי שיין מענטשלעך דער דיכטער האָט אים אויפֿגעפּאַסט, און פֿאַרגלייכט אים פֿון דער אַנדערער זייט מיט ישראל פֿון „נסיון", וווּ ער איז דער געוויינלעכער אינטריגאַנט, די געוויינלעכע שוואַרצע גבורה פֿון די בלעטלעך. אָדער נעמט דעם צווייטן גוטן יידן, פּנחסן. אין „נסיון" איז ער בלויז אַ שוואַרצע מאַסקע פֿון אַ מענטשן, אַ רוצח, אַ שווינדלער און אַ דעספּאָט, און בלויז אין איין איינציקן מאָמענט אין זיין שמועס אין ערשטן אַקט מיט אַ האַלב מתנגדישן רבין, גליט אין אים



אויף אַ פֿונק פֿון דעם מיסטיקער, פֿון דעם מענטשן, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט וווּנדער. איינס אָבער, אין דער „גאָלדענער קייט" איז ער ניט נאָר אַ מענטש (אמת, אַ ביסל צו אַ בלאַסלעכער), נאָר אויך אַ גאַנצער שוטה. אויב ער איז מורד קעגן זיין טאַטן, איז עס, ווייל ער וויל פֿאַרלירן די וועלט. אויב ער איז שטרענג צו מענטשן, איז עס ווייל עס שטעלט צו די מענטשן די העכסטע פֿאָדערונגען. ענלעך איז מיט לאהס קראַנקייט. אין „נסיון" איז עס אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע זאַך, וווּ די פּסיכיאַטריע דרינגט ווי געפּשטלט און אַלץ צוזאַמען מאַכט אַן אומגלויבלעכן מעלאָדראַמאַטישן איינדרוק, בשעת אין די „גאָלדענע קייט" איז לאהס קראַנקייט דורכויס אַ גייסטיקע און איז די קראַנקייט פֿון אונדזער גאַנצן יידישן דור, פֿון אַ דור, וואָס האָבנדיק פֿאַרלאָרן דעם גלויבן, בלאָנדזשעט ער אַרום אין עולם התועה, אין באַוווסטזיין, אַז מען האָט פֿאַרלאָרן עפּעס שיינעס, הויכעס און דויערהאַפֿטיקעס.

דער „נסיון", שטאַמנדיק העכסט וואַרשיינלעך פֿון די צייטן „דאָס שטריימל" און די סימבאָלישע מעשהלעך, איז פּעסימיסטיש. די גאָלדענע קייט פֿון דעם בעל שמס גזע, הערלעכקייט פֿון חסידיזם, אויף וויפֿל דערפֿון איז נאָך אין „נסיון" פֿאַרבליבן, ווערט, הייסט עס, אויך איבערגעריסן. „די גאָלדענע קייט", וואָס שטאַמט פֿון צייטן קורץ פֿאַר די הייליקע אויפֿמונטערנדע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס", איז האָפֿנונגספֿול. די גאָלדענע קייט ווערט ניט איבערגעריסן. יונתן דער שטאַרקער און פּאָעטישער אור־איניקל ווערט רבי אויפֿן אָרט פֿון צעבראָכענעם, צווייפֿלנדיקן איניקל משה. אַ רמז צו אונדז און צו אונדזער צייט, אַז לא אלמן ישראל, דאָס שיינע און הערלעכע אין אַ באַנייט פּאָעטישער פֿאָרמע זאָל עס צו די דורות איבערגיין.

איז פֿאַרוואָס זשע האָט דער הער שוואַרץ, אויב ער האָט שוין יאָ אין זיך געפֿונען דעם מוט די „גאָלדענע קייט" צו שפּילן, טאַקע ניט דאָס ריכטיקע געשטעלט? אמת, עס איז שווער, עס איז ניט דראַמאַטיש, איבערהויפּט פֿאַלן די לעצטע צוויי אַקטן מוראַדיק אַראָפּ לגבי דעם ערשטן, און דאָס זיינען וואַרשיינלעך די סיבות פֿאַרוואָס מען פֿירט די פּיעסע טאַקע ניט אויף, אָבער צי איז דען „דער נסיון" אַפֿילו אין סצעניש זין באַטייטנט בעסער פֿון „די גאָלדענע קייט", און אויב שוין אין דער „צייט" איז דער איבערגאַנג פֿון ערשטן אַקט צום צווייטן אַקט אַ מוראַדיקע ירידה, טאָ ווי טיף איז שוין די מפּלה פֿון הייליק־הויכן ערשטן אַקט פֿון „גאָלדענע קייט" צום ביליקן, גרוי־מעלאָדראַמאַטישן ערשטן אַקט פֿון „נסיון".

ווי געזאָגט, איז דער „נסיון" (אין איצטיקן פֿאַל פֿאַר דער פּיעסע גופֿא אָן דעם „פּראָלאָג") פֿון אַ גאַנץ קליינעם ליטעראַרישן און דראַמאַטישן ווערט. פּרץ איז זעלטן וווּ דראַמאַטיש און כמעט אַלע זיינע פּיעסן זיינען קוים פֿיל מער ווי אויסגעברייטערטע סקיצן אָדער מעשהלעך אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם. פּרץ איז אָבער כמעט אימער טעאַטראַליש. אַן אויסנאַמע איז ער נאָר דאָרט, וווּ ער איז אַ משכיל, וווּ ער פּרעדיקט און שפּאָט (אָבער ניט דאָרט וווּ ער איראָניזירט) און דאָרט וווּ ער פּרוּווט שילדערן דעם היינטיקן אינטעליגענט. און אָט דאָס טאַקע איז געשען מיטן „נסיון". דער גרויסער באַזינגער פֿון חסידיזם האָט זיך גראָד געשטעלט צו צו אים אין אַ ביטערער פּאָזע אויפֿן שטייגער פֿון פּרץ סמאָלענסקי און אַנדערע העברעישע משכילישע נאָוועליסטן, וואָס איינער פֿון זיי איז אויך פּרץ אין זיינע יונגע יאָרן געווען. דערצו

קאָנצענטרירט זיך דער חוזק אין דער פּערזאָן פון לאהן, וועלכע דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן די היינטיקע יידישע טאָכטער, איז זי, אַלס משכילישע בעל דרשנטע אַרויסגעקומען שרייענדיק פאַלש און אַלס אַ פּסיכאָלאָגישער פאַרשוין שטאַרק געקינצלט, ווי פּרצס אייניקע אַנדערע פּערזענלעכקייטן, אַלטע און נייע פון דעם זעלבן זשאַנר. עס איז אָבער דאָך פּרץ, דער קלוגער, דער ליטעראַט, דער „פיינער שרייבער". זיינען אַפילו אין „נסיון" פאַראַן אייניקע גוטע מאָמענטן און אַ גאָר שיינע סצענקעס, ריכטיקער, עפּיזאָדן. די סצענקעלע פון פּנחסעס קליינעם ויכוח מיט רב, די וועלט איז ניט פּראָסט פּשוט אָן סודות, איז זייער כאַראַקטעריסטיש. דער עפּיזאָד מיטן פלאַקס־סוחר אין פערטן אַקט איז זייער אַ געלונגענער און אַ גאַנץ גוטע נאָכאַמונג איז ישראל גבאיס תורה אין דריטן אַקט. אָבער מיט דעם שעפּט זיך אויס דאָס גאַנץ גוטע וואָס איז אין דער פּיעסע, בשעת דאָס שלעכטע, דאָס מעלאָדראַמאַטישע, דאָס שאַבלאָנע און דאָס גאָרניט־זאָגנדע איבערהויפּט רינגלט אַרום אירע אַלע ברעגעס און פּילט אויס דעם גרעסטן טייל פון איר אינעווייניקסטן.

האָט זיך צוליב דאָס ביסעלע גוטע און אַלט־אָפּגעלעבטע פון פּרצס אַליין־פאַרוואָרפענע זאַך געלוינט מחיה מתים צו זיין? דאָס איז וועגן דער פּיעסע. וועגן דאָס שפּילן און דער גאַנצער אויפפירונג — מאָרגן".

### וועגן דער אויפפירונג און דאָס שפּילן שרייבט י. ענטין:

„אָפּגעזען פון דער עצם פראַגע צי האָט דער הער מאָריס שוואַרץ באַדאַרפט אויפפירן פּרצס „נסיון" אָדער ניין, און צי האָט ער געמעגט צונויפפאָרן אַזאַ שעטנז ווי דעם ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" מיט דער פּיעסע, און כאָטש עס איז בלתי ספק ניט שיין די איצטיקע פּיעסע אַזוי ברייט צו רעקלאַמירן אַלס „די גאָלדענע קייט", קומט דאָך דעם הערן שוואַרץ וואָס איז שייך דער אויפפירונג פון דער פּיעסע, דער אויפפירונג אַלס אַזעלכער, פיל אָנערקענונג. כאָטש זי איז זייער ווייט פון פולקומענהייט, ליידנדיק פון אַ סך שוישפּילערישע און רעזשיסערישע פעלערן, איז די אויפפירונג דאָך איינע פון אונדזערע ווייניקע ערנסטע בינע־אויפטוונגען אין די לעצטע פּאָר יאָר. עס איז אַ שווערע פּיעסע צום שפּילן, נאָך מער אויסצושטעלן. עטלעכע מאָל זיינען דאָ פאָלקס־סצענעס און די דעקאָראַציע איז כמעט אימער אַ קאָמפּליצירטע. אין ערשטן אַקט איז דאָ אַ דרויסנדיקע דעקאָראַציע, דעם רבינס הויף, און אַן אינעווייניקסטע, דעם רבינס שול, און ביידע דאַרפן צוזאַמענשפּילן. דאָך איז עס אַלץ אַ קלייניקייט לגבי דעם „פּראָלאָג". דער ערשטער אַקט פון פּרצעס „גאָלדענע קייט" איז איינע פון די שווערסטע זאַכן אויפצופירן, אַן אונטערנעמונג, וואָס מוז רייצן די אַמביציע פון די פעיִקסטע רעזשיסערן און בלתי ספק איז דער אַקט טאַקע געווען דער הויפּט מאָטיוו, וואָס האָט באַוויגן שוואַרצן צו זיין איצטיקן שריט. עס איז אַ גרויסע פאָלקס־סצענע ווו דאָס פאָלק האַנדלט דאָך ניט ווי איין מענטש, נאָר פאַרשיידענע גרופּעס האַנדלען יעדע אויף איר שטייגער און פון גאַנצן פאָלק טיילן זיך שטאַרק אויס יחידים, וועלכע טאָרן דאָך מיט זייער האַנדלונג ניט פאַרטרינקען דעם עולם. עס איז אַן אַקט פון שטילע אידעלע שטימונגען צוזאַמען מיט שטאַרקע אויסברוכן, קאָליזיאָנען. עס איז אַן אימפּרעסיאָניסטיש ווערק, און וועדליק אַזאַ צילט עס אויף פיל מוזיקאַלישער עפעקטן. עס איז אַ ווערק אין פערזן און כאָטש אויף דער מאָדערנער בינע איז שוין קיין מאָדע





פערזן צו דעקלאַמירן, מוז מען דאָך אייניקער מאָסן אויפהאַלטן זייער ריטם. ועל כולם, איז דער אַקט איינגעוויקלט אין אַן אויסערגעוויינלעך רייך־צעוואָרפענער און פאַרפיינערטער דעקאָראַציע.

און ווי איז דער הער שוואַרץ מיט דער דאָזיקער זייער שווערער אויפגאַבע פאַרטיק געוואָרן?

דער ענטפער מוז זיין אַ געטיילטער. ער האָט זיך גוט אָפּגעפאַרטיקט מיטן „נסיון". ער איז אָבער פיל ווייניקער צופרידנשטעלנד פאַרטיק געוואָרן מיטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט". ער ווייזט דאָ אַרויס אַ סך פלייס, געשמאַק און ערנסט, אָבער ער ברענגט ווייט, ווייט ניט אַרויס אַלע שיינקייטן פון ווערק. איבערהויפּט ווערט פיל פאַרלאָרן די שטימונג־פולקייט פון אַקט, וואָס זי איז דער עיקר. דער אַקט ווערט געשפּילט מיט אַ צו שנעלן טעמפּ. אַ „דעקאַדענטישער" העלד זאָגט ערגעץ ווו, אַז ער קאָמפּאָנירט אַ סימפאָניע פון פּויזן. ענלעך קאָן מען זאָגן אויפן ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט", אַז די פּויזן זיינען אין אים וויכטיקער ווי די קלאַנגען. איז עס דאָך אַ דראַמע פון עצבות, פון וועלט־בענקשאַפט, אָבער שוואַרצס אויפפירונג לויפט מיט אַזאַ שנעלן טעמפּ, אַז די פּויזן ווערן כמעט ווי אַרויסגעשטופּט. פּרץ האָט געלייגט זייער פיל געוויכט אויף דער באַלויכטונג און דער דעקאָראַציע, אַז זיי זאָלן העלפן אָנכישופן די שטימונג. ער האָט געוואָלט, אַז פון הינטער די פענסטער זאָל מען אַרויסזען אַ ווייס פאַרשנייטע לאַנדשאַפט (און אין סוף אַקט זאָל פון שניי ווערן אַ שטורעם) און די דרויסנדיקע ווייסקייט זאָל זיך אויפן דיל פאַרפלעכטן אין אַ נעץ פון שטראַלן מיט דעם אַריינשטראָמנדן לבנה־שיין, איז אָבער די באַלייכטונג אַזאַ, אַז מען זעט ניט קיין שניי, ניט קיין לבנה־שיין. פּרץ האָט געוואָלט אַ גרויסן הענג־לייכטער מיט אַ סך קרישטאָלענע גלעזלעך, וואָס ווען מען שפּאַצירט איבער דער פּאָדלאָגע, זאָלן די קרישטאָלעכעלעך צעקלינגען מיט אַ מעלאַנכאָלישער האַרמאָניע, איז דער הענג־לייכטער פאַראַן, דער מעלאַנכאָלישער צושפּיל ניטאָ. פּרץ האָט געוואָלט אַ גרויסן, זייער רייכן, כמעט אַ לוקסוסדיקן זאַל, אָבער מיט אַ באַזונדער יידיש אַלט־פּרענקישן שטעמפּל, איז דער זאַל אי ניט צו גרויס, אי ניט צו רייך און עס איז אויף אים ניט צו קענטיק דער באַזונדערער שטעמפּל.

איך ווייס, עס וואָלט אָפּגעקאָסט גאָר אַ סך געלט, אַז מען זאָל וועלן אַלץ אויסשטעלן ווי פּרץ וואָלט געוואָלט. אויך איצט, בין איך משער, האָט די זאַך אָפּגעקאָסט ניט קיין קליינע סומע און וועדליק די אומשטאַנדן פון אונדזער בינע איז אויך דאָס דעם הער שוואַרץ אודאי ניט גרינג אָנגעקומען. עס איז אויך מעגלעך, אַז פּרצס וווּנדערבאַר פאַרטראַכט בילד וואָלט אַפילו אונטער די בעסטע אומשטאַנדן ניט אַרויסגעקומען ווי ער האָט געחלומט, וואָס פון דעם שטאַנדפּונקט איז אפשר גלייכער, אַז מען זאָל קיינמאָל אַזאַ זאַך ווי „די גאָלדענע קייט" אויף קיין בינע ניט זען. כדי דער לעזער זאָל זיין שיינעם חלום ניט אָנווערן, כדי זיין הייליקייט זאָל ניט איינגעשרומפּן ווערן, און דאָס אַלץ באַטייט אַז מען טאָר צום הער שוואַרץ ניט צושטיין מיט קיין צו הויכע פּרעטענזיעס. דאָך טאָרן די אַלע פעלערן און אומפולקומנהייטן ניט פאַרשוויגן ווערן ווען עס ווערט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דער אויפפירונג, פון אַ זאַך, וואָס אין אַ געוויסער הינזיכט רעכנט זי זיך ביי אונדז אַלס אונדזער צמתרא דדהבא, אונדזער גאָלדענע קייט.

עס פעלט אין דער אויפפירונג פון אוירווינג פלייס טעאַטער אײדלקייט, דעם מאָדעלירערס אײדעלן צוגלעטן מיטן דעליקאַטן קאַפּאָטקעלע. אָט זײַנען, למשל, דרײַ גרופּעס מקורבים. ישישים, דאָס זײַנען גאָר הויכע מיוחסים, וואָס מיט זייער באַגייסטערקייט זײַנען זיי אַליין שטיקלעך גוטע ייִדן און מיט זייער נאָענטקייט צום רבין זײַנען זיי כמעט ווי בני־בית. זקנים, וועלכע זײַענדיק זייער געאַכט און נאָענט, שטייען זיי דאָך פיל ווײַטער פון די ערשטע, און חסידים־קרובים, וועלכע האָבן פּריווילעגיעס לגבי פּראָסטע חסידים, זײַנען אָבער אין אַ נידעריקערע מדרגה לגבי די פריערדיקע, און עס איז זייער וויכטיק, צוליב דעם קאָלאָריט פון הויף און דער געהעריקער אַרויסברענגונג פון דער גרויסער געוואַגטקייט און דער גרויסער רעוואָלוציע אין הויף, אַז מען זאָל פײַן אָפּטיילן די דרייערליי גרופּעס, שאַרף און פײַן אָנווײַזן זייער מהות און זייער דיסטאַנץ איינע פון דער צווייטער. אין מר. שוואַרצס אויפפירונג איז די שטימונג פאַרט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. עס איז דאָ די שרעק פון עולם איבער דעם וואָס ר׳ שלמהלע מאַכט קיין הבדלה ניט און לאָזט ניט די וועלט ווידער אַוועק מיט איר שטענדיקן גאַנג. עס איז דאָ דעם עולמס


מאָריס שוואַרץ אַלס ר׳ שלמה

התלהבות צוזאַמען מיט ר׳ שלמהלע ווען ער זעצט זיך גייענדיק צו גאָט מיט שבת־יום טובדיקן שטאָלץ און נצחון. עס איז בלתי ספק אַן עכט חסידישע אַטמאָספערע און ס׳איז ניטאָ קיין איין מענטש אויף דער בינע, וואָס זאָל מיט זײַן האַלטונג, ווי שטום זײַן ראָלע, ניט אַ ״ויסוויזן, אַז ער איז אַן עדות פון די צוויי טראַגישסטע פּאַסירונגען אין לעבן פון דעם הערלעכסטן גאָט־ייִדישן הויף, און עס קומט זאַגאַר אַרויס אַן אָנצוהערעניש אויף דער מוזיקאַלישקייט, אויפן ריטם פון פּרצס פערזן. און עס האָבן אויך זייער ווערט אין דער אַלגעמיינער סכעמע פון פאַרבן און קלאַנגען דער שבת־געזאַנג פון ר׳ שלמהן מיט זײַן „פאָלק״, און זייער טאַנץ, הגם ווערליך מיין אָרעמע מבינות אין הלכות באַלעט קומט דאָס חסידישע רעדל שוין אַרויס אַ ביסל צו רעשדיק פאַר דער שיין־אײדעלער שטימונג.

מיר גייען איצט איבער צו די איינצלנע שוישפּילער און דעם שפּילן בכלל: מר. שוואַרצס ר׳ שלמהלע איז אַ גאַנץ שיינע, אַ גאַנץ פאַרגייסטערטע געשטאַלט, דאָך אַ ביסל מער אימפּעט, אַ ביסל מער ניט־ערדישער עקסטאַז וואָלט איר ניט געשאַדט, און ס׳איז אויך אַ סימן פון ניט גענוג אימפּאָנירנדער הימלעשקייט, וואָס אַ פּאָר טענער אין מר. שוואַרצס ר׳ שלמה קלינגען ענלעך צו איניקע טענער אין זײַן לוקא פון גאָרקיס „אויפן דעק״. זײַנען עס דאָך צוויי אומגעהייער ווײַט פאַרשיידענע גייסטיקייטן. איינער זײַענדיק גאַנץ פּאַסיוו, בשעת די צווייטע איז העכסט אַקטיוו. בכלל איז מר. שוואַרצס ר׳ שלמה ווײַט ניט די געלונגנסטע פון אַלע פיר געשטאַלטן, וואָס ער שאַפט אין דער פאָרשטעלונג און זיכער איז זי ווײַט הינטערשטעליק לגבי ר׳ער דריטער, יונתן.

פון די איבריקע איינצלנע פיגורן אין פּראָלאָג וואָלט געווען גאַנץ וויכטיק מרים, משהס ווײַב, וועלכע איז אַ מין ווײַבלעכע אָפּשפּיגלונג פון ר׳ שלמהן, אָבער די מאַדאַם זילבערט, וועלכע שפּילט די ראָלע, איז פאַר איר ניט צופּאַסנד, ניט מיט איר פיגור, ניט מיט איר שטימע. ביידע האָבן געדאַרפט זײַן צאַרט און פאַרחלומט און דאָס גאַנצע שפּילן האָט באַדאַרפט זײַן דורכגעדרונגען מיט אַ מין נאַכט וואָנדערלישער רירעוודיקייט. אַזאַ פאַרחלומטע רירעוודיקייט ווײַזט די מאַדאַם זילבערט ניט אַרויס, און אַרויסזאָגנדיק מרימס שיין־קלינגענדיקע ווערטער איז זי אָדער בלויז דעקלאַמאַטאָריש אָדער שרײַעוודיק אויף אונדזער טעאַטראַלישן שטייגער.

אַ גאַנץ שיינע פיגור שאַפט דער הער טײַטעלבוים אַלס דער ערשטער ישיש [אַלטיטשקער]. ער שאַפט זי אָבער נאָר דער עיקר מיט זײַן גרים און האַלטונג, אָבער ניט מיט זײַן שפּראַך, וועלכע קלינגט אין דעם פאַל צו שטאַרק און שיין, און נישקשהדיק איז געווען דער הער שערמאַן אַלס זקן, און אויף זײַן געוויינלעכן עטוואָס מגושמדיקן שטייגער מאַכט אַ געוויסע ווירקונג דער הער פּערקויף אַלס דער היימישער חסיד. די איבריקע סטאַטיסטן־ראָלן פון פּראָלאָג ווערן דורכגעפירט פון מיטגלידער פון „קונסט־רינג״, אַ דראַמאַטישער פאַריין, וואָס טוליעט זיך צום אוירווינג פלייס טעאָטער און מען מוז מודה זײַן, אַז ווערליך דיקטאַנטן העלפן זיי גאָר נישקשהדיק צו דעם אַלגעמיינעם עפעקט.

איבערגייענדיק צום „נסיון״, מוז מען זיך נאַטירלעך ווידער אָפּשטעלן אויף דעם הער שוואַרץ, וועלכער שפּילט דאָ גאַנצע דרײַ ראָלן, דעם שטרענג־דעספּאָטישן רבין ר׳ פּנחסן, דעם צעקראָכענעם ר׳ שלמה און דעם צאַרט־מאָדערנעם ר׳ יונתן. עס איז נאַטירלעך אַ פראַגע צי האָט מר. שוואַרץ באַדאַרפט שפּילן אַזוי פיל ראָלן אין דער פאָרשטעלונג. האָט ער דאָך אין זײַן געזעלשאַפט מענטשן, וועלכע וואָלטן אים געקאָנט, לכל הפּחות אין איינע אָדער צוויי ראָלן גאַנץ גוט (הגם איך בין ניט זיכער, אַז בעסער) פאַרבייטן. אָבער אָננעמענדיק די זאַך ווי זי איז, פאַרטיקט זיך מר. שוואַרץ מיט זײַן שווערער אויפגאַבע אָפּ זייער בריהדיק. זײַן ר׳ פּנחס, וואָס איז די קלענסטע ראָלע פון די פיר, קומט אַרויס שאַרף און קלאָר, הגם ניט צו קרעפטיק. זײַן ר׳ משה איז גענוג טראַגיש־צעקראָכן, הגם עס קאָן זײַן, אַז עמיצער אַנדערש אָדער טאַקע מר. שוואַרץ אַליין, וואָלט געקאָנט דעם מענטשנס פּײַן, זײַן מאַכטלאָזיקייט, זײַן ספקות, זײַן פילן זיך ניט אַם פּלאַץ, אַרויסברענגען אײדעלער און אָריגינעלער. דערפאַר איז אמת פרעכטיק אַרויס מר. שוואַרצס ר׳ יונתן, וואָס איז דורכגעפירט מיט אַ סך שאַטירונגען (ליידן, מידקייט, צער און אומאַנטשלאָסנקייט, ספקות, קלוגשאַפט, איראָניע און פאַרצווייפלונג). מר. שוואַרץ פאַרדינט דאָסמאָל איבערהויפּט קאָמפּלימענטירט צו ווערן פאַר זײַן מעסיקייט. נאָך שוואַרצן קומט די מאַדאַם גערסטען, וועלכע איז, בדרך כלל, זייער אַ גוטע לאה, וואָס אויב זי איז אַן פאַרב און שרײַענדיק אין אירע השכלה־שרײַערישע מאָמענטן אין ערשטן אַקט, וואַקסט זי אָבער אויס אין די טיף־ליידנדע מאָמענטן אין דריטן און פערטן אַקט. דעם לעצטן אַקט פירט זי איבערהויפּט דורך אויפריכטיק און זייער שטאַרק איר שטאַרבסצענע מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

אַ גאַנץ גוט שפּילן, אָרום און אַרום, ווי מיר דאַכט, דאָס בעסטע, וואָס איך האָב פון אים געזען, איז דעם הער סאַמואילאָווס אַלס דער גבאי ישראל. ער שאַפט, פון ערשטן ביזן לעצטן מאָמענט, אַ שטאַרקע, פעסטע, קרעפטיק אָפּגעשטעמפּלטע פיגור, וועלכע האַלט אויס דורכויס. מר. סאַמואילאָוו זאָגט נוט תורה אין דריטן אַקט, דאָך אַ קליין ביסעלע מער פייער, מער ערלעכע כאַראַקטעריסטיק וואָלט איר, דער תורה, אָסור ניט געשאַדט.

דער הער רובינסקי איז אַ גאַנץ גוטער חסיד, שפּילנדיק באַגייסטערט און נאַטירלעך, נאָר ווייזט ער אָבער שוין אַרויס אַ נייגונג צו איבערטרייבונג פון וואָס ער זאָל זיך היטן. אַן אויסגעצייכנטן רושם, אַ רושם פון פיינער כאַראַקטער־צייכענונג און הומאָר, ווייזט אויך אַרויס דער הער ווייזענפריינד אין פערטן אַקט אַלס אַ פלאַקס־סוחר, וואָס קומט צום רבין פרעגן אַן עצה. דער הער ווייזענפריינד אַמוזירט ערלעך דעם עולם, נאָר אָבער שטייט ער שוין אין געפאַר פון זעלבן עולם פאַרפירט צו ווערן אין איבערטרייבונג אַריין און אויך ער דאַרף זיך היטן. עס שפּילט גאַנץ ביים וועג די מאַדאַם גערמאַן אַלס די אַלטע דינסט־ציפּע. איין זאַך, זאָל זי זיך נאָר היטן ניט צו מאַכן פון איר פאַרשוין דורך למשל, אָנשטעלן, צו אַ „ביסטערן" קוק.

עס פירן נישקשהדיק דורך זייערע ראָלעכלעך די הערן פישקינד (אַלס האַלב־מתנגדישער רבל) און דער הער קראַוזע (אַלס גאַנצער מתנגד). דער הער גאָלדשטיין פירט ביים וועג דורך די ראָלע פון יונתנס שווער, און די פרוי פערקיף אַלס יונתנס שוויגער, האַלט זיך גוט ווי אימער. די פרוי שאָר טוט קנאַפּ וואָס אויף אין איר אמת טויטער ראָלע פון דבורה, משהס צווייטע ווייב, און די פרוי לאַנסקי אַלס יונתנס צאַרט, יונג ווייבעלע איז גאַנץ ניט אַם פלאַץ, ניט מיט איר פיגור און ניט מיט איר שטימע.

אַ וואָרט וועגן די מוזיקאַלישע עפעקטן פון דער אויפפירונג. ר' שלמהס שבת־ניגון האָב איך שוין דערמאָנט. אין דריטן אַקט זינגט מר. שוואַרץ מיט די אַרומיקע אַ שטיקל שלוש־סעודותדיקן „אתקינו סעודתא", איז עס איינס פון די געזאַנגען אויף אונדזער דראַמאַטישער בינע. דער הער פערלמוטער האָט די פיעסע באַזאָרגט מיט מוזיק. די אָווערטורע האָב איך ליידער פאַרשפּעטיקט. די מוזיק צווישן די אַקטן קלינגט מייסטנס, אמת אַלטלעך, אָבער ניט אומאָנגענעם. די מוזיק צום לעצטן אַקט איז באַאַרבעט אויף אייניקע פאָלקס־מעלאַדיען. דאָס איז אודאי אַנגענעם, דאָך שיינט מיר, אַז דער בעל עגלה־ניגון („זאָל איך זיין אַ סוחר, האָב איך ניט קיין סחורה") איז דאָ, אין אַזאַ איידל־גייסטיקער שכינה ניט אַם פלאַץ".

### ס. דינגאָל שרייבט:

„פּרץ איז ווייניקער ווי אַלע אַנדערע דראַמאַטורגן צוגעפּאַסט פאַר דער יידישער בינע פון אַמעריקע, וואָס איז ערצויגן געוואָרן מערסטנס אויף אָפּערעטן און מעלאָדראַמען, און דאָס ביסל דראַמע, וואָס מען האָט אים געגעבן, איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזאַ ברייטער רעאַליסטישער האַנט, מיט אַזעלכע קלאָרע בולטע שטריכן און בונטע פאַרבן, דאָס יעדער איינער קאָן זען און פאַרשטיין די האַנדלונג און די מאָטיוון. פּרצס דראַמען זיינען געשריבן פאַר דעם אינטימען לעזער, וועלכער פאַרשטייט אַ געדאַנק דורך אַ רמז און זעט אַ האַנדלונג אין אַ פינטל פון אַן אויג. פּרצס אַ דראַמע האָט געדאַרפט אויפגעפירט ווערן אין אַן אינטימען קליינעם טעאַטער פון אינטימע גאָט־געבענטשטע און ציל־באַוווסטע





קינסטלער, וואָס קאָנען זיך איינלעבן אין אַן אַטמאָספערע און קאָנען היפּנאָטיזירן און מיטרייסן זייער אינטימען פובליקום. מיר צווייפלען אויב אונדזערע ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערע, אַפילו די בעסערע פון זיי, האָבן דערגרייכט צו אַזאַ שטופע און צו אַזאַ פובליקום.

מאָריס שוואַרץ איז אָבער אַ קינסטלער מיט ליטעראַרישע אַמביציעס, און האָט פאַרזוכט צו ריזיקירן פּרצן פאַרן ברייטן עולם. ער האָט געטאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט אונטער די אומשטאַנדן געקאָנט. דאָס איז קיין צווייפל ניט. נאָר, אַז ער האָט ניט דערגרייכט דעם צוועק, און אַז ער האָט געמוזט טאָן אומרעכט צו פּרצן, צו זיך און צום פובליקום, דאָס איז אויך קיין צווייפל ניט. שוין דאָס אַליין, וואָס ער רופט די פיעסע „גאָלדענע קייט" און שפּילט באמת אַן אַנדערע פּרצס פיעסע „דער נסיון", באַווייזט, אַז ער האָט פּרצס „גאָלדענע קייט" ניט געקאָנט אויפפירן, אָבער אויך קעגן דעם „נסיון" איז אַן אומרעכט באַגאַנגען געוואָרן לויט ווי ער איז געדרוקט אין העברעיש אונטער דעם נאָמען „חורבן בית צדיק". פילע, שיינע סצענעס זיינען אינגאַנצן אויסגעשניטן געוואָרן, און ווערטער זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם מויל פון אייניקע העלדן, וועלכע פּרץ האָט ניט געזאָגט. עס ווערט געטאָן אַן אומרעכט צו אייניקע ראָלן, און דאָס איז, וואָס שוואַרץ האָט בשום אופן ניט געדאַרפט טאָן. עס קאָן זיין, אַז די שולד פאַלט ניט אינגאַנצן אויף מאָריס שוואַרץ. מיר ווייסן, אַז ער האָט זיך געווענדעט צו אייניקע יידישע שריפטשטעלער, אַז זיי זאָלן פאַר אים „רעדאַגירן" פּרצן, און אויב זיי האָבן עס געטאָן פאַר אים, מוזן זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוזאַמען מיט אים.

אין פּרצס „חורבן בית צדיק", למשל, איז ניטאָ דער וויץ, אַז תולה ארץ על בלימה [די ערד הענגט אויף גאָרניט] באַווייזט, אַז „אַ צדיק איז אַ גאָרניט". דער עולם האָט געלאַכט פון דער „חכמה", אָבער מיר האָבן בשעת מעשה געפילט, אַז פּרץ וועמנס נשמה האָט געפילט אַזויפיל שיינקייט פאַר חסידות און גוטן־יידנטום, איז דאָ באַליידיקט געוואָרן. אין דריטן אַקט ביי גבריאלן אין הויז קומט פאָר אַ שלוש־סעודות, ביי פּרצן אין „חורבן בית צדיק" (השלח 1903) ווערט פאָרגעשטעלט אַ סצענע צווישן דעם גרויסן יידישן אַריסטאָקראַט גבריאל, וועלכער לאָזט ניט עפענען קיין בריוו אום שבת, און דערנאָך הייסט ער אַוועקגעבן די צירונג צו די אָרעמע לייט, און צווישן דעם „מאַב" [המון] קרובים, וועלכע באַשולדיקן אים אין זייער פאַרלוסט און שלאָגן זיך און רייסן די אויערריגלעך פון זיין ווייב און שנורס אויערן. די סצענע אין אָריגינאַל איז אַ שטאַרקע. דאָ איז זי אַזוי געענדערט געוואָרן, אַז גבריאל קומט אַרויס אַ שוואַכע פיגור און פאַרלירט אַ סך פון זיין שיינקייט און קראַפט. אין פערטן אַקט קומט נאָר דער סוחר, וועלכער פרעגט אַן עצה מיט וואָס ער זאָל האַנדלען, מיט פלאַקס אָדער קאָרן. ביי פּרצן אין אָריגינאַל קומען אָבער אַ רייע טיפּן. הויפּטזאַכלעך די פאַטעטישע פיגור פון אַ מוטער מיט אַ קינד, וועלכע האָט שוין אַ פאַרמעגן אָפּגעגעבן צו דאָקטוירים און זיי האָבן אים ניט געהאָלפן. דאָס קינד פרעגט דעם רבין: „ווּעסטו אונדז ניט נאַרן אַזוי ווי די דאָקטוירים האָבן גענאַרט?", און דער רבי יונתן, אין זיין רחמנות אויפן קינד, פאַרשפּרעכט אים אַלעס און פאַרזיכערט אים אַלעס צו טאָן. און ענדלעך די שלוס־סצענע. ווי שוואַך און בלאַס זי זעט אויס ביי שוואַרצן. ווען ישראל דער גבאי פּראָקלאַמירט דעם רבין אַלס „משוגע", לגבי דער זעלבער סצענע ביי פּרצן, ווו מען ברענגט דעם רב אויף דער זעלבער

בימה און ער לייגט אריין דעם רבין אין חרם, און פון דער גאס ווארפט מען שטיינער אין שול און אין דעם רבין...

אבער מיר דאכט זיך, אז דא גיי איך שוין ארויס פון די ראמען פון א טעאטער־רעצענזיע. איך וועל זיך בעסער גלייך צוריקקערן צו דער פיעסע ווי אזוי זי איז אויפגעפירט געווארן אין „אוירווינג פלייס טעאטער". דער פראלאג פון דער פיעסע, וואס איז דער ערשטער אקט פון פרצס „גאלדענע קייט" איז אויפגעפירט געווארן וווּנדערבאר שיין. דאס איז צום ערשטן מאל וואס מיר זעען אויף דער יידישער בינע חסידים, וועלכע זאלן ארויסרופן רעספעקט און ניט קיין געלעכטער. עס איז געשאפן געווארן די „אטמאספערע", און דאס איז ביי אזא פיעסע די הויפט־זאך. מאריס שווארץ אין דער ראלע פון רבי שלמהלע איז געווען גאנץ געלונגען סיי אין גרים און סיי אין האלטונג. ער האט גערעדט אפילו ווען ער האט געשוויגן און עפעס מאגנאטישעס און מאגנעטישעס האט זיך געצויגן פון אים צו זיינע חסידים, און מיר האבן פארשטאנען פארוואס זיי האבן פאר אים אזויפיל יראת הכבוד און פארוואס זיי האבן אים ליב. און דער ניגון און די טענץ, אלעס האט צוגעגעבן צו דער שטימונג און געמאכט אונדז האפן אויף א גייסטרייכע פרץ־פארשטעלונג. אבער דער ערשטער אקט האט אונדז אנטוישט מיט זיין לאנגווייליקייט און וואכעדיקייט, עס איז געווען א חסרון פון שווארצן צו שפילן גאנצע פיר ראלן און זייער פאראנטווארטלעכע ראלן אין איין פיעסע. ער האט ניט געקאנט אריינטראכטן און אריינלעבן זיך אין אזעלכע פיר פארשיידענע רבישע כאראקטערן, ווי שלמהלע, פנחס, משה און יונתן. גאנצע פיר דורות, פיר טיפן פון גוטן־יידנטום. ער האט דעריבער שלמהלען אפגעגעבן זיין גאנצן טאלענט און משהן א היבש ביסל. פאר פנחס און יונתן איז אים שוין קוים עפעס געבליבן. דער טיפ פון רבי פנחס איז ביי פרצן אליין ניט גאנץ בולט ארויסגעבראכט, אבער איינס איז דארט קלאר. דער אלטער רבי שלמהלע איז חסד און רחמנות אפילו אויף די נשמות פון די רשעים, וועלכע וואנדערן ארום. ער שטעלט זיך איין פאר זיי און וויל דעם שבת ניט אוועקלאזן כדי זיי זאלן צוריק אין גיהנום ניט דארפן גיין. זיין זון פנחס, זיין „שווארצער זון", ווי ער רופט אים, איז א שטרענגער, כמעט א יעזויט. ער באשטייט אינגאנצן אויף דין, אן א ברעקל רחמנות. ער וויל לייטערן די וועלט דורך שטראף. דאס איז א שיטה, א סיסטעם. אין „אוירווינג פלייס טעאטער" האבן מיר געזען דעם רבי פנחס אין דער ראל פון אן אינטריגאנט אין קאנספיראציע מיט זיין גבאי ישראל. קיין שום קדושה, קיין שום אצילות, ווי מען זאגט ביי חסידים.

אלס רבי משה האט שווארץ געהאט זייער שיינע מאמענטן אין קאמף מיט דער רביצין, און ווען ער דערפילט זיין אייגענע שוואכקייט און בעט דעם גבאי, אז ער זאל אים לאזן צו רו, אז ער איז א שוואכער ייד, ניט מער ווי א ווארעם. די ראלע פון יונתן איז א גרויסע, שטארקע פאראנטווארטלעכע און דאנקבארע. זי פארדינט די פולע אויפמערקזאמקייט פון א קינסטלער, וועלכער האט אמביציע זי צו שפילן, און זי קאן ניט געשפילט ווערן אלס א צולייג צו אנדערע ראלן. אין דעם איז באשטאנען שווארצס טעות. דער רבי יונתן איז א סימפאטישער מענטש מיט א סך ליבע, קאמף און צווייפל. ער האט אין זיך א שטיק אוריאל אקאסטא און מער. ביי שווארצן איז דער רבי יונתן ארויס א שוואכער, בלאנדער יונגערמאנטשיק, אן א ווילן, אן א סימן פון דעם גרויסן נשמה־שטורם, וואס אים קומט אויס איבערצולעבן. זיין קאמף מיט זיך און מיט דער וועלט ווערט פארוואנדלט ביי שווארצן אין א דעקלא־



מאציע. און בערטא גערסטען, וועלכע האט אזעלכע שיינע, רירנדע מאמענטן אין די לעצטע אקטן און האט דארט פארשטאנען צו שפילן איר ראלע אזוי טיף־פילנדיק, איז אין ערשטן אקט בלויז שרייענדיק. זי, א טאכטער פון דורות גוטע־יידן, וועלכע האט אין איר בלוט איינגעזאפט די אלע טראדיציעס, וועלכע רינגלען ארום דעם הויף, זי שטעלט זיך קעגן זיידען מיט אזא חוצפה און רייצט זיך מיט זיין כוח אזוי ווי דאס טוען צוויי נעקס־דאריקע שכנות אין א ניו־יארקער טענעמענט־הויז. אין איר נשמה איז דאך פארגעקומען א גרויסע טראגעדיע. אן אלטע וועלט האט זיך פאר איר געבראכן, און אין איר הארץ האט אויך געשטורעמט א נקמה פאר איר באליידיקטער מוטער, און גארניט איז דערפון ארויסגעבראכט געווארן. דערפאר האט זי אונדז באצאלט מיט זייער שיינע סצענעס אין צווייטן, דריטן און פערטן אקט. די סצענע צווישן איר מיטן פאטער, ווען זי קומט ארויס פון קעלער, איז דורכגעפירט געווארן מייסטערהאפט, און האט גערירט אלעמען ביז טרערן. זי דארף אפילו דאס ווארט „טא־טע" ניט זאגן. דאס שוואכט נאר אפ דעם שטארקן איינדרוק, וואס זי מאכט מיט איר אריינקומען. א קינסטלערין קאן ריידן מיט איר שווייגן מער ווי מיט ווערטער. אויך אין דריטן אקט, ווען זי קומט צו איר ברודער אין הויז, און אין פערטן אקט ווען זי שטייט אין שול א צעבראכענע ביי די ווענט פון בימה, איז זי זייער גוט.

אן אמתע קונסט־ווערק האט געשאפן מאדאם גערמאן פון איר ראלע אלס די דינסט ציפע. זי האט אונדז איינפאך איבעראשט. די ראלע איז א קליינע, און אויב איך געדענק ריכטיק, זעט מען זי אמת שפילנדיק בלויז אין איין אקט. זי שפילט אבער אזוי אויסגעצייכנט איר ראלע, אז מען קאן זי ניט פארגעסן, זי פארבלייבט אין זכרון דורך אלע אקטן. מיר פילן ווירקלעך ווי צו באגריסן די מאדאם גערמאן מיט איר ראלע. מ. סאמואילאוו אלס ישראל דער גבאי האט ווירקלעך געגעבן א יעזואיטישן טיפ, א כיטרע פוקס, וועלכער האלט זיינע גוטע יידן אויפן שטריקל, נאר עפעס האט אין אים געפעלט, טעמפעראמענט ווארשיינלעך. ער איז געווען דורך און דורך מתנגד. קיין טראפן התלהבות האט ער ניט געצייגט, און אין לעצטן אקט, ווען ער ערקלערט דעם רבי אלס משוגע, זאגט ער עס מיט אזא טאן ווי ער וואלט עמעצן געענטפערט וויפל עס האלט דער זייגער. מוני ווייזענפריינד האט אויך געהאט א קליינינקע ראלע, וועלכע ער האט געמאכט גרויס. ער האט בלויז איין קליינע סצענע צו שפילן מיטן רבין, אבער ער פירט זי דורך אזוי לעבעדיק, אז ער באקומט פון איבעראל הארציקע אפלאדיסמענטן. יעקב גאלדשטיין אלס גבריאל האט געשפילט א זיידענעם יידן, אבער די ראלע איז אפגעשוואכט געווארן אין טעקסט, און מיט זיין שפילן האט ער איר קיין שטארקייט ניט צוגעגעבן. מאדאם פערקויף אלס חוה, ליזא זילבערט אלס מריב. מאדאם ליאנסקי אלס אסתר האבן געהאט קליינע ראלן צו שפילן. סאלטשע שאר, אלס רב משהס צווייטע ווייב דבורה, האט עפעס געפרוווט מאכן פון איר ראלע און זי האט געגעבן א בלאסן טיפ פון אן „ארורה". דובינסקי אלס לייבעלע פרוש איז געווען גארניט שלעכט. ער איז געווען דאס קוועקזילבער פון הויף. דער מופתים־דערציילער און רכילות־טרייבער, און דער עיקר — א חסיד דורך און דורך. עס האבן זיך נאך אין דער פארשטעלונג באטייליקט שלמה קרויזע, אברהם טייטעלבוים, ישראל שיין, מ. קרויזמאן, משה שולוויס, פנחס שערמאן, יוסף ראזענבערג, ה. מילער, ה. משערניאק און ה׳ שאפירא, אייניקע פון די הערן און דאמען אין דיזער פארשטעלונג זיינען געבארגט געווארן פון „קונסט־רינג".

**ב. גאָרין שרייבט:**

„אין מיין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער" האָב איך געשריבן: „מערקווירדיק, וואָס פּרץ, וואָס האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם מענטשן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אין דער דראַמע דווקא אַריינגעבראַכט דעם אמתן עכטן יידן. זיינע דראַמעס זיינען די סאַמע יידישע וואָס אונדזער ליטעראַטור פאַרמאָגט. אין זיין וויכטיקסטער דראַמע „די גאָלדענע קייט" איז פאַרקערפּערט די גאַנצע יידישקייט מיט אירע האָפנונגען און גלויבן און שטרעבן און טראַכטן און זי איז די יידישסטע דראַמע, וואָס איז ווען געשריבן געוואָרן. יידיש איז דער גייסט, יידיש איז די אַטמאָספערע, יידיש איז דער סטיל און אַ זעלטענער חן פון פּאָעזיע איז אויסגעגאָסן אויף אַלץ. דער דראַמאַטישער איינדרוק ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, נאָר ער קומט פון דער געוויינלעכער באַטייטונג וואָס די אַטמאָספערע שאַפט אַרום און פרעסט איין אויפן מאַרך. אויף קיין בינע וועט „די גאָלדענע קייט" ניט מאַכן דעם איינדרוק, וואָס זי רופט אַרויס ביים לייענען. דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, וואָס טאָר ניט האָבן קיין מגע ומשא [באַריר] מיט ערדישע באַקליידונג און מאַכט אַ רושם נאָר ווען זי אַפּעלירט צום לעזערס פאַנטאַזיע. דאָס איז אַ דראַמע געשאַפן פאַר דער ליטעראַטור און ניט פאַר קיין בינע".

עס איז מיר דעריבער געווען אַ חידוש ווען מען האָט געלאָזט וויסן פון „אירווינג פּלייס טעאַטער", אַז מען גרייט זיך דאָרטן צו שטעלן „די גאָלדענע קייט". מאָריס שוואַרץ איז ניט קיין פאַנטאַזיאָר. דעריבער שטעלט זיך פאַר יעדן איינעם אַ פראַגע, וואָס אַזוינס האָט אים געקאָנט באַוועגן צו שטעלן אַזאַ יידישע פּיעסע, וואָס איז ניט געשאַפן פאַר קיין בינע? נאָר ווען איך האָב געזען אין טעאַטער די פאָרשטעלונג, איז מיר די פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן. „די גאָלדענע קייט", וואָס ווערט איצט געשפּילט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז ניט „די גאָלדענע קייט" וועגן וועלכער איך האָב אויבן געשריבן. מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָט פּרץ אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער נסיון", און דאָרט איז די טעמע געווען די זעלבע וואָס פון „די גאָלדענע קייט", נאָר „דער נסיון" איז ווייטער פון דער ערשטער רעדאַקציע ניט דורכגעגאַנגען. מרס. קאַליש האָט דעמאָלט דידאָזיקע פּיעסע אויפגעפירט, נאָר זי האָט זי געשפּילט אַזאַ קורצע צייט, אַז אַפילו ניט אַלע קריטיקער האָבן די פּיעסע געזען. שפּעטער האָט זיך פּרץ באַדאַכט און האָט דעם „נסיון" איבערגעאַרבעט און איבערגעמאַכט און דערפון איז אַרויסגעקומען „די גאָלדענע קייט".

„דער נסיון" איז אַן אָנגעוואָרפן, ניט באַאַרבעט מאַטעריאַל. דאָ בליצן אויף פּאָעטישע פונקען, אָבער זיי זיינען ניט גענוג אָנצוצינדן דעם פּאָעטישן פייער אין דעם האַרצן פון דעם צושויער. גאַנץ איז נאָר אַרויס דער פּראָלאָג, נאָר אויף דער בינע האָט ער ניט געמאַכט יענעם שטאַרקן, גרייפנדן, מיסטישן איינדרוק ווי ביים לייענען, און וואָס שייך צו די אַנדערע אַקטן, האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ ווידער־טעם ביים צושויער, איבערהויפּט ביי יענעם צושויער, וואָס איז באַקאַנט מיט פּרצס שרייבן. אָן דער פּאָעטישער שיינקייט, אָן דער מיסטישער אַטמאָספערע, בלייבט אין דער פּיעסע ניט מער ווי דאָס וואָס די ווערטער זאָגן אונדז, און די דראַמע ווערט אַ גאַנץ וואָכעדיקע און זייער אַ שוואַכע. די פּסיכאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון טיפן גלויבן, פון ספקות איז דאָ ניטאָ. מיר זעען דאָ באַזונדערע עפּיזאָדן. דער אַלטער רבי שלמה איז דורכגעדרונגען מיטן טיפסטן גלויבן און ער איז זיכער, אַז ער קאָן מקרב זיין די גאולה ווען ער וועט קיין הבדלה ניט מאַכן און אָנהאַלטן





דעם שבת מיט גוואַלד. זיין זון פּנחס האָט שוין ניט אַזאַ טיפן גלויבן, ווייל ער מאַכט קעגן פאָטערס ווילן די הבדלה. דער איניקל משה גלויבט און מאַטערט זיך מיט ספקות. קיין צוזאַמענהאַנג צווישן זיי איז ניטאָ און די עפּיזאָדן בלייבן אָפּגעריסענע. די פאָר מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן, ווי, למשל, דער שלוס פון דריטן אַקט, מאַכן דעם „נסיון" נאָך וואָכעדיקער, און דאָס איז אַ שאָד, ווייל דאָס גייט אַלץ אויפן רעכנונג פון „די גאָלדענע קייט", וועלכע איז איינע פון די שענסטע ווערק אין אונדזער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר קאָנען קיין טענות ניט האָבן צום יונגען דירעקטאָר פון „אירווינג פּלייס טעאַטער" פאַרוואָס ער האָט ניט אויפגעפירט „די גאָלדענע קייט" אָנשטאָט דעם „נסיון", ווייל, ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, איז דאָס אַ דראַמע געשאַפן פאַר דער דראַמאַטישער ליטעראַטור און ניט פאַר דער בינע, און מ. שוואַרץ פאַרדינט אַ ישר־כוח וואָס ער האָט מיט אַזאַ איבערגעבנהייט געשטעלט פּרצס אַ פּיעסע. וואָס איז שייך צום שפּילן האָט מאָריס שוואַרץ געאַרבעט אָווער טיים [איבער שעהן]. ער האָט געשפּילט פיר ראָלן און ער האָט זיי אַלע דורכגעפירט גאַנץ גוט. די ראָלן זיינען ניט קיין פילפאַרביקע און דער אַקטיאָר גייט איבער אַ גלייכער ליניע. פּנחס איז אַ שטרענגער ייד און מער ניט. משה האָט אַ מוט פון ספקות, יונתן האָט ווידער דעם זעלביקן מוט פון צווייפל און רייסט זיך צום גלויבן, און דער אַלטער רבי שלמה איז דורכויס אַן עקזאַלטירטער גלויביקער. די צווייטע וויכטיקע ראָלע איז פון לאה, וועלכע ווערט געשפּילט פון בערטאַ גערסטען און אפשר איז דאָס די וויכטיקסטע ראָלע, ווייל זי איז פילפאַרביק און פאָדערט פאַרשיידענע מוטן. זי איז געווען גאַנץ גוט אין דעם ערשטן אַקט אַלס די יונגע מיידל, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט השכלה פון דעם יידישן אַפּטייקער און וועלכע איז גרייט צו ברעכן רעכטס און לינקס. זי איז געווען אומבאַהאָלפן מעלאָדראַמאַטיש אין צווייטן אַקט. איר אינטערפּרעטאַציע אין דריטן אַקט איז געווען אַ מאַטע און זי איז געווען בעסער אין פערטן אַקט.

גאַנץ נישקשהדיק זיינען געווען מ. סאַמואילאָוו אין דער ראָל פון דעם גבאי און מוני ווייזענפריינד אין דער קליינער ראָל פון אַ סוחר. לוסי גערמאַן אַלס די דינסט ציפּע האָט אַ ביסל געשפּילט פאַר דער גאַליאָרקע. סאַלטשע שאָר האָט ניט אַרויסגעגעבן גענוג לעבן אין דער ראָל פון דבורה. ווייטער זיינען אַלע אַנדערע געווען זייער קליינע ראָלן. די אויפפירונג איז געווען אַ גאַנץ גוטע. די באַלייכטונג איז ניט געווען קיין געהויבענע, ספּעציעל די שקיעת החמה [זון־אונטערגאַנג] אין דריטן אַקט. אַ גרויסן דאַנק פאַרדינט די רעזשי, וואָס דער פּראָלאָג איז דורכגעפירט געוואָרן גאַנץ ערנסט, און דאָס איז געווען זייער אַ שווערע זאַך, ווייל דער טאַנץ און דער געזאַנג האָט זייער גרינג געקאָנט איבערפירן די שטימונג ווען זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן מיט עט־וואָס אַ העכערן טעמפּ".

## „שווער צו זיין אַ ייד"

**דעם 1 אָקטאָבער 1920 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט די קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום־עליכם אין וועלכער עס ציט אַ גאַנץ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידישער קריטיק דער שוישפּילער מוני ווייזענפריינד אין דער ראָל פון „איוואַנאָוו".**

## אַב. קאַהאַן שרייבט:

„'דער בלוטיקער שפּאַס' איז דער נאָמען פון איינע פון שלום־עליכמס ערציילונגען, און עס איז אַרויסגעקומען אַ קאָמעדיע אונטער דעם נאָמען „שווער צו זיין אַ ייד". דיזע קאָמעדיע ווערט איצט געשפּילט אין שוואַרצס טעאַטער. עס איז אַ זעלטן געראָטענע זאַך. עס איז ניט קיין רעאַליסטישע קאָמעדיע, נאָר אַ שלום־עליכמדיקע. עס האָט אין זיך דעם גילדערנעם שלום־עליכם הומאָר מיט אַלע אַנדערע מעלות, וואָס די שריפטן פון דיזן פאַרשטאָרבענעם יידישן שעפער אַנטהאַלטן אין זיך. עס האָט אויך אין זיך אָפּט דעם אָטעם פון אומווירקלעכקייט, וועלכער באַגלייט די שניידנדע לעבנסוואָרהייטן פון שלום־עליכמס הומאָר.

די ערציילונג און די פּיעסע איז געבויט אויף אַ בריליאַנטענעם איינפאַל, וועלכער מאַכט איר אינהאַלטסרייך אין דעם סצענישן זינען פון דאָס וואָרט. זייער ווייניק יידישע פּיעסן זיינען אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו דער בינע ווי דיזע. איך האָב די ערציילונג ניט געלעזן, נאָר זעענדיק דאָס שטיק, דוכט זיך מיר, אַז די ערציילונג איז איינע פון יענע, וואָס בעטן זיך פּראָסט, אַז מען זאָל זיי שטעלן אויף דער בינע, עס איז דראַמאַטיש דורך און דורך, און דאָך קאָמיש דורך און דורך. דער צושויער קייכט אַלע ווײַלע פון געלעכטער, אָבער דאָס איז ניט יענער סאָרט געלעכטער, וואָס באַשטייט פון שפּאַס, וואָס איז פאַרפּאַסט בלויז צוליב שפּאַס. דער געלעכטער גייט מיט אַן אומגעוויינלעכע געשפּאַנטקייט. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי איך פון דראַמאַטישע אויפרעגונג בשעת איר גייט נאָך פון סצענע צו סצענע, פון אַקט צו אַקט. אַלס אַ ניט־רעאַליסטישע קאָמעדיע, וועלכע איז דאָך געבויט אויפן לעבן, און איז פול מיט זיינע ליכט און שאָטנס, טראָץ די פילע ניט־רעאַליסטישע שטריכן, איז דאָס שטיק ווי אויסגעגאָסן. עס איז אַזוי געראָטן, אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי פול מיט דאָס בעסטע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען שלום־עליכם, אַז די ערציילונג פון דער פּיעסע איז אַן און פאַר זיך אַן איבעראַשונג. ניט ווילנדיק פרעגט מען זיך פאַרוואָס האָט מען אַזוי לאַנג פון איר ניט געוווּסט. ווי עס שיינט, איז דאָס ווערק (אין דראַמאַטישער פאָרם) איבערגעבליבן צווישן די ניט־געדרוקטע שריפטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם גאון. אַ שאָדן, וואָס מען האָט שוין לאַנג דאָס ניט געשטעלט. עס גיט דעם שרייבער פון דער קאָמעדיע אַ מערקווירדיקע געלעגנהייט. עס קומען אַרויס אַ מאַסע קאָמישע סצענען, וועלכע וואַקסן אַרויס פון דער סיטואַציע אַליין. דאָס זיינען ניט קיין צוגעקלעבטע שפּאַסן, נאָר נאַטירלעכע. דער טעאַטער הילכט מיט געלעכטער, און דער פריילעכער עולם זיצט ווי געשפּאַנט וואַרטנדיק אויף די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען. ענדיקן ענדקט זיך מיט דעם וואָס די יידישע טאָכטער ליבט גראָדע דעם יידן, ניט דעם גוי. מיר זאָגן „נאַטירלעך", ווייל ווען דאָס וואָלט געווען אַ רעאַליסטישעס ווערק, וואָלט דיזער „גליקלעכער סוף" געשמעקט מיט שונד. אין אַזאַ פּיעסע אָבער, וואָס איז אַ ביסל פאַרפּיומירט מיט נאַציאָנאַליזם, גייט שוין דאָס מיט. ...דער פּלאַץ ערלויבט אונדז ניט צו באַטראַכטן די פּיעסע גענויער. דאָס וואָלט פאָדערן אַ באַזונדערן אַרטיקל. צווישן די אומנאַטירלעכקייטן, וועלכע לאָזן זיך קריטיקירן, דאַרף מען אָנווייזן אויף די [דער] באַרימעריי פון באַלעבאָס מיט זיין יחוס. עס קומט אַרויס אַזוי ווי איבערגוואַלד. מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן, אַז אין דער ערציילונג איז דיזער שטריך אויסגעאַרבעט מיט מערער קינסטלערישע אויסגעהאַלטנקייט. עס זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע זאַכן אַזעלכע, איניקע זאָגאַר שרייענדע. אָבער, דאָס אַלעס זיינען פּגימות, וועלכע קאָנען ניט צעשטערבן די קינסטלערישע גאַנצקייט פון דיזער פּראַכטפולער קאָמעדיע.

די פּיעסע איז רייך מיט דראַמאַטישע מאָמענטן פונקט ווי זי איז רייך אין קאָמיזם. די אינטערעסאַנטסטע ראָלע אין דער פּיעסע איז די ראָלע פון דעם קריסט, וואָס איז איינע פון די פּיקאַנטסטע ראָלן אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך. דיזע ראָלע שפּילט מוני ווייזענפריינד, איינער פון די יינגסטע שוישפּילער אויף דער יידישער בינע. שוין איבער אַ יאָר ווי מען הערט, אַז דיזער יונגערמאַן האָט טאַלענט. איך האָב אים געזען אין עטלעכע פּיעסן, אָבער אין דער ערשטער פּיעסע (אויך שלום־עליכמס ווערק „טביה דער מילכיקער") האָט ער זיין ערשטע ראָלע שטאַרק איבערגעשפּילט. אין די אַנדערע פּיעסע האָב איך געקאָנט באַמערקן, אַז דאָס איז אַ שוישפּילער מיט אַן אייגענע פּערזענלעכקייט, אַזוי צו זאָגן. אַ שוישפּילער, וועלכער לאָזט זיך פילן. אין איין פּיעסע האָט ער געהאַט עטלעכע ראָלן און אין יעדער פון זיי האָט זיך אָפּגעדרוקט זיין אייגענער „איך". אָבער דאָס זיינען דאָך געווען גאַנץ קליינע געלעגנהייטן. אין דיזער פּיעסע „שווער צו זיין אַ ייד" האָב איך אים צום ערשטן מאָל געזען אין אַ וויכטיקער ראָלע. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע ראָלע אין דער פּיעסע. דער יידישער באַלעבאָס ביי וועמען דער גוי שטייט איין, האָט אַ סך מער צו ריידן ווי דער קריסט, אָבער זיין ראָלע איז אַ גאַנץ וואָכעדיקע אין פאַרגלייך מיט דער ראָלע פון איוואַנאָוו.



מוני ווייזענפריינד (שפּעטער באַרימט אַלס פּאול מוני).

ווי זשע האָט דער יונגער ווייזענפריינד דיזע וויכטיקע אויפגאַבע ערפילט? מיין מיינונג וועגן דעם קאָן איך נאָר אויסדריקן אין די פאָלגנדע ווערטער: מיט זיין שפּילן אין „שווער צו זיין אַ ייד" האָט ווייזענפריינד אַריינגעשריבן זיין נאָמען אין דעם בוך פון יידישע טעאַטער־קינסטלער. זיין „איוואַנאָוו" שטעלט אים גלייך אַרויף אויף דער ליסטע פון די טאַלענטפולסטע אַרטיסן, וואָס דער יידישער טעאַטער האָט געשאַפן. צוויי זאַכן בלייבן אין דעם טעאַטער־באַזוכערס זכרון אַזוי ווי איינגעקריצט מיט טיפע שטריכן. דאָס איז די פּיעסע און ווייזענפריינד. עס וואָלט געווען שווער זיך פאָרצושטעלן די פּיעעס אָן דיזן יונגן שוישפּילער. עס קומט ביי אים אַרויס אַ קריסטלעכער סטודענט מיט די פליש און בלוט, מיט דעם פּנים און מיט דער נשמה פון אַ גרויס־רוסישן וואַרם־האַרציקן יונגערמאַן. איך וואָלט געמוזט פאַרנעמען אַ גאַנצן אַרטיקל אַנצוווייזן אויף די פאַרשיידענע איינצלהייטן אין וועלכע ווייזענפריינד האָט אָפּגעשפּיגלט דעם עכט־רוסישן כאַראַקטער, וועלכן שלום־עליכם האָט געהאַט אין זינען. אַ שאָדן, וואָס דער שריפטשטעלער קאָן ניט זען די פאַרשטעלונג פון דיזן מייסטערווערק זיינעם מיט ווייזענפריינדן אַלס איוואַנאָוו.





1) דוד שאַפּיראָ (מאָריס שוואַרץ), 2) איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו (מוני ווייזענפריינד), 3) בעטי שאַפּיראָ (בערטאַ גערסטען), 4) הערצקע שניאורסאָן (מישע גערמאַן), 5) שרה שאַפּיראָ (סאַלטשע שאָר), 6) זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק (ש. קרויזע), 7) סטודענט גרינבערג (יעקב גאָלדשטיין), 8) קעצעלע (אברהם פישקינד), 9) סיאָמקע (לוי שאַפּיראָ) 10) הוראָוויץ (מ. ב. סאַמוּאילאָוו)

וויזענפריינד איז אַ ייד, נאָך מערער, ער איז אויף זיין לעבנסטאָג אין רוסלאַנד ניט געווען. ער איז אַן אַמעריקאַנער באָי, און דעם טיפּ האָט מען אים ערקלערט, אָבער ווען ער וואָלט ניט געהאַט די קינסטלערישע נאַטור און אַ גרויסע איינבילדונגסקראַפט, וואָלט מען מיט אים געקאָנט קנעלן הונדערט יאָר, און עס וואָלט ניט אַרויסגעקומען קיין עכטער איוואַנאָוו. עס קומט אַרויס ניט נאָר דער געשטאַלט פון אַ „קאַצאַפּטשיק", ניט נאָר די שפּראַך און די העויות פון אַ קריסטלעך רוסישן סטודענט, נאָר זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע דריקט זיך אויס דורך דעם שפּילן פון דיזן ייִדיש־אַמעריקאַנישן באָי. אין זיין ראָלע אַלס ייד רופט איוואַנאָוו נעבעך אַרויס אַ סך געלעכטער, אָבער ער אַליין איז אַ טראַגישע פיגור. ער איז טראַגיש אין זיין פאַרליבטקייט, מיט זיין עכט גרויס־רוסישע ברייטקייט, און ער איז טראַגיש מיט די יסורים, וואָס ער ליידט זעענדיק ווי מען ברענגט זיין רוסישן פאָלק צו שאַנדע דורך די שוואַרץ־מאהדיקע פאַרפאָלגונגען און בלבולים אויף יידן.

שוואַרץ שפּילט די ראָלע פון דעם בעל הבית. אין אַלגעמיין קומט אַרויס אַ יידישער באַלעבאָס, אָבער אַלס איינע פון שוואַרצס בעסטע פאָרשטעלונגען קאָן מען דיזע ניט רעכענען. ער האָט די ראָלע ניט ריכטיק באַטראַכט. צום ביישפּיל, ווען עס קומט אַריין דער קריסט צו אים אין שטוב פאַרשטעלט אַלס אַ ייד, און דערנאָך ווען עס קומט דער אמתער ייד, פאַרשטעלט אַלס קריסט, רעדט ער מיט זיי מיט אַ גיפטיקן טאָן, אויסגיסנדיק זיין ביטער יידיש האַרץ אויף זיי. דערביי פאָדערט זיך אַ גאַסטפריינטלעכקייט, און באַלעבאַטישע גאַסט־פריינטלעכקייט, וועלכע זיינען ביי אים ניטאָ. עס פאָדערן זיך אויך פאַרשיידענע דעליקאַטע שטריכן, שאַטירונגען. דאָס אַלץ פעלט אין שוואַרצס שפּילן. וואָרום שפּילט ער ניט דאָ אין דעם קינסטלערישן זינען פון דאָס וואָרט? עס קומט אָפט אויס ווי אַן אָנגעדרייטע קאַטערינקע. מיר גלייבן, אַז ער דאַרף דעם גאַנצן טיפּ איבער אַ נייעס איבערטראַכטן. ער דאַרף אים איינגאַנצן אויפפּאַסן אויף אַן אַנדער שטייגער. דאַן וועלן זיך ביי אים באַווייזן די אַלע שאַטירונגען און שטריכן, די דעליקאַטערע, די אמת קינסטלערישע.

מאַדאַם שאָר אין דער ראָלע פון דער באַלעבאָסטע, שפּילט מיט טעמפּעראַמענט און זאָגאַר מיט טאַלענט. דאָס איז אָבער דער טאַלענט פון אַ וואָדעוויל־שוישפּילערין. ווען זי איז ערשינען אויף דער בינע, האָב איך צוערשט געמיינט, אַז זי שפּילט די דינסט פון שטוב, ניט די מאַדאַם. זי האָט באַדאַרפט זיין בעסער אָנגעטאָן און זיך האַלטן מער מעשה באַלעבאָסטע, און זי קאָכט זיך און שרייט אויך צו ביליקלעך. דאָך גיט זי אין דער ראָלע אַריין לעבן און פייער און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שוישפּילערין, וועלכע קאָן זיך אַנטוויקלען. בערטאַ גערסטען איז אין איניקע סצענעס געווען גאַנץ ערפאָלגרייך אַלס די גימנאַזיסטקע, די יידישע טאָכטער אין וועלכע ביידע יונגע לייט פאַרליבן זיך. אין אַנדערע סצענעס איז זי געווען צו אַלגעמיין, צופיל ווי אין אַלע אַנדערע פּיעסן. מישע גערמאַן האָט געהאַט די ראָלע פון דעם יידן שנייערסאָן. ער האָט זיך געהאַלטן גוט און אין סך־הכל האָט ער מיטגעהאָלפן דעם אַלגעמיינעם עפעקט פון דער פאָרשטעלונג. סאַמואילאָוו האָט פאַרגעשטעלט אַ סטודענט, אַ ליטוואַק. ער האָט אין דער ראָלע געשאַפן אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שטריכן. לואי שאַפּיראָ אַלס אַ יידישער־גימנאַזיסטל איז געווען גאָר נישקשה, הגם ער האָט אין איניקע שטעלן איבערגעטריבן דעם יידישן אַקצענט. אַזאַ אַקצענט וואָלט



זיך פאַסן פאַר אַ ליטווישן באָי, ניט פאַר אַ קיעווער. פישקינד, קראַוזע, פערקויף, גאָלדשטיין זיינען אַלע געווען אַם פּלאַץ".

## סאַול ראַסקין שרייבט:

„עס זיינען דאָ קאָמעדיעס פון סיטואַציע, ווו דער קאָמיזם שטאַמט פון דער לאַגע אין וועלכער די העלדן געפינען זיך. עס זיינען אויך דאָ קאָמעדיעס ווו דער גאַנצער הומאָר שטאַמט פון די וויציקע רייד, גלייכווערטלעך, שפּאַסן א.ד.ג. ס'איז איבריק צו זאָגן, אַז דער העכערער סאָרט קאָמעדיע איז די קאָמעדיע פון סיטואַציעס, ווייל די דאָזיקע סיטואַציע פאַרוואַנדלט שוין ממילא יעדעס וואָרט אין אַ פונק הומאָר, אַפילו דאַן ווען די ווערטער זיינען גאָר פּשוטע. פון דעם העכערן מין קאָמעדיעס איז די וואָס ווערט איצט אויפגעפירט אין אירווינג פּלייס טעאַטער. ס'איז אַ קאָמעדיע פון סיטואַציעס.

...עס איז געגעבן געוואָרן אין דעם פאַל אַ הומאָריסטיש בילד וואָס דער אויטאָר האָט אויסגעפילט מייסטערהאַפט. ווען איר גיט נאָך צו צו דער סיטואַציע שלום־עליכמס דיאַלאָג, זיינע ווערטלעך, זיין פאָלקס־הומאָר מיט די עכט יידישע נשמה־קנייטשן, האָט איר פאַר זיך אַ קאָמעדיע פון אַזאַ עכטן האַרציקן כאַראַקטער, וואָס איז זעלטן צו טרעפן. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז די ערשטע ריין יידישע קאָמעדיע. איך מיין יידיש אין דעם אינערן טאָן, אין דער נשמה, וואָס טראָגט זיך אַרום דאָס גאַנצע שטיק. אַ חוץ דעם איז די פּיעסע טעכניש גוט. די פאַרטיילונג פונם מאַטעריאַל, די ענד אַקטן, די אַרויסגענג און אַריינגענג, און דער אידעלער צאַרטער פינאַל. דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרן קלוג און ערפאַרן. מען ווערט אָנגענעם איבעראַשט אַנטדעקנדיק אין אונדזער שלום־עליכמן אַ נייעם טאַלענט — אַ בינען־מייסטער.

פיינקייט איז דער הויפּט־שטריך פון דער פּיעסע. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז עס זיינען זייער פאָרזיכטיק אויסגעמיטן געוואָרן די גרילצנדע טענער, וועלכע האָבן זיך געריסן אויף דער בינע אין דער באַהאַנדלונג פון אַזאַ טעמע. פאַרשיידענע גוואַלדזאַמע סצענעס, פיינלעכע זאַכן וואָלטן פון אַן אַנדער דראַמאַטורג אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער בינע. עס וואָלט געריסן דאָס האַרץ און געוויס אויך דעם אויער. דאָ אָבער איז דאָס אַלעס דאָ, אָבער עס ווערט ניט געוויזן. איר ווייסט, איר פילט עס, אָבער אייערע נערוון ווערן ניט גערודפט. אַלץ איז מילד און האַרציק. איך קאָן זאָגן — שוין אַ ביסל צו מילד. איך מיין, אַז עס מערקט זיך אַן אַבזיכטלעך אויסמיידן פון וועלכע ניט איז גוואַלדזאַמע פּאַסירונגען אויף דער בינע. עס איז, למשל, ניטאָ קיין איין סצענקע, ווו עס זאָל טאַקע געוויזן ווערן ווי דער פאַרשטעלטער פאַר אַ יידן־קריסט ליידט פאַר זיין יידישקייט. דערפון קומט טאַקע אַרויס, אַז מען איז געניגט אים צו גלייבן, ווען ער פאַרזיכערט די גאַנצע צייט, אַז „ניטשעוואָ" [גאָרניט] און „פּוסטיאַקי" [נאַרישקייטן], ס'איז גאָרניט אַזוי שווער צו זיין אַ ייד. דאָס איז דאָך גראָד דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס די טעמע וויל. בלויז אין דעם שלוס־אַקט זעען מיר דעם ניט־יידן פּנים אל פּנים מיט דער פּאָליציי, זיינע בלוט־צאַפּערס פאַר דעם לעצטן ווינטער.

יאָ, פיינקייט איז דער הויפּט־שטריך פון דער פּיעסע. די גרויסע, פּילזייטיקע אַרומגענומענע יידישע ווירקלעכקייט, וואָס דער אויטאָר האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אין די פיר אַקטן, איז געמאָלן אין שטילע, אידעלע פאַרבן, עכט שלום־עליכמדיק. אַ

ברייטער, גרויסער לייוונט מיט אַ ברייטן פאַרנעם צו שילדערן אַ גאַנצן עפּאָס, און דאָס אַלץ מיט אַ קליין, ווייך פּענזעלע, אינטים, מענטשלעך, זייער מענטשלעך. פעלערן אין דער פּיעסע? עס זיינען דאָ עטלעכע, אָבער צו וואָס זאָל איך וועגן זיי ריידן? זיי זיינען אומבאַטייטנט. וואָלט איך אַ בוך וועגן דעם שטיק געשריבן, דאַן וואָלט איך עטלעכע זייטן אָפּגעגעבן פאַר די פעלערן, אָבער אין אַ קורצער רעצענזיע ערלויבט מיר ניט דער געפיל פון פּראָפּאָרציע זיך אָפּצושטעלן, אַפילו מיט איין שורה, אויף פעלערן, אין דער צייט וואָס איך האָב די מעלות נאָך ניט געקאָנט געהעריק אַרויסברענגען.

וועגן דעם שפּילן און אויפפירונג קאָן געזאָגט ווערן זייער פיל גוטעס ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט די איילעניש אין וועלכע דאָס איז געטאָן געוואָרן. מאָריס שוואַרץ, דער אונערשעפּלעכער קוואַל פון ענערגיע, האָט זיך ווידער געוויזן אַלס אַ טיכטיקער פאַכמאַן פון דעם בינע־מאַטעריאַל. ער האָט עס פאַרטיילט די ראָלן צווישן אַקטיאָרן. בעסער האָט מען נישט געקאָנט. ווייזענפריינד אַלס דער „שייגעץ״, איז דער ערשטער עכטער שוישפּילער אויף דער יידישער בינע. זיין גרים, זיין האַלטונג, זיינע זשעסטן, זיין ריידן, דערהויפּט זיין ריידן רוסיש אין דער צייט וואָס ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט רוסיש, איז איינפאַך טאַלענטפול. אַ חוץ דעם איז ווייזענפריינד געבענטשט מיט אַ ניט־דאַנקבאַרער פיגור און פּנים. זיין פיגור איז מאָגער און דין. זיין פּנים איז קנאָכיק, איינגעפאַלן און ווייט פון שיין. קומט אים דאַרום שטענדיק אויס צו פירן אַ ביטערן קאַמף קעגן זיין אויסזען און איז דאַרום שטענדיק אָנגעוויזן אויף זיין ערפינדונגס־פעיִקייט. ער איז דאַרום שטענדיק שעפעריש, שטענדיק ניי, איבעראַשנד. פון אַ חסרון איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע מעלה. ער באַזיצט אויך איינגעבוירענע מעלות. למשל, ער לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון אַ געלונגענעם מאָמענט, וואָס רופט אַרויס בייפאַל און מאַכט אים ניט נאָך בעסער דאָס נעקסטע מאָל. דאַרום איבערשפּילט ער קיינמאָל ניט. ער האַלט זיך האַרט ביי דער ערשטער מאָס. אין דיזער פּיעסע האָט ער אַזויפיל מאָמענטן, וואָס קאָנען פאַרפירן, אַז עס וועט אַ וווּנדער זיין ווען ער וועט נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן, בלייבן ביי דעם פיינעם גראַד ביי וועלכן ער געפינט זיך יעצט.

מישאַ גערמאַן אין דער ראָלע פון דעם יידישן סטודענט איז גאַנץ סימפּאַטיש. איבערהויפּט איז ה׳ גערמאַן אַן אָנגענעמער אַקטיאָר, אַ זאַך פאַר וועלכער ער האָט מייסטנס צו פאַרדאַנקן זיין אויסזען. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ה׳ גערמאַן האָט זיך נאָך ניט געפונען אויף דער בינע. איך מיין, עפּעס דוכט זיך, אַז ער וועט אינגיכן אַנדערש ווערן, אַז ער מוז אַנדערש ווערן. אויך ער וועט מוזן אַרבעטן קעגן זיין נאַטור, אָבער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. איך מיין, ווערן טיפער, אויסגעשפּראָכענער, ווערן שעפעריש, קומען יעדעס מאָל מיט עטוואָס נייעס, אַפילו ביי דער קלענסטער געלעגנהייט. עס גלייבט זיך, אַז דאָס וועט געשען קוקנדיק אויף מישאַ גערמאַן.

וועגן דעם שפּילן פון מאָריס שוואַרץ אַלס שאַפּיראָ קאָן פילעס געזאָגט ווערן און איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט נאָך אומקערן זיך צו אים און אַרויסברענגען עטלעכע שטריכן זייער אינטערעסאַנטע צו זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט. אין דער ראָלע פון שאַפּיראָ געפינט ער זיך אין זיין עלעמענט. ער איז אינגאַנצן ביי זיך אין דער היים. עס איז דאָ אַ כאַראַקטער. ס׳איז דאָ הומאָר, ס׳איז דאָ אַ ווייכע איראָניע, ס׳איז דאָ דער ליבנדער גוטער מענטש. ס׳איז דאָ האַרציקייט אין אַ פולשטענדיק באַהערשן זיי אויף דער בינע. ער איז געוויס די צענטראַלע פיגור פון דער פּיעסע לויט דעם טעקסט און לויט דעם שפּילן.

מאַדאַם גערסטען איז זייער אַ ליבלעכע פיגור אין דער ראָלע פון שאַפּיראָס טעכטערל בערטאַ. זי איז גוט פאַרגרימירט און אָנגעטאָן אַלס אַ יונגע גימנאַזיסטקע, און מיט איר לויפן, קוקן און ריידן שאַפט זי געלונגען דיזן ספּעציעלן טיפּ יידישע טעכטער. גוט שפּילט די נייע אַקטריסע אין דעם טעאַטער, סאַלטשע שאָר, אין דער ראָלע פון מאַדאַם שאַפּיראָ. זי האָט דעם טאָן פון אַ יידישער און איבערגעגעבענער ניין־מאָס ריידנדיקער און ניט־איבריק קלוגער יידישע מאַמע. גאַנץ אונטערהאַלטנד איז געווען דער יונגערמאַן ל. שאַפּיראָ אין זיין יונגלשער ראָלע אַלס דער זון סיאָמקע מיט זיין לויפן עפענען די טיר ביי יעדן קלונג. סאַמואילאָוו אַלס דער „יידישיסט״ הורוויץ האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע, האָט אָבער געוואָלט עטוואָס מאַכן דערפון, רעדט ער אין אַ ליטווישן דיאַלעקט און איז פאַרגרימירט אַלס שלום־עליכם. ביידע זאַכן זיינען ביי אים נישקשה, דאָך וואָלט זיך מיר געוואָלט זען ווייניקער די פאַרגרימירטע טאָלסטאָיס, גאָרקיס און שלום־עליכמס אויף דער בינע. אב. פישקינד האָט אַ געלונגענעם טיפּ געשאַפן פון אַ טינטן־מאַכער צוליב „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ [וווין־רעכט], איבערהויפּט דאַכט זיך מיר, אַז אב. פישקינד איז אַ סך אַ בעסערער אַקטיאָר ווי מען האַלט אים. איך גלייב אויך, אַז דער רעזשיסער מאַכט ניט דעם גאַנצן געברויך פון אים ווי ער וואָלט געקאָנט. פישקינד האָט אין זיך דאָס ערפינדערישע מאָס. ה׳ קראַוזע אַלס דער אוראַדניק און די איבריקע אַקטיאָרן און טייל־נעמער, מיטגלידער פון „קונסט־רינג״, האָבן צוגעטראָגן גאַנץ געוויסנהאַפט צום ערפאָלג פון דעם שטיק״.

## יואל ענטין שרייבט:

„...אַרום און אַרום איז עס, אויב ניט די בעסטע, לכל הפחות, די אינטערעסאַנטסטע, הומאָריסטישסטע און אפשר אויך די גאַנצסטע קאָמעדיע, וואָס אונדזער בינע האָט ווען עס געהאַט. ...פון דער אַנדערער זייט ברענגט דער ייד שניאורסאָן אין דער פּיעסע אַריין אַ געוויסע ווידערהאָלונג און דורכדעם וואָס שלום־עליכם מאַכט אים פאַר זיין חברס קאָנקורענט אין ליבע, פירט ער אין דער פּיעסע אַריין אַ נייעם מאָטיוו און דורכדעם ווערט די איינהייט פון דער פּיעסע טאַקע דאָך עטוואָס געשטערט. דערצו קומט נאָך צו עפּעס וואָס מעג באמת געפרעגט ווערן אַלס שאלה ביי די לומדים אין דער טעאָריע פון קאָמעדיע, צי איז עס „כשר״ צי „טריף״. דורך שניאורסאָנס אָנוועזנהייט האָט דער צוקוקער אָפּט דאָס געפיל, אַז אָט־אָט פּלאַצט וואָס אַרויס און די אַרומיקע דערגייען די [דעם] צוויי חברימס סוד און אויס מיטן פאַרשטעלעניש. און דאָס ווירקט נישט גאָר אָנגענעם אויפן צוקוקער, וואָרעם ביי דער צייט האָט ער זיך שוין אַזוי איינגעלעבט אין דעם הויפּט העלדס פאַלשע אָבער נייע און אינטערעסאַנטע פּאָזיציע, אַז ער, דער צושויער, וואָלט זי ניט וועלן אָנווערן. אַנדערע פעלער אין דער פּיעסע אין פאַרגלייך צום ראָמאַן זיינען וואָס די מייסטע אַנדערע מענטשן פון דער פּיעסע קומען דאָ אַרויס ניט אַזוי לעבעדיק און אינטערעסאַנט ווי דאָרטן, וואָס דאָס איז אויך גאַנץ נאַטירלעך. דאָרטן וויקלען זיי זיך און קנעטן זיך לאַנגזאַם און גרינטלעך אויס, קנייטש נאָך קנייטש, תנועה נאָך תנועה, ביז

גרינטלעך אויס, קנייטש נאָך קנייטש, תנועה נאָך תנועה, ביז
לסוף באַקומען זיך סאָליד דורכגעלויכטע, מיט קלאָרן לעבן זינ־
גיט זיך אַזוי פֿיל אָפּ מיט די וויצן און טרעפֿונגען, האָט ער קיין
צייט ניט אָפּצוגעבן זיך צופֿיל און צו מעטאָדיש מיט דער באַשאַ־
פֿונג פֿון זיינע מענטשן. און דאָס אַלץ איז אַ גרויסער פֿאַרלוסט.
אַפֿילו דוד שאַפּיראָ, וואָס ער איז, פֿון דעם יידישע שטאַנדפּונקט,
דער הויפּט־העלד פֿון דער פּיעסע, קומט דאָ אַרויס אַ קווינס
בלייכער אײדער אין ראָמאַן. ווער רעדט שוין זיין ווייב שרה,
וואָס אין ראָמאַן איז זיי אַ לעבעדיקע פֿיגור, פֿאַקטיש אַ נייע פֿרוי
אַפֿילו אין שלום־עליכמס שפּעדיק־רייכער פֿרויע־גאַלערעע, אָבער
דאָ איז זי ניט ניי, אי עטוואָס קאַריקאַטורנע. ענלעך איז מיט די
דריי זייטיקע מענטשן פֿון דער פּיעסע, די סטודענטן גרינבערג
און הוראָוויטש און דער בערזע־מעקלער קעצעלע, פֿון וועלכע דער
ערשטער איז אַ קינסטלעריש גאָרניט־זאָגנדיק געשטאַלט און
דער צווייטער איז אַ שאַרזש, אַ מין געמיש פֿון קאַריקאַטורע מיט
שטיפֿעריי, און דער דריטער, וואָס אין ראָמאַן אַ גאַנץ אינטערע־
סאַנט מענטשל, ווערט דאָ אַזוי גרינגלעך אַרומגעשיילט און איינ־
געשמעלט, אַז עס בלייבט פֿון אים אַזוי גוט ווי גאָרניט.

אַ חוץ די פֿעלערן אין פֿאַרגלייך מיטן ראָמאַן, זיינען דאָ איי־
ניקע זעלבסטשטענדיקע חסרונות: דער פּראָלאָג פֿון דער קאָמע־
דיע, וואָס גרייט צו איר צו דורך דעם גימנאַזיסטיש־חברישן בייט,
איז אַ שוואַכער. דער בייט געשעט פּלוצים, צו שנעל, אָן אַ גרונט־
לעכער אורזאַך און דעריבער פֿעלט אין אים איבערצייגונגס־קראַפֿט.
נאָכן ערשטן אַקט פֿאַלט די קאָמעדיע טיילוויז ווי אַראָפּ. איר
נייקייט, דעם הויפּט העלדס נייע, שיר ניט פֿאַנטאַסטישע לאַגע,
ווערט שוין עטוואָס, אָפּגעבלאַקעוועט, האָבנדיק איינגעלעבט זיך
מיט איר אין משך פֿון אַ גאַנצן אַקט, ווערט שוין דער צושויער פֿון
איר ווייניקער נתפּעל, און עס הייבן די קאָמעדיע אויך ניט אויף
די שטאַרקע פֿאַרקלינגנדע ליבעס־טענער: דער שאַבלאָן פֿון דער
ליבע צווישן אַ קריסט און אַ יידיש קינד איז ניט גענוג אינטע־
רעסאַנט ער זאָל די פּיעסע אויפֿהייבן. און ווער ווייס וואָס פֿון
איר וואָלט טאַקע געוואָרן ווען נישט דאָס וואָס שפּעטער צו פֿאַר־
קלינגען שוין אין איר, ווי אַן ערנסט באַסאָווער מוזיקאַלישער
הינטערגרונט, איניקע ערנסט פֿייערלעכע יידישע טענער, וואָס
דאָס גיט איר, צום סוף צו ניט בלויז נייעס, נאָר טאַקע אויך עפּעס
פּאַטעטיש־גראַנדיעזעס. דער יידישער צווילינג־העלד שניאורסאָן
איז ווייט ניט קיין צו דייטלעכע געשטאַלט. ער איז ניט באַשטימט
און צעקראָכן אין ראָמאַן און אויך אין דער פּיעסע איז ער אַ סך
ווייניקער העל, קלאָר, פֿאַרביק אײדער דער גוי איוואַנאָוו.

די קאָמעדיע איז אַ שלום־עליכמדיקע. עכט, טיפּיש, שוין צו־
פֿיל שלום־עליכמדיק. ד. ה., אַז זי שוימט אַריבער מיט שלום־
עליכמס שפּראַך, מיט זיינע שרייבערישע מאַנירלעך. דאָס אַלץ,
כאָטש אין זיך אַליין, איז קיין פֿעלער ניט, איז אָבער ניט קיין
קליינער חסרון אין אַ פּיעסע, ווו עס פֿאָדערט זיך דורכויס דראַ־
מאַטישער אינדיווידואַליזם פֿאַר די פֿאַרשוינען און אַ פֿולשטענ־
דיק באַהאַלטן דעם אייגענעם איך מצד דעם דראַמאַטורג. אַלע
מענטשן ריידן מיט איין און דערזעלבער שפּראַך. אַלע זאָגן אָדער
שטויסן זיך און אויף ענלעכע וויצן. אַ גוטן בעל־פֿאַנטאַזיע קאָן
זיך יעדן רגע אָפּדוכטן, אַז ער זעט פֿאַר זיך בלויז פּלייצעס,
פּלייצעס אויף וועלכע עס טאַנצט אַרום שלום־עליכמס קאָפּ ווי
אויף פּרוזשינעס".



### איצט גייט ענטין צו די מעלות אין דער פּיעסע:

„דאָך ביי די אַלע פֿעלערן, מיין איך, אַז „שווער צו זיין אַ ייד"
איז די אינטערעסאַנטסטע, די הומאָריסטישסטע און אפֿשר אויך די
גאַנצסטע קאָמעדיע אויף אונדזער בינע. צום ערשטן מאָל האָבן
מיר דאָ אַ קאָמעדיע, וואָס זאָל זיין אַזוי ניי, אַזוי פֿאַנטאַסטיש און



מאָריס שוואַרץ אַלס דוד שאַפּיראָ

דאָך אַזוי וואָרהייטלעך (נאָכדעם ווי מיר גייען איין אויף דער
ערשטער הנחה פֿון דעם בייט פֿון די צוויי גימנאַזיסטן). דער צו־
שויער איז גוואַלדיק פֿאַרינטערעסירט, אין ערשטן אַקט, לכל הפּ־
חות, שטאַרק געשפּאַנט צו וויסן וואָס ווייטער וועט זיין און ער
זיצט צומייסט אויס ממש ווי פֿאַרגאַפֿט. בנוגע דעם הומאָר
איז דאָס אַ פּרעכטיקער. איך וויל זאָגן אַ קלאַסישער ביישפּיל פֿון
דעם אַזוי־גערופֿענעם הומאָר פֿון סיטואַציאָן. דאָס איז יענער גאַנץ
וויכטיקער הומאָר ווו מען לאַכט פֿון אַ מענטשן כאָטש ער אַליין
איז גאָרניט לעכערלעך, גאָרניט פֿאַלש, ווייל ער ווערט אַריינגע־
זעצט אין אַ פֿאַלשער לאַגע, אין אַ לעכערלעכער סיטואַציאָן. ביז
איצט פֿלעג איך האַלטן אָליווער גאָלדסמיטס קאָמעדיע „זי בייגט
זיך אַראָפּ כדי צו זיגן" פֿאַר אַ קלאַסישן ביישפּיל פֿון אַזאַ הומאָר.
פֿון איצט טרעט שוין ביי מיר יענע וווּנדערבאַרע קאָמעדיע, אַלס
אַזאַ ביישפּיל, אָפּ דאָס פּלאַץ פֿאַר שלום־עליכמס ווערק. אָבער דער
הומאָר פֿון דער סיטואַציע איז דאָך ניט פֿון דער העכסטער מדרגה.
די העכסטע מדרגה פֿון הומאָר איז די, וואָס שטראָמט נאַטירלער
אַרויס פֿון אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע, לעבנספֿולע מענטשן, אַזאַ
מין הומאָר איז אַ לייבלעכע שוועסטער פֿון דער אמתער פּאָעזיע,
און די גאָר הויכע מדרגה פֿון הומאָר איז דאָ אין דער קאָמעדיע
דער עיקר אין דעם כאַראַקטער פֿון דוד שאַפּיראָ. און לעבעדיק
און אינטערעסאַנט זיינען אויך שאַפּיראָס ווייב שרה, זייער ייִנגל
סיאָמקע און זייער טאָכטער בעטי. בשעת דער קריסט איוואַנאָוו
ווערט, סיי דורך זיינע רייד אין פּראָלאָג און סיי דורך זיין האַל־
טונג, דורך זיינע צאָלרייכע פֿאַרלעגנהייטן און דורך די סצענקעס,
וואָס ער מאַכט דורך אין דער פּיעסע גופֿא, אַזוי לעבעדיק אויס־

געהאַלטן, אַז כאָטש ער איז ניט צו אינטערעסאַנט אַלס מענטש, ווערט ער דאָך אַ מערקווירדיקע פּיגור קינסטלעריש, איינער פֿון די לעבעדיקסטע און וואָרהייטלעכסטע גויים, וואָס מען באַגעגנט אין אונדזער ליטעראַטור און אויף אונדזער בינע.

די קאָמעדיע, גאַנץ פֿאַרשיידן פֿון שלום־עליכמס פֿריעריקע דראַמאַטישע ווערק, איז גאַנץ געראָטן אויך סצעניש. זי שוימט מיט לעבן, איז פֿול מיט באַוועגונג. אַלץ גליטשט זיך מיט אַ שנעל־פֿריילעכן טעמפּ אַלץ ווייטער און ווייטער. דער דריטער אַקט, ריכטיקער גערעדט, דער פּסח־עפּיזאָד פֿון דער פּיעסע, דערהייבט זיך צו דער מדרגה פֿון פּאַטריאַרכאַלער פֿייערלעכקייט, אַ פּאָעטישע גראַנדיעזיטעט״.

### איצט גייט ענטין איבער וועגן דאָס שפּילן:

„אַרום און אַרום ווערט די פּיעסע וווּנדערבאַר געשפּילט. אַ פֿרייד, אַ גליקלעכע איבעראַשונג אינם שפּילן איז דער גאַנץ יונגער, אין ניו־יאָרק ערשט אַ יאָר שפּילנדיקער, מוני וויזענפֿריינד אַלס דער רוס איוואַנאָוו. עס איז קעגן אים דאָ בלויז איין איינציקע קליינינקייט אויסצוזעצן, אַן עטוואָס אומגעלומפּערטע פּיזישע האַלטונג אין גאַנג, וועלכע פּאַסט זיך פֿאַר אַ פּויער, אָבער לחלוטין ניט פֿאַרן פּריצישן בחורל. דער הער וויזענפֿריינד ווייזט דאָ אַרויס וווּנדערבאַרע קראַפֿט פֿון אימיטאַציע, נאָכמאַכנדיק זיין העלד אַזוי מייסטערהאַפֿט מיט דער האַלטונג ווי מיט דער שפּראַך. ער האָט אַפֿילו געכאַפּט, אַז זיין העלד, דער רוס, וועט דעם נאָמען שניאורסאָן איבערדרייען אויף שניערסאָן. ער ווייזט אַרויס אַ שיינע רייכקייט פֿון מימיק, פֿון פּאָזן און פּויזן. ער פֿאַרלירט זיך קיין איין מאָמענט ניט און גייט אויף אַ סעקונדע ניט אַרויס פֿון דער ראָלע; ער איז זייער ערנסט און לאָזט זיך בשום אופֿן ניט אַראָפּ צו קיין ביליקן אָדער שרייענדן טאָן. ער איז פֿריש און זעלבסטבאַוווּסט, אַזוי, אַז כאָטש ער שפּילט די ראָלע שוין אַזוי לאַנג, שפּירט זיך אין זיין שפּילן דאָך קיין סימן פֿון „איינגעפֿאָרנקייט״, פֿון קיין שאַבלאָן ניט.

זייער גוט און לחלוטין אָן שום אָנשטרענגונג איז דאָס שפּילן פֿון דעם הער מאָריס שוואַרץ אַלס דוד שאַפּיראָ. דעם הער שוואַרצס יידן זיינען כמעט אימער גוט, אָבער פֿאַר דוד שאַפּיראָ איז ער ווי געשאַפֿן. ער פֿאַרשטייט שאַפּיראָס שטאָלצקייט, זיין קאַפּריזנקייט, זיין עסנדיקן טעמפּעראַמענט און ברענגט זיי ווי געהעריק אַרויס. ער שאַצט שיין אָפּ שאַפּיראָס יידיש־ גראַנדיעזן פּאַטאָס און גיט אים אַרויס אין פֿיין־גרויסן סטיל. עס זיינען דאָך דאָ אייניקע פֿעלערן אין דעם הער שוואַרצס שפּילן. פֿעלערן ניט פֿון ניט קענען, נאָר פֿון געירשנטער ביליקייט; יענע פֿעלערן, וואָס אַ גוטער אַקטיאָר קאָן זיך ניט איינהאַלטן ניט צו צאָלן אַלס צינז צו די געירשנטע שוואַכקייטן פֿון אונדזער בינע. אָפּט פֿאַלט דער הער שוואַרץ אַריין אין לייכטע איבערטרייבונגען. אָפּט זוכט ער זיך אויס אַן עפֿעקט. דער לעצטער פֿינאַל פֿון דער פּיעסע פֿאַר וועלכן דער הער שוואַרץ איז פֿאַראַנטוואָרטלעך סיי אַלס שפּילער און סיי אַלס רעזשיסער, איז ניט אין גאַנצן געלונגען, וואָרעם ער שטימט ניט מיט זיין אַבזיכט. דוד שאַפּיראָ און זיין פֿאַמיליע נעמען זאָגן די הגדה, אָט ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ מוראדיקע טראַגעדיע אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שרעק און דער טראַגיזם פֿון גאַנצן יידישן כלל, אָבער נאָך אַ לאַנגער צעמישט־צעטראָגענער פּויזע נעמט מען זיך



ווידער צום סדר. דאָס הייסט, דער ייד איז גובר די צרות. ער טריומפֿירט איבער זיי, און אָט דעם נצחון דאַרף דער לעצטער פֿינאַל איצט סימבאָליזירן; די הגדה דאַרף אַרויסגעזונגען ווערן מיט שטאָלץ און קראַפֿט, מיט טריומפֿירנד־פֿאַרביסענער פֿרייד, אַזוי, אַז דער צושויער זאָל בלייבן אָן אַ אָטעם. אָנשטאָט דעם ווערט די הגדה גאָר אָפּגעשמאַלאָמייזלט, אַזוי דערשלאָגן, אַז דער צוקוקער בלייבט עפּעס ווי צעבראָכן און אַנטוישט.

אַ זייער גוט שפּילן ווייזט אַרויס די מאַדאַם גערסטען אַלס די טאָכטער בעטי. דעם גאַנצן חן, די גאַנצע קלוגשאַפֿט און נייגעריקייט, די גאַנצע קראַפֿט און שוואַכקייט פֿון דער יידישער, פֿון דוד שאַפּיראָס טאָכטער, ברענגט זי אַרויס. די מאַדאַם גערסטען בעסערט זיך זאָגאַר אין דער ראָלע, האָבנדיק זיך מיט דער צייט באַפֿרייט פֿון די פּאָר פֿאַלשע, שרייענדיקע טענער, וואָס זי האָט לכתחילה געהאַט. סאַלטשע שאָר, אַ פֿרוי, וואָס שפּילט דאָס ערשטע מאָל אין ניו־יאָרק, פֿירט גאָרניט קשה דורך די ראָלע פֿון שרה שאַפּיראָ. זי איבערטרייבט אַ ביסל, פֿאַלט דאָ און דאָרט אַריין אין קאַריקאַטור, דאָך לעבט איר מאַמע און דאָס איז דער עיקר, בפֿרט ווען מען האָט אין זינען, אַז די ערשטע זינד פֿון קאַריקאַטור אין דעם כאַראַקטער שרה איז באַגאַנגען ניט די שוישפּילערין, נאָר דער דראַמאַטורג. מישע גערמאַן אַלס דער ייד שניאורסאָן שפּילט אַרום און אַרום געלונגען, הגם זיין מימיקע איז ניט צו לעבעדיק און זיין שפּילן איז ניט צו רייך אין ניואַנסן. דערפֿאַר איז ער אויסגעהאַלטן און אַרום און אַרום איז ער דאָ בעסער ווי אין אַנדערע ראָלן. אויך העלפֿן אין דער אויפֿפֿירונג גאַנץ שיין צו די הערן י. סאַמואילאָוו און אברהם פֿישקינד. און לוי שאַפּיראָ, אַ יונג מענטשל פֿון אַ דראַמאַטישן קלוב, פֿירט וועדליק אַ דילעטאַנט, גאָרניט שלעכט דורך די ראָלע פֿון יינגל סיאָמקע. אַלץ צוזאַמען איז „שווער צו זיין אַ ייד״ אַ פֿיין געווינס, אַן אמת טייערע מציאה, סיי פֿאַר אונדזער בינע און סיי פֿאַר דעם אַזוי טייערן שלום־עליכם אַלבאָם״.

### ס. דינגאָל שרייבט:

„אין „אירווינג פּלייס טעאַטער״ ווערט איצט אויפֿגעפֿירט שלום־עליכמס קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד״, אַ באַאַרבעטונג פֿון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס״, וועלכן ער האָט געשריבן באַלד נאָכן טרויעריק־באַרימטן בייליס־פּראָצעס, און אים שפּעטער אַליין באַאַרבעט אין אַ קאָמעדיע. מיר רעקאָמענדירן שטאַרק אונדזערע לעזער צו גיין זען די קאָמעדיע, ווייל אַ חוץ אַ האַרציקן עכט־יידישן געלעכטער, געמישט מיט טרערן, וואָס זיי וועלן מיט זיך מיטנעמען פֿון טעאַטער, וועלן זיי אויך ביוווינען אַ שיינע, אַרטיסטישע פֿאַרשטעלונג פֿון אָנהייב ביז צום סוף. „שווער צו זיין אַ ייד״ איז אַ פּיעסע, וואָס איר ערפֿאָלג אויף דער בינע ליגט אין שלום־עליכמס הומאָר און אין שוואַרצס אויפֿפֿירונג.

...מאָריס שוואַרץ אַלס דוד שאַפּיראָ גיט אַן אויסגעצייכנטן יידישן טיפּ פֿון אַ בערזן־מעקלער, וועלכער האַלט אויף אין זיך דעם שטאָלץ פֿון זיין יחוס, וואָס ער איז אַ שאַפּיראָ, פֿון די „סלאַוויטער״. ער איז אַזוי אַריינגעלעבט אין דעם טיפּ און שפּילט אים מיט אַזויפֿיל לעבן און ענערגיע, אַז ער אַנטדעקט אייך כמעט דעם סוד ווי אַזוי עס האָבן יאָרן־לאַנג געקאָנט לעבן די אַלע יידן אין קיעוו, וואָס זיינען אויסגעשטאַנען אַזויפֿיל צרות און גזרות פֿון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ [וווינונג־רעכט]. מיט אים קאָן פֿאַרגליכן ווערן בלויז

אין מוני ווייזענפריינד אין זיין ראָלע אַלס איוואַן איוואַנאָוו אין פּראָלאָג און אַלס פאַרשטעלטער שנייערסאָן אין די איבריקע אַקטן. אַזויפיל טאַלענט, אַזויפיל פאַרשטאַנד און קינסטלערישע אויפפאַסונג פאַר אַ ראָלע האָבן מיר זעלטן געזען, און מוני ווייזענפריינד איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן! לויב־קריטיק ווירקט פאַרשיידן אויף יונגע קינסטלער. אַנדערע דערמוטיקט עס און הויבט העכער, און אַנדערע ווידער פילט עס אָן מיט בלויז גאוה און טרייבט זיי אַרונטער. מיר ווילן האָפן, אַז ווייזענפריינד וועט באַלאַנגען צו די ערשטע און ניט צו די צווייטע. עס באַמערקט זיך ביי אים אַ ריזיקע אַרבעט אַוועקגעלייגט אויף דער ראָלע, אָבער זי ווערט געשפּילט אַזוי נאַטירלעך און מיט אַזויפיל סימפּאַטיע און אַזוי אויסגעהאַלטן פון אָנהייב ביז צום סוף, אַז עס באַשיינט די פאָרשטעלונג.

מאַדאַם סאַלטשע שאָר אַלס פרוי שאַפּיראָ האָט זיך געהאַלטן אין איר ראָלע זייער פיין. זי האָט געהאַט אַ זייער קאָמפּליצירטע ראָלע צו שפּילן. זי האָט געדאַרפט זיין אַ ווייב פון אַ כעסדיקן כהן, אַ מוטער פון אַ זון, וואָס דאַרף כסדר מאַכן אוראָקן [לעקציעס] און אַ טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע, וואָס פאַרליבט זיך אונטער אירע אויגן. זי האָט געהאַט פילע פּאַסטקעס אַריינצופאַלן אין בורלעסק, אָבער זי האָט זיי אויסגעמיטן. דער געשפּרעך צווישן איר און איוואַנאָוו וועגן איר טאָכטער איז געווען זייער נאַטירלעך דורכגעפירט, בערטאַ גערסטען אַלס די יונגע טאָכטער בעטי האָט זייער סימפּאַטיש געשפּילט איר ראָלע. זי האָט געהאַט ווייניק צו ריידן, האָט זי איר צייט אויסגעפילט מיטן „שפּילן". אונדז שיינט, אַז דער יונגער שאַפּיראָ פאַרשפּרעכט אויך צו אַנטוויקלען זיך אין אַ גוטן שוישפּילער אויב מען וועט אים געבן די מעגלעכקייט דערצו. אין זיין ראָלע אַלס סיאָמקע איז ער געווען אויסגעצייכנט. מישאַ גערמאַן אַלס סטודענט שנייערסאָן איז אויסגעקומען זייער בלאַס אַנטקעגן ווייזענפריינדס איוואַנאָוו. אַ ביסל מער לעבן, מער רירעוודיקייט, מער טעמפּעראַמענט, איז געווען נייטיק. שנייערסאָן איז אַ דאַנקבאַרע ראָלע פון וועלכער עס לאָזט זיך מאַכן פיל מער ווי דאָס וואָס מיר האָבן געזען. סאַמואילאָוו אַלס עקסטערנער הוראָוויטש האָט געהאַט אַ גאַנץ קליינינקע ראָלע, און ער האָט זי געשפּילט גאַנץ לעבעדיק. דאָסזעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די הערן פּישקינד, קרויזע און פערקויף. עס האָבן זיך אויך באַטייליקט ה׳ יעקב גאָלדשטיין און משה שולוויס".

### ב. גאָרין שרייבט:

„ווי ווייט מען קאָן ריכטן פון די ערשטע פאָרשטעלונגען, האָט אוירווינג פּלייס טעאַטער אַריינגעקראָגן אַן ערפאָלגרייכע שטיק. „שווער צו זיין אַ ייד" האָט דעם עולם שטאַרק אַמוזירט און דער פאַרגניגן האָט זיך גענומען ניט פון פוילע וויצן, ניט פון קאַזאַרמע־חכמות, ניט פון גראָבן פּאַסקודנעם נבול־פּה, נאָר פון אַ געלונגענע כאַראַקטעריסטיק פון די פּאַרשוינען און דערהויפּט פון דער סיטואַציע. „שווער צו זיין אַ ייד" איז אַ פאַרס אין דער אויפפאַסונג פון דעם סוזשעט און אין דער שילדערונג פון די פּאַרשוינען. דער גאַנצער הומאָר, דער גאַנצער שפּאַס נעמט זיך פון אַן אויסגעטראַכטע סיטואַציע און די שילדערונג איז מיט געדיכטע פאַרבן. געוויינלעך אַזעלכע פאַרסן זיינען געשאַפן בלויז צום אונטערהאַלטונג, אָבער „שווער צו זיין אַ ייד" איז אַ יידישער פאַרס, אַ ריין יידישער פאַרס, און אַז מען לאַכט זיך גוט אָן, און מען גייט אַרויס פון טעאַטער, קומט אויס צו זאָגן צו זיך אַליין, ווי מען זאָגט אין דער ליטע „טאַטע, דו לאַכסט, אַז אַך און ווי איז צו דיין געלעכטער", און דאָס איז דערפאַר, ווייל הינטער דעם שפּאַס זיינען די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן טרערן.

...די ערשטע צוויי אַקטן זיינען אויסגעצייכנט און דער הומאָר פּלייצט ווי פון אַ פאָנטאַן. די סיטואַציע ווערט אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט און די האַנדלונג שטייגט, נאָר דער דריטער אַקט איז ניט קיין געלונגענער. דער עלילת דם איז ניט קיין פּאַסיקער סוף פאַר אַ פאַרס. אַ חוץ דעם צעשלאָגט ער דעם גאַנצן יסוד אויף וועלכן די פּיעסע איז געבויט. דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט ווייזן ווי שווער עס איז צו זיין אַ ייד, און אויב ער וואָלט עס ניט געקאָנט דערווייזן אָן אַן עלילת דם, וואָלט עס גאָרניט דערוויזן. די פּיעסע האָט אויך אַ טעכנישע שוועריקייט, וואָס שלום־עליכם איז ניט באַגאַנגען, און די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די מייסטע פּאַרשוינען דאַרפן ריידן רוסיש. איוואַנאָוו, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר שניאורסאָן, פאַרשטייט קיין איין יידיש וואָרט ניט, און ניט נאָר ער, נאָר אַלע, וואָס ריידן מיט אים, מוזן ריידן רוסיש. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער און אַלע אַרום אים, ריידן יידיש און אַנדערש קאָן ניט זיין, און געוויסע סצענעס ליידן דערפון. אַזוי, למשל, ווען איוואַנאָוו קומט אַריין צום ערשטן מאָל דינגען אַ דירה ביי די שאַפּיראָס, רעדט ער יידיש, און די באַלעבאָסטע איז זיך מישב אין זיין קעגנוואַרט מיט איר טאָכטער [ווי] פיל זי זאָל דעם ערל רעכנען, און זי רעדט אַזוי ווי מען רעדט אין דער קעגנוואַרט פון איינעם, וואָס איז ניט מבין בלשון [פאַרשטייט ניט די שפּראַך]. דער צושויער דאַרף די גאַנצע צייט ברויכן זיין פאַנטאַזיע און אַליין פאָרשטעלן זיך ווי די סצענע וואָלט געדאַרפט פאָרקומען. ווי שוין געזאָגט, איז די פּיעסע אַן אמת יידישע, מיט אמתע יידישע כאַראַקטערס, מיט אַן אמתן יידישן לשון און מיט אַלע יידישע אייגנשאַפטן. און ווי עס איז געוויינלעך דער פאַל מיט אַזעלכע פּיעסן, האָבן אַלע אַקטיאָרן גוט געשפּילט אין איר.

מאָריס שוואַרץ שפּילט די ראָלע פון דוד שאַפּיראָ, אַ מעקלער אויף דער בערזע, אַ ייד, וואָס קאָן זיך בייגן און קריכן, ווי איינער, וואָס וווינט אין קיעוו אָן וווינרעכט, און דאָך אַ שיינער ייד, וועלכער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין, אַז ער איז אַן אתה בחרתנוניק, און די אַלע פאַר וועלכע ער דאַרף זיך בייגן, זיינען ניט ווערט צו פּוצן אים די שיך. שוואַרץ שפּילט די דאָזיקע ראָל אין אַ הומאָריסטישע אויפפאַסונג, און הגם אַ פּאָר מאָל קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן פון אַ לייכטן שאַרזש, ווערט שאַפּראָ דערפון ניט קאָמיש. עס איז גרינג צו זען, אַז ער האָט זיך גוט אַריינגעלעבט אין זיין ראָל. בערטאַ גערסטען האָט געשפּילט די ראָל פון דער טאָכטער בעטי שאַפּיראָ, אַ גימנאַזיסטקע, און זי איז געווען לעבעדיק און חנודיק אויף דער בינע. די ראָל איז מער אַן ערנסטע און מרס. גערסטען האָט איר געשפּילט ערנסט. סאַלטשע שאָר האָט געשפּילט די ראָל פון שרה שאַפּיראָ אַ ביסל שווערלעך. מישאַ גערמאַן אין דער ראָל פון הירשקע שניאורסאָן איז געווען רירעוודיקער ווי געוויינלעך און ער האָט זיין ראָל געשפּילט גאַנץ גוט. לואיס שאַפּיראָ אין דער ראָל פון סיאָמקע האָט זיך ניט געפילט היימיש אויף דער בינע און זיינע באַוועגונגען קומען אַרויס אָפּגעריסענע. גאָר קליינע ראָלן האָבן געהאַט סאַמואילאָוו אַלס דער לערער הורוויטש, פּישקינד אַלס קעצעלע און קרויזע אַלס זשאַנדאַר.

אויסגעצייכנט מיטן שפּילן האָט זיך מער פון אַלעמען מוני ווייזענפריינד. די געלעגנהייט אויף וועלכער ער האָט די גאַנצע

ציט געוואַרט, האָט ער געפונען אין „שווער צו זיין אַ ייד". ער האָט געשפּילט די ראָל פון איוואַן איוואַנאָוו און האָט אַרויסגעבראַכט אַ פּראַכטפולן בילד פון דעם יונגען קריסט, וואָס מאַטערט זיך צו זיין אַ ייד. דער גרים, די האַלטונג, דער גאַנג, די שטענדיקע אָרט ריידן — אַלץ, אַלץ האָט געוויזן, אַז ער קאָן אויפּאַסן אַ ראָל, אַריינלעבן זיך אין איר און דורכפירן איר מיט שכל און טאַלענט, און עס איז אַ שטאַרקער פאַרדראָס פאַרוואָס איינער, וואָס האָט אַזוי גוט דורכגעפירט ניט קיין געוויינלעכע ראָל, זאָל אָנווענדן אַזאַ האַמעטנע מיטל אין אָנהייב פון ערשטן אַקט ווען ער וויל אַרויסווייזן, אַז בעטי איז אים געפעלן. מיט אַזאַ פּיינעם טאַקט האָט ער געדאַרפט געפינען אַ בעסערן אופן און ניט ברויכן אַזאַ טעאַטראַלישן מיטל. דאָס איז אַ קליינינקייט, וואָס איך וואָלט גאַרניט דערמאַנט, נאָר דאָס בילד פון איוואַן איוואַנאָוו איז אַרויסגעקומען אַזוי גאַנץ און פול, אַז די מינדסטע פּגימה רייסט די אויגן. עס איז כדאי צו זען „שווער צו זיין אַ ייד" ניט נאָר צוליב דער פּיעסע אַליין, נאָר אויך צוליב דעם שפּילן, און ביידע צוזאַמען פאַרשאַפן אונדז אַזאַ געניוס, וואָס מען וועט אַזוי גיך ניט פאַרגעסן".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„אויף „שווער צו זיין אַ ייד" איז שווער צו זאָגן וואָס דאָס איז: קאָמעדיע צי טראַגעדיע? גיכער איז דאָס שלום־עליכמס אַ קאָמעדיע, און דאָס איז שוין גענוג געזאָגט, ווייל שלום־עליכמס בעסערער הומאָר איז עפּטער מער טראַגיש ווי קאָמיש... און דאָך לאַכט מען... דאָס איז דער כוח פון שלום־עליכם. „שווער צו זיין אַ ייד" איז אַ שטיק מיט אַ מוסר־השכל. עס איז פּראָפּאַגאַנדע. עס וואָלט ווי גערופן צו דער וועלט: „גויים, קומט צו אונדז און זעט ווי שווער ס׳איז אונדז צו זיין יידן". ...אייגנטלעך האָט דאָ שלום־עליכם געהאַט מאַטעריאַל פאַר איין אַקט, אָבער מען דאַרף דאָך, לכל הפּחות, דריי אַקטן, האָט שלום־עליכם דאָ צוגעטשעפּעט אַ ליבע, ביידע סטודענטן, אי דער ייד, אי דער גוי־ייד, פאַרליבן זיך אין דוד שאַפּיראָס טעכטערל, און טאַקע ווידער „שווער צו זיין אַ ייד", כאָטש דאָ איז שוין די שוועריקייט ניט טאָכטער, און זי איז אַ הייסע נאַציאָנאַליסטקע, וואָס איז ניט קיין פּאָליציייסקע. דאָס מיידל, בעטי, וויל ניט דעם ייד־גוי און זי וויל דווקא דעם גוי־ייד, כאָטש בכלל איז זי דוד שאַפּיראָס כיין פון איר, אָבער מיט אַ ליבע אַליין איז שלום־עליכמן אויך געווען שווער דורכצופירן זיין „שווער צו זיין אַ ייד". ער האָט געפילט, אַז מיט ליבע קאָן מען ניט פאַרענדיקן, האָט ער צוגעשטוקעוועט אַן עלילת־דם, און פאַרשטייט זיך, אום סאַמע פּסח און צום סדר, און געוויינלעך קומט פּאָליציי זוכן ביי דוד שאַפּיראָן אין הויז, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זוכט מען דעם ייד־גוי שנייאורסאָן, און די „שוועריקייט" קומט צו איר העכסטן קליימאַקס. עס איז שוין אַ קאַפּיטשקע צו שווער אויסצוהאַלטן און דער ייד־גוי ראַטעוועט די סיטואַציע: ער איז זיך מודה פאַר דער פּאָליציי, אַז ער איז גאָר דער ייד שניאורסאָן און זיין חבר איז אַ גוי מבטן ומלדה [פון סאַמע געבורט], דער אמתער איוואַן... און דערמיט ענדיקט זיך די קאָמעדיע אַ ביסעלע צו טראַגיש, מיט אַ געוויין ביים סדר, ווען מ׳נעמט צו ביידע סטודענטן, אָבער ס׳מאַכט ניט אויס. ס׳איז דאָך נאָך אַלעמען שלום־עליכמס אַ געוויין, שלום־עליכמס אַ טראַגעדיע און ביי שלום־עליכמס אַ טראַגעדיע, ווי געזאָגט, לאַכט מען אויך...



דאָס איז דער אינהאַלט. איז אייגנטלעך דאָס אַ היבש ביסל מעלאָדראַמאַטיש: די ליבע פון די צוויי סטודענטן, די פּלוצלונגקייט פון דעם עלילת־דם און אויך דאָס וואָס מען זוכט דווקא שנייאורסאָנען... אָבער אַזוי ווי דער פאַרפאַסער איז שלום־עליכם און ניט זאָלאָטאַרעווסקי און ניט ראַקאָוו, איז דאָס מעלאָדראַמאַטישע ניט קענטיק. אַרום דער מעלאָדראַמע זיינען דאָ לעבעדיקע מענטשן, סימפּאַטישע, רעאַליסטישע, און די מענטשן לעבן און באַוועגן זיך אין אַ סביבה, און איבער דער קאָמעדיע שוועבט דער גייסט פון אַ קינסטלער, און די קאָמעדיע איז אויפגעבויט מיט אַן אידעע, אַ מוסר־השכל, אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער גויישער וועלט, און ס׳איז אגיל ואשמח [פרייד און לוסטיק], שלום־עליכמדיק. און דערהויפּט ראַטעוועט די קאָמעדיע דער ייד שאַפּיראָ, דער שאַפּיראָ איז שלום־עליכמן זייער געלונגען. עס איז אַ פיינער, שטאָלצער, קלוגער און דערפאַרענער ייד, פון שלום־עליכמס יידן, פון די טביהס, יוזפּל, דעם רבס און אַנדערע. די טאָכטער בעטי איז אַרויס ביי שלום־עליכמן שוואַכלעך, אויבנאויפיק, ניט דערבאַקן און דערמאַלן, אַ ליטעראַרישער „פּאָדראָסטאָק", אַזוי צו זאָגן. די מוטער, שרה שאַפּיראָ, איז פיל בעסער, אָבער ניט קיין סך, און אַפילו ביידע סטודענטן, אייגנטלעך די הויפּט־העלדן פון דער קאָמעדיע, זיינען ניט איבריק געלונגען. אָבער שאַפּיראָ איז גוט און דער דאָזיקער שאַפּיראָ ראַטעוועט דאָס שפּיל. און ווען דוד שאַפּיראָ ענדיקט אין סוף דריטן אַקט מיט די ווערטער: „נישקשה, מען וועט אים באַפרייען", און הייסט זיין קליינעם סיאָמקען פרעגן די קשיות, קריגט די קאָמעדיע איר תיקון, וואַקסט די קאָמעדיע אויס, און מען פאַרגעסט אין די אומנאַטירלעכקייטן און אַנדערע פּגימות.

אין דוד שאַפּיראָס ווערטער: „נישקשה, מען וועט אים באַפרייען", קלינגט די גרויסע יידישע אמונה אין לעבן, וועלכע מען קאָן ניט ברעכן דורך רדיפות, פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און בלבולים. ער איז דורכגעלייטערט און דערפאַרן, דער דאָזיקער שאַפּיראָ, און ער גלייבט אין דעם כוח פון יידן, און דאָ ווערט ער שוין דער סימבאָל פון גאַנצן יידישן פאָלק. און אַזוי ווי שאַפּיראָ איז געלונגען שלום־עליכמן, אַזוי איז ער אויך געלונגען שוואַרצן. אים אפשר נאָך מער ווי שלום־עליכמן. שוואַרץ מאַכט פון שאַפּיראָן אַ פּערזענלעכקייט; די אָנגעזעענסטע און ליבלעכסטע פּערזענלעכקייט, אַזוי, אַז זי פאַרטונקלט די איבריקע. יעדער קער פון שאַפּיראָ־שוואַרץ איז פיין, קינסטלעריש. יעדער קנייטשעלע און חנדעלע איז געראָטן יידישלעך צום רומל און מיט מאָס. שוואַרץ האָט אין „שווער צו זיין אַ ייד" געוויזן ווי שווער ער אַרבעט און לייטערט זיינע כוחות, און דאָס פירט מיך אַרויף אויף אַ געדאַנק, אַז אונדזערע שריפטשטעלער געלינגט אַממערסטן זיידעס, באָבעס. טאַטעס און יונגע מענטשן געלינגט זיי אַ סך ווייניקער אָדער כמעט גאָרניט. שלום־עליכמן, למשל, זיינען אַמבעסטן געלונגען עלטערע מענטשן און דאָסזעלבע איז אויך מיט אונדזערע שוישפּילער, מיט די בעסטע מיין איך. אויך זיי געלינגען אַמבעסטן יידן פון עלטערן דור. נעמען זיי אַ טאַטען — איז פיין, אַ מאַמען — אויך. אָבער אַ יונגערמאַן קומט ביי זיי אַרויס פיל שוואַכער. זיי לייגן יונגע מענטשן אין דער ערד אַריין. און אפשר איז דאָס נאַטירלעך אויך: טאַטע־מאַמע קענען זיי, אָבער זיך ניט.

אויסער שוואַרצן צייכנט זיך אויס אין דער קאָמעדיע מוני ווייזענפריינד אַלס דער ייד הירשקע. ער שפּילט מיט טאַלענט,

פֿיין, נעט, מיט כאַראַקטער, און ער דערהייבט זיין ראָלע. ווייזענפריינד האָט טאַקע מיט זיין ראָלע באַוויזן, אַז עס איז שווער צו זיין אַ ייד, און דערהויפּט אַ ייד און אַ גוי, און דערצו נאָך אַ רוסישן גוי־סטודענט, וואָס הייסט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. בכלל איז ביי „שווער צו זיין אַ ייד" דוקא זייער גרינג אויסצוזיצן אַן אָוונט, און דאָס אַליין איז אַ זעלטנהייט אויף אונדזערע טעאַטער־בענקלעך".

**און ביי אַ צווייטער געלעגנהייט שרייבט ווידער דער לעבעדיקער:**

„האָב ניט לאַנג געזעען נאָך אַמאָל „שווער צו זיין אַ ייד" פֿון שלום־עליכם און טאַקע נאָך אַמאָל הנאה געהאַט אי פֿון דער דראַמע אי פֿון די שוישפּילער! שוואַרץ, ווייזענפֿריינד, גערסטען און גערמאַן און די אַנדערע, און דאָס האָט מיך נאָך אַמאָל איבערצייגט אין מיינער אַן אַלטער איבערצייגונג, אַז אין אַן אמת גוטער זאַך דאַרף מען ווייניקער קאָנען שפּילן ווי אין אַ שלעכטער זאַך.

די אַקטיאָרן קומט קרעדיט, אָבער דעם גרעסטן קרעדיט קומט דאָך אונדזער שלום־עליכמן. זיין עברי איז אַזוי גוט, אַז אַפֿילו יידישע אַקטיאָרן קאָנען זי ניט איבערפירן. זיין הומאָר איז אַזאַ ברויזנדער, אַזאַ רונד־אַרומיקער, אַז וויפל מען זאָל אים ניט דערשפּילן, איז אַלץ גענוג געשפּילט. און דאָס איז די מעשה וואָס כמעט אַלע פֿאָרלעזער פֿון שלום־עליכמס זאַכן זיינען אַן ערפֿאָלג, און מען דאַרף דוקא ניט האָבן קיין טענענהאָלץ און קיין העריס דערצו (פֿאַרצייט מיר, חברים). טאַלענט, זעט איר, דאַרף מען האָבן צו לייענען — ניט שלום־עליכמען, נאָר פֿיליפּ קראַנצן און מען זאָל לאַכן פונקט ווי ביי שלום־עליכמן".

## „פֿאַטימאַ"


יצחק קאַצענעלסאָן
מחבר

**דעם 11 נאָוועמבער 1920 ווערט אַ'ר פון מאָריס שוואַרץ, מיט דזשעני וואַליר אין דער טיטל־ראָלע אויפגעפירט „פֿאַטימאַ" פון דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז דאַמאָלט געווען צו גאַסט אין אַמעריקע.**

**ס. דינגאָל שרייבט:**

„'פֿאַטימאַ' איז אַן ערנסטע שטיפערייַ פון אַ טאַלענטירטן דיכטער. אין אַ מינוט ווען דער דיכטער איז געזעסן שפּינענדיק זיינע פּערזן איבערן יידישן גלות אָדער באַזינגנדיק די פיל־באַזונגענע לבנה, דעם פרילינג און די ליבע, וועלכע זיינען נאָך עלטער פון גלות, האָט זיך אַ ליכטיקער שטראַל אַריינגעריסן דורכן פענסטער און גענומען קאָקעטירן מיט דעם דיכטערס מוזע. ס'איז ניט געווען קיין הייליקע ליבע און קיין אויסגעלאַסענע פרעכהייט. ס'איז געווען אַ שטיפעריי צווישן ערנסט און לייכטזין פון וועלכער ס'איז געבוירן געוואָרן „פֿאַטימאַ".

„פֿאַטימאַ" איז אַ יונגע ציגיינערין מיט הייס בלוט, מיט אַן אומגעזעטיקטער בענקשאַפט נאָך פרייע בערג און פרייע ליבע. אַלע זוכן זי, אָבער קיינער קאָן זי ניט כאַפּן, ווייל איר האַרץ איז פאַרשלאָסן. זי זוכט איר איינציקן, וועלכן זי געפינט אין יוחנן כרמל, דער זון פון אַ רייכן יידישן וואַלדהענדלער. ווער איז די ציגיינערין פאַטימאַ, און פון וואַנען קומט צו איר אַזאַ פרייהייט און לעבנס־לוסט, אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפט און אַזאַ הייסער גלוט? פאַטימאַ איז די טאָכטער פון דער ציגיינערין מאַרטאַ אין וועלכער



ס'האָט זיך פאַרליבט אַמאָל יוחננס עלטערער ברודער שלמה. ער האָט זי געמאַכט פאַר זיין ווייב און זי האָט אים געבוירן פאַטימאַן. מאַרטאַ האָט זיך געפילט ענג אין דער שטוב פון איר רייכן מאַן. איר האָט געצויגן צוריק זי אַוועק און האָט פון כרלמס הויז אַרויסגעגנבעט איר קליינע פאַטימאַ און געשטאָרבן פון בענקשאַפט נאָך זיין ציגיינערקע מאַרטאַ. מאַרטאַ האָט זיך פאַרליבט אין אַ ציגיינער ביל, און ווען ער האָט געוואָלט האָבן אַ קינד, איז זי אַוועק און האָט פון כרלמס הויז אַרויסגעגנבעט איר קליינע פאַטימאַ און געבראַכט זי צו בילן ביי וועמען פאַטימאַ האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און גערופן אים פאָטער. אָט דאָס ציגיינערשע און יידישע אין איר האָט געשטורעמט און געלעבט, און ס'איז ניט קיין וווּנדער וואָס יוחנן כרמל האָט געוווּנען איר ליבע. נאָך פילע שטערונגען פון דעם אַלטן כרמל און די ציגיינער, געפינען זיי זיך, און פאַטימאַ גייט אַוועק צו יוחנן.

די אַטמאָספערע פון „פאַטימאַ" איז דורכויס אַ ציגיינערשע. זי איז אָנגעפיקעוועט מיט ציגיינער־לידער, וואָס ווען זיי זאָלן קינסטלעריש איינגעזונגען ווערן מיט אַ גוטן כאָר, וואָלטן זיי געווען דער גרעסטער ערפאָלג אויף דער בינע. די פיעסע פאָדערט אַ גאַנץ היבשן אַנסאַמבל, און אין איר פעלן אויך ניט קיין טענץ. דאָס איז „פאַטימאַ", ווי זי איז געשריבן פון יצחק קאַצענעלזאָן.

„פאַטימאַ" ווי זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" איז ניט געלונגען. די אַלע שיינע בלוטפולע לידער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלעכטע דעקלאַמאַציעס. דזשעני וואַליער האָט ניט געטאָרט שפּילן די ראָלע פון דער לעבעדיקער לייכטער ציגיינערקע פאַטימאַ, וועלכע „די וועלט האָט נאָר איין זון און איין פאַטימאַ וואָס ליבט". וואַליער האָט די ראָלע זייער שלעכט אויפגעפאַסט. ס'איז אַ ראָלע פאַר אַ שיינער זינגערין און גוטע טענצערין, ניט פאַר איר. דאָס „אונגאַרישע מיידל" [זינאַ גאָלדשטיין] האָט די ראָלע באַדאַרפט שפּילן. די איבריקע שוישפּילער האָבן די לאַגע ניט פאַרבעסערט. אַן אויסנאַם זיינען געווען מאַדאַם זילבערט אין איר ראָלע אַלס ציגיינערין מאַרטאַ (זי האָט ווירקלעך געשפּילט איר ראָלע) און טיילווייז אויך מאַדאַם גערמאַן אַלס ריטאַ, אָבער די גאַנצע פיעסע איז געשפּילט געוואָרן אַזוי אומבאַהאָלפן דאָס זיי האָבן געקאָנט ווייניק אויפטאָן.

מאָריס שוואַרצס טעאַטער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזוי ווייניק אַפּלאָדיסמענטן ביי אַ פאָרשטעלונג ווי ביי „פאַטימאַ". דאָס פובליקום האָט אָפט געפילט, אַז מען מאַכט איינפאַך חוזק פון אים, און האָט אַזוי רעאַגירט אויף דער פאָרשטעלונג".

**ב. גאָרין שרייבט:**

„מיר האָבן שוין דאָ געזען ווי דראַמען־שרייבער האָבן זייערע אייגענע פיעסן אויף דער בינע ניט דערקענט און האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון זיי, און אַזוי ווי מיר ווייסן וואָס אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער קאָן זיך ערלויבן מיט אַ פיעסע, איז דאָס ביי אונדז קיין וווּנדער ניט געווען. מיר ווייסן פאַקטן ווי געוויסע פיעסן זיינען דורכגעגאַנגען פינף־זעקס הענט אַ חוץ דעם פאַרפאַסערס איידער זיי זיינען געקומען אויף דער בינע און עס איז קיין חידוש ניט וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אָריגינעלן פנים און די פאַרפאַסערס האָבן זיי ניט דערקענט. מיר האָבן דאָ אויך געזען ווי פילע פאַרפאַסערס האָבן זיך געקלאָגט, אַז מען האָט זייערע פיעסן אַן אָפעראַציע געמאַכט און אויב מען האָט קיין זאַך ניט אַריינגעשטוקעוועט, האָט מען אָבער וויכטיקע דיאַלאָגן אויסגעשניטן און דערמיט איבערגעפירט דעם גאַנצן זין פון די

פיעסן. אַזעלכע זיינען כמעט אַלע דראַמען־שרייבער מיט זייער ווייניקע אויסנאַמען. כמעט אַלע דראַמען־שרייבער עפענען זייער האַרץ פאַר די קריטיקער און קלאָגן זיך אויף דעם גרויסן אומרעכט, וואָס מען באַגייט קעגן זיי. פון איין זייט נעמט זיך יעדער דירעקטאָר דאָס רעכט צו פאַלמעסן די פיעסע און אויסשניידן און אַריינטאָן וואָס ער וויל, און פון דער צווייטער זייט ווילן די קריטיקער ניט וויסן ווער עס האָט אַ האַנט געהאַט אין דער פיעסע און האַלטן דעם פאַרפאַסער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, וואָס מען האָט דאָרטן צוגעשריבן מיט אַ פאַרטאַטשקע האַנט אָדער אויסגעשניטן אָן אַ שום רחמנות. דאָס אַלץ זיינען מעשים בכל יום [טאָג־טעגלעכע געשעענישן] און מיר זיינען שוין דערצו אַזוי געוווינט, אַז מיר שענקן ניט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט צו די טענות פון די פאַרפאַסער. מיט אַזעלכע טענות דאַרפן די דראַמען־שרייבער זיך ווענדן צו די דירעקטאָרן און זיי דאַרפן זיי ניט דערלויבן צו טאָן וואָס זיי ווילן מיט זייערע ווערק.

נאָר צום ערשטן מאָל איז אונדז אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך דאָ אויף אַזאַ פאַל, ווי דאָ איז געשען מיט „פאַטימאַ“ אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“. איך האָב געזען די לעצטע פאָרשטעלונג פון „פאַטימאַ“ און איידער איך בין צו איר געגאַנגען, האָב איך געקראָגן אַ בריוול פון פאַרפאַסער מיט אַ בקשה איבערצולייענען די געדרוקטע „פאַטימאַ“, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט. דאָס האָט באַטייט, אַז ער רעכנט, אַז אַן אומרעכט איז אים געשען ביים שטעלן די פיעסע, און אָדער מען האָט אַהין אַריינגעשטוקעוועט אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט גאָרניט געשריבן אָדער גאָר אין זינען ניט געהאַט, אָדער מען האָט איר אַזוי צעשניטן, אַז זי האָט פאַרלאָרן איר אמתן פנים. איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די פיעסע פריער, און די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. עס טרעפט אַמאָל, אַז איינער חלומט אַ חלום און בשעת ער כאַפּט זיך אויף, ווייסט ער ניט וואָס ער האָט געחלומט. אַזאַ חלום איז „פאַטימאַ“ און ניט נאָר דאָס פובליקום האָט געקוקט אויף דער בינע ווי אַ האָן אין בני אדם, נאָר ווען דער שרייבער פון „פאַטימאַ“ האָט דערזען זיין קינד אויף דער בינע, האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר אים. און די פיעסע איז דווקא ניט צעשניטן געוואָרן. אויב „פאַטימאַ“ טראָגט סימנים פון אַ בלויען בלייפעדער, האָט די דערפון גאָרניט פאַרלאָרן. די צרה איז וואָס די גאַנצע לאָגיק פון דעם חלום ווערט צעקראָכן אויפן וואָר, און ווען דער שרייבער האָט זיין פאַנטאַזיע דערזען אַ נאַקעטע, האָט זי אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שרעק. דערצו האָט אויך פיל בייגעטראָגן וואָס „פאַטימאַ“ איז געשריבן אין ווייסן פערז. דער עולם אין טעאַטער האָט קוים געכאַפּט איין וואָרט פון צען.

וואָס איז שייך צו מרס. וואַליער, האָט איר ריידן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ האַלב־שטומער. וועלכע מאַטערט זיך עפּעס צו זאָגן. די ווערטער זיינען פשוט צעשווומען ביי איר אין מויל איידער זי האָט זיי אַרויסגערעדט און צום צושויער האָבן דערגרייכט פוסטע קלאַנגען. געשפּילט האָט זי דווקא גאַנץ גוט. איר האַלטונג איז געווען אַ גוטע און זי איז געווען רירעוודיק לעבעדיק, נאָר זי איז געווען אַזוי הילפלאָז מיט איר ריידן, אַז עס איז פשוט געווען אַ רחמנות אויף איר. און הגם די אַנדערע זיינען ניט געווען אַזוי הילפלאָז, האָט זיי אָבער דער ווייסער פערז געשטערט און מען האָט זיי אויך ניט געהערט.





פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען אַ גרויסע עוולה פון דער זייט פון דעם דירעקטאָר וואָס ער האָט געגעבן מרס. וואַליער אַ הויפּטראָלע אין ווייסן פערז. איר איז שווער דורכצוקומען אין יידיש אַ געוויינלעכן מענטשלעכן זאַץ, און דאָ הייסט מען איר ברעכן די צונג און די ציינער אויף פּאָעזיע. וואָס איז שייך צום שפּילן, האָבן די אַקטיאָרן געגעבן אַ גאַנץ גלאַטע פאָרשטעלונג און דער פאַרפאַסער קאָן צו זיי קיין טענות ניט האָבן“.

### רעי ראַסקין שרייבט:

„ווען מען זאָל די זאַך ניט נעמען זייער ערנסט, איז „פאַטימאַ“ אַ שיינע ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערעטע. די פערזן זיינען לייכט און פליסיק. דער אינהאַלט זיס און ליריש. די ליבע הייס און ברענענד און אַלצדינג ענדיקט זיך אַזוי וואויל און פיין. דער יידישער יונגערמאַן האָט חתונה מיט דער ציגיינערין און זיין פאָטער איז אויך גאַנץ צופרידן. פרעגט זיך אָבער צו וואָס האָט מען געדאַרפט די זאַך ווייזן דעם פובליקום כמעט אָן מוזיק. דאָס הייסט האַלבע אַרבעט. אמת, דאָס פובליקום איז ניט קיין נאַר, אָבער ווען עס קומט אין טעאַטער, ערוואַרטעט עס צו זען אַ גאַנצע, פאַרענדיקטע זאַך. קאָן אויף דער פראַגע זיין בלויז איין ענטפער. דער פאַרפאַסער האַלט עס פאַר אַ פאַרטיקע, פאַרענדיקטע זאַך, גרייט צום פּראָדוצירן. אַנדערש וואָלט ער עס ניט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם און וואָלט עס אויך ניט אָנגערופן „דראַמאַטישע פּאָעמע“. נעמט ער, הייסט עס די זאַך גאַנץ ערנסט, מוזן מיר עס אויך גאַנץ ערנסט נעמען. און אַז מיר גיבן אַ קוק אויף איר ערנסט, פאַרלירט זי זייער און זייער פיל. מיט אַזאַ פיעסע ווערט אונדזער טעאַטער אַרונטערגעצויגן צו יענע גוטע צייטן פון „בר כוכבא“ און „שולמית“, ווען מיר האָבן נאָך קיין דראַמאַטישע קונסט ניט פאַרמאָגט. ווייניקסטנס, האָבן מיר דאָרט אַ ביסל מער מוזיק. דאָ האָבן מיר דאָס אויך ניט. ווען מען קומט צו אונדז פון אייראָפּע מיט אַזאַ פיעסע ווי „פאַטימאַ“, רופט מען ביי אונדז אַרויס בלויז קנאה. מיר זיינען זיי מקנא, וואָס זיי האָבן דאָרט פיל צייט. זיי קאָנען זיך ערלויבן צו פאַרשווענדן אַזויפיל כוחות אויף צו באַאַרבעטן אַזאַ מין נישטיקן סוזשעט. ווי געשליפן, ווי מוזיקאַליש די פערזן זיינען דאָס, און ווי גוט עס איז זיי דאָרט, אונדזערע אומגליקלעכע ברידער־ליטעראַטן פון יענער זייט ים. לעבט מען זיך אָבער אַריין אין דער ערנסטקייט פון דעם דראַמאַטורג. ער האָט טאַקע מער ניט געהאַט אין זינען ווי אַ ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערעטע, זאָגט מען זיך. אָט האָט איר אַ סצענע צווישן ריטאַ און אירע צוויי געליבטע ציגיינער. ווען ריטאַ דערוויסט זיך, אַז איר מאַן שלאָפט, זאָגט זי: „ער שלאָפט, ע, ציגיינער, ריטאַ וועט זיין וואַך, פאָנט און גראָוער, וואָס ברייטער זאָל זיין דאָס געלעגער, ווייל טאָמער וויל איך טאַנצן צווישן אייך“. זיי דריי: „העי! העי! העי! העי, שלאָף געשמאַק, בעי“. דאַן זינגט ריטאַ אַ לידל פון 8 שורות און אַלע דריי כאַפּן ווידער אונטער: „העי, העי, העי, שלאָף געשמאַק, שלאָף בעי!“. נאָכדעם זינגען פאָנט און גראָווער צוזאַמען אַ לידל פון אַכט שורות מיט דער זעלבער מעלאָדיע, וואָס ריטאַ (ווייל דער ריטם איז דאָ אויך דער זעלבער) און אַלע דריי כאַפּן אונטער צום דריטן מאָל: העי, העי“ א. אַוו. אַזוי ווידערהאָלט זיך עס פיר מאָל, און אַזעלכע קופּלעטן־שטעלן זיינען דאָ גענוג אין דעם ביכל. פאַרוואָס זשע הייסט עס פאָרט „דראַמאַטישע פּאָעמע“ און פאַרוואָס האָט מען עס בעסער ניט פּרעזענטירט מיט געזאַנג אַלס אַן אמתע אָפּערעטע?

דער ענטפער וואָלט אפשר געקאָנט זיין, אַז ס׳איז צו גוט פאַר אַן אָפּערעטע און זייער שוואַך פאַר אַ דראַמאַטישער פּאָעמע און אַז דער פאַרפאַסער האָט ניט געהאַט גענוג געדולד צו וואַרטן ביז ער וועט האָבן די מעגלעכקייט אויפצופירן די זאַך אין איר פאַרענדיקטער פאָרם מיט מוזיק און טענץ און אַלץ אין וואָס אַ גוטע אָפּערעטע נייטיקט זיך.

די אויפפירונג אין שוואַרצס טעאַטער איז געווען אַזוי גוט ווי מען האָט נאָר געקאָנט ערוואַרטן פון אַ האַלבער אַרבעט. די דעקאָראַציעס זיינען געווען אַ ביסל אַלטמאָדיש, אָבער דורך דער געלונגענער באַלייכטונג איז אָפּטמאָל געשאַפן געוואָרן די נייטיקע שטימונג. די קאָסטיומען זיינען געווען שיינע און יעדער אַקטיאָר און אַקטעריסע האָט אויסגעזען ביז אַ געוויסער גראַד ציגיינעריש. באַזונדערס געלונגען איז געווען דראַפּירט דער קאָסטיום פון מאַדאַם זילבערט. זי איז געווען די שיינע, ברייטע ציגיינערין מיטן ווייסן רונדן בויך, וואָס האָט געהאַט אַ פייער און האָט „די קינדער אין מוטערלעכן לייב פאַרברענט״ ...זי האָט אויך געשפּילט בעסער פאַר אַלע אַנדערע אַקטיאָרן. יעדע פּיעסע ברענגט אַרויס אָפּט גאַנץ צופעליק די פעיקייטן פון אַן אַנדערן אַקטיאָר אָדער אַקטעריסע. דאָסמאָל איז דאָס געווען מאַדאַם זילבערט. זי האָט, ווייזט אויס, גענומען איר ראָלע זייער ערנסט. זי האָט אַרויסגערעדט די ווערטער אַזוי דייטלעך און אַזוי ריטמיש דעקלאַמירט, אַז אין פילע מאָמענטן האָט זי דערהייבן איר ראָלע ביז צום שעקספּירישן סטיל. זייער ציגיינעריש האָט געהאַנדלט אויך מאַדאַם גערמאַן. איר אויסזען איז געווען פאַרפירעריש און אירע באַוועגונגען ווייך און ווילד. איר שטימע איז אין פיל מאָמענטן געווען זייער ענלעך צו דער שטימע פון בעסי טאָמאַשעווסקי. הער גערמאַן האָט זיין ראָלע זייער ריכטיק אויפגעפאַסט. ער האָט געשאַפן אַן אָפּערעטן־פיגור און האָט געשפּילט לייכט און גראַציעז. אָפּטמאָל האָט ער שוין אָבער צו פיל געפּלאַטערט אויף דער בינע. מאַדאַם וואַליער האָט דאָסמאָל געשפּילט שוואַכער ווי אַלע מאָל, געוויס צוליב דער ניט אינטערעסאַנטער ראָלע. אַן אמתע קינסטלערין פילט די פאַלשקייט צו אינטענסיוו און דאָס שטערט אָפּט אירע אינטערפּרעטאַציע־פעיקייטן. די אַקטיאָרן ווייזענפריינד, דובינסקי, און די איבריקע דאַמען און הערן האָבן געהאַט קליינע אומבאַטייטנטע ראָלן פון וועלכע זיי האָבן געמאַכט דאָס בעסטע, וואָס האָט זיך געלאָזט אונטער די אומשטאַנדן. איבערהויפּט דאַרף מען צוגעבן, אַז די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען זייער שיינע ציגיינער״.

## „יענקל פּורמאַן״

**דעם 29 נאָוועמבער 1920 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „יענקל פּורמאַן״ פון אַרטור וואָלף.**

**י. ענטין שרייבט:**

„אין אוירווינג פּלייס טעאַטער גייט איצט אין מיטן דער וואָך אַ דריי־אַקטיקע פּיעסע מיטן נאָמען „יעקל פורמאַן״ פון אַרטור וואָלף. די פּיעסע האָט אַ געוויסן ליטעראַרישן ווערט. דער דיאַלאָג ווערט געפירט אין אַ געזונט פאַרביקן ליטווישן יידיש. דאָ און דאָרט אונטערגעשלאָגן מיט שלום עליכם. עס זיינען דאָ זשאַנער־בילדער, אַ סביבה, אַ צוויי־דריי פון די פאַרשוינען האָבן אַ געוויסע לעבנס־פרישקייט. די דראַמאַטישע פאַרדינסטן פון דער



פּיעסע זיינען אָבער זייער שוואַכע. וואָס אָנבעלאַנגט צום ספּור המעשה קאָן [עס] רעדוצירט ווערן צום פאָלגנדן:

יעקב דער בעל עגלה, דער בעל פּרנסה [שפּייזער] פון זיין גאַנצער פאַמיליע און איר האַר און הערשער, איז שוין פיר און דרייסיק יאָר אַלט און וויל חתונה האָבן, אָבער זיין עלטערע שוועסטער, עלקע, אַ מויד, וואָס איז פאַרזעסן געוואָרן, ווייל זי איז צופיל אויסקלייבעריש, איז אים אַ שטיין אין וועג. האָט ער מיט איר צו טאָן, אַז זי זאָל אויפהערן זיך איבערנעמען; און פריי מאַכן אים דעם וועג, איבערהויפּט ווערט ער צודרינגלעך ווען ער דערזעט די כלה, וואָס זיין חבר „אברהמל דער גניאַדער״ האָט געקראָגן, אַ שיינע, אַן איידעלע און אַ „מלמדס אַ טאָכטער״. שטייט ער יעקל צו צו זיין שוועסטער און פּועלט ביי איר, אַז זי זאָל נעמען ווען צו חתונה האָבן פאַרן אלמן איטשע־נחום דער קרעמער און ער אַליין פאַרטראַכט זיך ערנסט וועגן זיין חבר אברהמלס חברס כלה. ער האָט אויך אַן אָנשטויס צו טראַכטן. דעם חתנס מאַמע איז מיט דער כלה ניט צופרידן. זי איז פאַר איר צו איידל, „פאַרצלאַינע מאַלעוואַנקע״. אין שטעטל מורמלט מען אויך איר אונטער, אַז זי האָט שוין געהאַט אַ „ליובאָווניק״, און זי, די כלה אַליין, איז אויך אומצופרידן מיטן חתן, וועלכער איז פאַר איר, משמעות, ניט איידל, ניט לעבעדיק גענוג.

דעריבער, אַז אברהמל בעט יעקלען, אַז ער זאָל אים אַנטלייען זיין ברישקע אויף אָפּצופירן די כלה אַהיים, רעדט ער אים איין, אַז עס פּאַסט ניט, אַז דער חתן זאָל אַליין זיין דער כלהס אָנטרייבער, נאָר אָנשטאָט דעם זאָל ער אים, יעקלען, איבערגעבן די שליחות. אויפן וועג ריידן זיך ביידע צונויף מיטן סוף, אַז אָנשטאָט ברענגען איר צו איר טאַטען אין שטוב, פאַרפירט ער זי גאָר צוריק צו זיך אין הויז און זיי ווערן חתן־כלה.

ווי מיר זעען פון אינהאַלט, גיט ער ניט ווייניק געלעגנהייט פאַר הומאָר. די געלעגנהייט ווערט אויסגענוצט, און דער הומאָר, כאָטש ניט צו רייך, איז איינע פון די זאַכן, וואָס זיינען אַביסל מכפּר [פאַרדעקן] פאַר דער אָפּוועזנהייט פון אַ געזונטן סוזשעט, דראַמאַטיזם און דראַמאַטישע סצענעס. דער הומאָר קומט פון דער סביבה און צו די בעסטע זאַכן אין דער פּיעסע געהערט אַ ריי זשאַנר־בילדלעך, בילדלעך פון „שטילן לעבן״ פון דער ליטע. די זשאַנר־בילדלעך ווערן אָנגעמאָלן דורך אַ פאַרביק פרישן ליטווישן יידיש. דאָס אַלץ וואָלט, אויב ניט פון דראַמאַטישן און פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, געווען גאָרניט שלעכט, נאָר אָבער פילט זיך איבער דעם אַלעמען גאַנץ שטאַרק דער איינפלוס פון פּרץ הירשביינס פּיעסן. בשעת אין אַ פּאָר דיאַלאָגן צווישן צוויי עלטערע ווייבער שפּירט זיך גאַנץ דייטלעך דער איינפלוס פון שלום־עליכם. אין די דאָזיקע ערטער, אַזוי ווי דאָס באַוועגלעכע, דאָס האַנדלנדע, דער נערוון־דראַמאַטישער טעמפּאָ פעלט אין זיי (ווי איבערהויפּט אין דער גאַנצער פּיעסע), איז פאַרן צוהערער גאַנץ גרינג צו פאַרגעסן, אַז ער האָט פאַר זיך אַקטיאָרן און צו מיינען, אַז דאָס הערט ער פאָרלייענען „דאָס טעפּל״ אָדער אַ שטיקל מענה־לשון פון סאָסל די מומע פעסלס. גיסט זיך די פּיעסע לאַנגזאַם און היימלעך פון געשפּרעך צו געשפּרעך. פון בילדל צו בילדל, און בלויז ווען ניט ווען ווערט די ניט־דראַמאַטישע שטילקייט איבערגעריסן פון אַ מער ליידנשאַפטלעכן אויסברוך. אַזאַ טעמפּעראַמענטפולער מאָמענט איז ווען יעקל צעשרייט זיך אויף דער עלטערער שוועסטער מיטן סטראַשונאָק, אַז אויב זי וועט זיך ניט צוגלייכן אַ שידוך, וועט ער ניט קוקן אויף איר רעכט און חתונה האָבן.

אַ צווייטער איז אין צווייטן אַקט, ווען יעקל הייבט אָן אויסמאָלן פאַר אברהמלען ווי מען דאַרף אָפּפירן אַ כלה אַהיים אויב מען וויל, אַז די זאַך זאָל צוגיין מיטן ריכטיקן שיק: די לייצעס אָנגעצויגן, די פערד טראָגן, די בייטש קנאַקט, די רעדער רודערן איבער די שטיינער פון ברוק. איבער דער סביבה — אַ טאָפּלטע סביבה פון לעבנס־פירונגען און שפּראַך — הייבן זיך אויף

מענטשן, אָבער נאָר ווייניק פון זיי דערהויבן זיך צו אַזאַ בולטקייט, אַז זיי זאָלן אָננעמען די ענלעכקייט פון לעבעדיק, מערווייניקער באַשטימטע מענטשן, אַזוי פאַרבלאָז, אַזוי ניט־כאַראַקטעריסטיש זיינען זיי געמאָלן. די דריי אויסנאַמעס זיינען, צוערשט, יעקל, וועלכער, הגם ניט אָריגינעל, דערמאָנענדיק צום טייל אויף דעם העלד פון בימקאָס „גנבים", אַנטהאַלט ער דאָך עטלעכע בלוט־פעדים און לעבט דאָך איבער אַ פּאָר שטאַרקע געפילן דורך דער פּיעסע, אַזוי, אַז דאָס באַקומען די דייטלעכקייט פון אַ געשטאַלט, די געשטאַלט פון אַ יונגן, עטוואָס לעבנס־דורשטיקן נאָך ליבע, בענקנדן גראָבלעכן, דעספּאָטיש־קאַפּריזנעס לייכטגלויביקן מענטשן. די צווייטע פיגור, וועלכע איז אַמבעסטן, אַמלעבעדיקסטן געמאָלן און וועלכע לעבט מיט איר אייגענעם אינערלעכן לעבן, אָן דער הילף פון דרויסנדיקע פּאַסירונגען, איז די פון האָדל, דעם העלדס יינגסטער שוועסטער. דאָס איז אַ מיידל אַ ברען, אַ זאָרגלאָזע שטיפערקע, פול מיט דער אומרויִקייט, לעבנסדורשטיקייט, פרעכהייט און אומבאַרעכנהייט פאַרן צווייטן. די ערשט אונטערגעוואַקסענע האַלב־מיידל האַלב־פרוי. די דריטע פיגור, וועלכע האָט זיך דעם שרייבער ניט איינגעגעבן קלאָר אַרויסצוברענגען, אָבער אין וועלכער ס'איז דאָ אַן אינטערעסאַנטער קערן פון אַ מענטשן, איז אברהמלע „דער גניאַדער". אַ יונגער בעל עגלהדיק, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי דער מאַמען (אַ יידענע אַ קאָזאַק) און קאָכט זיך אין „גניאַדע"־פעלד, איז, וואָס מען רופט אַ „האַמרוק" און האָט אין זיך עפּעס פון דער אומגעלומפּערטקייט, דער ניט־געזעלשאַפטלעכקייט, דער טעמפּקייט און קליינקייט פון דעם פויער. פון אַזאַ מין מענטשלעכן קערן האָט עס דוד בערגעלסאָן באַשאַפן איינעם פון זיינע געזונטסטע טיפּן, דעם העלד פון „אין אַ פאַרגרעבטער שטעטל".

אַרום און אַרום, אַלזאָ, ווו עכט און ווו אונטער פרעמדן איינפלוס, איז אין דער פּיעסע ניטקשהדיק צעוואָרפן ליטעראַרישער שטאָף. דער שטאָף ווערט אָבער ניט איינגעפּאַסט אין קיין דראַמאַטישן ראַם. עס איז אַ פּיעסע אָן ליידנשאַפט, אָן האַנדלונג, אייגנטלעך אָן באַוועגונג, אַפילו אָן אַ קלאָרן ציל פון אַ סיפּור המעשה. אין סוף פון צווייטן אַקט ווייס שוין דער שרייבער ניט ווי דעם גאַנג פון זיין פּיעסע ווייטער צו קירעווען. ליבע־גיטל די כלה הייבט וואָס אָן צו דערציילן, אָבער זי האַקט זיך איבער. זי וועט אים דערציילן אויפן וועג ווען זיי וועלן פאָרן. עס הייסט, אַז זי האָט אים טאַקע דערציילט, נאָר וואָס אייגנטלעך ווייס דער צוקוקער ניט. פּלוצים ברענגט יעקל דאָס פרעמדע מיידל צו זיך אַהיים. ווי אַזוי ביי אים ווערט רעכט אַזאַ שריט צו באַגיין, ניט קימערנדיק זיך וואָס די וועלט וועט זאָגן, ווי אַזוי ווערט ביי איר רעכט ביי אים צו בלייבן, אויף דערויף איז קיין דערקלערונג ניטאָ.

גאַנץ נאַטירלעך איז אונדזער אָנפאַנגנדער דראַמאַטורג אַ שוואַכער טעכניקער, דאָך אַזאַ מין ניט רעכנען זיך מיט קיין רעגעלן, אַזאַ מין נאַכטוואַנדערלעריש ניט קימערן זיך וועגן טעכנישע סכנות, באַמערקט מען זעלטן אַפילו ביי אַן אָנפאַנגער. דאַרף ער אַ מענטשן, טרייבט ער אים אָן צערעמאָניעס אַרויף אויף דער בינע. ווערט ער אים איבעריק, נעמט ער אָן שאלות און מעלות אים פראָסט אָן פאַר דער טשופּרינע און שלעפּט אים אַראָפּ.

אייגנטלעך אָן אַ סוזשעט, אָן דראַמאַטישע סיטואַציעס און מיט זייער ווייניק לעבעדיקע מענטשן, לאָזט זיך דאָס שפּילן פון דער פּיעסע אָפּפּטרן מיט עטלעכע ווערטער. הער שוואַרץ, וועמנס ראָלע איז די גרעסטע ניט נאָר בנוגע דער צאָל ווערטער, נאָר אויך





דראַמאַטיש, שפּילט אייגנטלעך ניט. ער האָט ניט ווו זיך פאַנאַנדערצוּוואַרעמען, צייכנט זיך אויס זיין איצטיק שפּילן ניט אַזוי מיט טעמפּעראַמענט ווי מיט מימיקע, אויך שאַפט ער דאָ קוים וואָס נייעס אין פאַרגלייך מיט זיינע פריערדיקע ראָלן. פאַרקערט, פיל פון דאָס בעסטע דאָ דערמאָנט שטאַרק אין זיין שפּילן אין „גנבים". איינע פון די בלייכסטע פיגורן אין דער פּיעסע ווערט געשאַפן פון מאַדאַם גערסטען. וואָס די מאַדאַם גערסטען קאָן אויפטאָן אין אַזאַ אָן פליייש און בלוט־מענטש ווי הירשביינס לאהדאבע אָדער אַפילו אין בימקאָס „גנבים", האָבן מיר געזען, אָבער ליבע־גיטל איז אַזוי וואַסערדיק אָנגעצייכנט און אומבאַשטימט, אַזוי אַלגעמיין און גאָרניט זאָגנדיק, אַז פּאַר אַ שוישפּילערין מוז ווירקלעך שווער זיין אין איר אַ טראָט צו געבן. איז זי איינפאַך אַלטמאָדיש, קליינשטעטלדיק, אָדער זי איז אַ מיידל מיט כאָטש אַ קליין ביסל בילדונג, לעבט אין איר אמתע בענקעניש נאָך שיינהייט, איידלקייט און ליבע, אָדער זי זוכט בלויז אַ בעסערן שידוך, איז זי נאָך אַלץ צניעותדיק אָדער שוין קאָקעטישאויסגעלאַסן? אויף דעם אַלעמען איז שווער צו ענטפערן, ווייל וועגן דעם אַלעמען איז אין דער כאַראַקטער־צייכענונג פון ליבע־גיטלען אַ שטענדיקע וואַקלעניש, אַ שטענדיקע אומזיכערקייט. און גאַנץ אומזיכער און אומבאַשטימט מוז אונטער די אומשטאַנדן זיין דאָס שפּילן. האָט דאָ די מאַדאַם גערסטען אַפילו קיין באַשטימטן טאָן ניט און איר האַלטונג וויגט זיך כסדר צווישן שעמעוודיקייט און קאָקעטסטוואָ.

ה' דובינסקי, וועלכער שפּילט אברהמל, האָט זיך אין זיין העלד קענטיק ווייניק אַריינגעטראַכט. אָנשטאָט צו שאַפן עטוואָס אָריגינעלעס אין אומגעווינלעכע ווינקל־מענטשן, ווי די אומשטאַנדן פאָדערן, שאַפט ער גאָר אַ געווינלעכע גאַנגבאַרע בינע־פיגור. צום טייל קומט עס אויך דערפון וואָס ה' דובינסקי מאַכט זיין פאַרשוין צו לעבעדיק, צו פולבלוטיק. נאָר גאָרנישט שלעכט שפּילט די מאַדאַם גערמאַן די יונגע ערשט אונטערגעוואַקסענע האָדל. איר לאַכן איז זייער האַרציק, דאָך אַזוי לאַכן, אַז מען זאָל שוין ניט הערן וואָס זי רעדט, דאָס איז שוין צופיל. די צוויי מאַמעס, מאַדאַם שאָר אַלס אברהמלס מאַמע און מאַדאַם פערקויף אַלס יעקלס זיינען ביידע גוט. דערהויפּט די ערשטע. דאָך, ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין לעבעדיקע כאַראַקטעריסטישע מענטשן, שפּילן זיי קוים. זיי ריידן ניט, לייענען גוט פאָר, האַלטן זיך גוט, אָבער אָן דער ליידנשאַפט פון דראַמאַטישן שפּילן. די מאַדאַם זילבערט, וועלכע האָט געקראָגן צוגעטיילט די ראָלע פון דער אַלטער מויד עלקע, פירט זי דורך ווערדיק דער ראָלעס אָרעמקייט אין סצענעס און ווערטער, גאַנץ ביים וועג. עס פאַרטיקן זיך ווי עס איז אָפּ מיט זייערע אומבאַטייטנדע ראָלעכלעך אויך די הערן סאַמואילאָוו (דער אלמן איטשע־נחום), יעקב גאָלדשטיין (דעם אַלמנס זון מענדל) און פישקינד (אַ יידל אַ מאָלער)".

**ס. דינגאָל שרייבט:**

„מאָריס שוואַרץ באַזיצט אַן אומבאַגרענעצטע ליבע צו יידישע פאָלקס־טיפּן, און ס'איז דעריבער פאַר אונדז קיין וווּנדער ניט פאַרוואָס ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר „יעקל פורמאַן", אַ פּיעסע פון אַרטור וואָלף, אַ דראַמאַטורג, וואָס מאַכט זיין ערשטן דעביוט אויף דער יידישער בינע. שוואַרץ האָט וואַרשיינלעך געזען דאָס, וואָס מיר אַלע זעען, אַז „יעקל פורמאַן" איז קיין פּיעסע ניט אין דראַמאַטורגישן זין פון וואָרט. ער איז אָבער מיטגעריסן

געוואָרן פון דער גאַלערעע טיפּן פון וועלכע „יעקל פורמאַן" איז צוזאַמענגעשטעלט, און האָט פאַר איר געמאַכט פלאַץ אויף דער בינע.

אַרטור וואָלף האָט אָבער אין זיך עטוואָס, וואָס קאָן פון אים מיט דער צייט מאַכן אַ גוטן דראַמאַטורג. ער האָט אין זיך אויפריכטיקייט און נאַטירלעכקייט. זיינע העלדן זיינען לעבעדיקע מענטשן אויף דער בינע, און ניט קיין אַקטיאָרן אין לעבן. זייער האַנדלונג, זעט איר, שטראָמט אַרויס פון זייער נאַטירלעכער סביבה, און די פּיעסע איז פריי פון וועלכע עס איז אויסערלעכע טעאַטער־עפעקטן, איבער דער גאַנצער פּיעסע שוועבט אַ מילדע נאַיִוויטעט, וועלכע פאַרדעקט אַפילו די אומבאַהאָלפנקייט פון פאַרפאַסער. דער רעזולטאַט איז, אַז איר גייט אַוועק פון טעאַטער אָן פאַרדרוס. איר פילט, אַז איר האָט געזען אַ פּיעסע פון אַ דילעטאַנט, וועלכער דאַרף נאָך אַ סך לערנען אין הלכות דראַמע, אָבער זיין לערנען וועט ניט זיין אומזיסט. איר זייט גיכער דאַנקבאַר הער שוואַרץ, וואָס ער האָט געגעבן די מעגלעכקייט דעם שרייבער אויפצופירן זיין דראַמע, ווייל די בעסטע שול פאַר אַ דראַמאַטורג איז ניט דער שרייב־טיש, נאָר די בינע.

„יעקל פורמאַן" ווערט פון פאַרפאַסער אָנגערופן אַ פאָלקס־קאָמעדיע, אָבער דעם אמת גערעדט, האָבן מיר געזען זייער ווייניק „קאָמעדיע" אין דער פּיעסע. דאָס איז גיכער אַ ריי שוואַך־פאַרבונדענע סצענעס פון אַ קליין שטעטלדישן יידישן לעבן. ...לויט אַלע געזעצן פון דראַמע האָט זיך דער הויפּט־קאַמף געדאַרפט קאָנצענטרירן אַרום די צוויי חתנים, יעקל פורמאַן און אברהמל פון וועמען ער נעמט אַוועק זיין כלה. אין דער פּיעסע פאַרנעמען אָבער די מוטערס אַ פיל באַטייטנטן פלאַץ פון די חתנים. אברהמלס מוטער, קריינע (מאַדאַם שאָר), איז די העלדין פון דער דראַמע. איר ווילן באַהערשט דעם זון און ער מוז אויפגעבן זיין כלה, און אָנשטאָט אַ דראַמאַטישער העלד ווערט אברהמל אַ קאָמישע פיגור אָן אַ קאָמעדיע. האָדל. יעקלס יינגערע שוועסטער (מאַדאַם גערמאַן) איז אינגאַנצן אָן איבעריקע אין דער פּיעסע, פּונקט אַזוי ווי איר חתן, זונדל (מר. גאָלדשטיין). מאַדאַם גערמאַן האָט געשפּילט איר ראָלע ווי אַ סובּרעטין, מער פאַרשייט ווי פאָלקסטימלעך, אָבער פון דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט איז זי איבעריק. וואָס פון איר מיט איר חתן איז געוואָרן ווייסן מיר נאָך ביז איצט ניט.

מאָריס שוואַרץ אַלס יעקל פורמאַן האָט געשפּילט זיין ראָלע זייער דראַמאַטיש, מאָמענטן זאָגאָר מעלאָדראַמאַטיש. שוואַרץ אָבער קאָן ניט שפּילן שלעכט אַ פאָלקס־מענטש. ער לעבט זיך איין אין אים און ער ווערט פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון זיין בלוט. מאַדאַם פּערקויף אַלס זיין מוטער האָט געשפּילט אַ זייער שיינע מוטער. מיר האָבן זיך זאָגאָר געפרעגט ווי נעמט זיך צו אַ בעל־עגלה אַזאַ שיינע מוטער, אַ רביצין ממש. מאַדאַם זילבערט אַלס עלקע האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע פון אַ ליידנדע מיידל אין די יאָרן, און דאָס איז געווען אָן אומרעכט צו איר, ווייל זי האָט געהאַט אַן אייגענע דראַמע דורכצומאַכן: זי האָט געמוזט הייראַטן אַ מאַן, וועלכן זי האָט ניט ליב כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר איר ברודער צו טאָן אַ שידוך. זי האָט זיך געמוזט פאַרקויפן פאַר געלט אָנשטאָט פאַרייניקן זיך דורך ליבע, און דיזער מאַטעריאַל איז אינגאַנצן ניט אויסגענוצט געוואָרן פון פאַרפאַסער. דובינסקי אַלס ערשטער חתן, אברהמל, האָט געשפּילט זיין ראָלע מער מיט די הענט ווי מיט געפיל, און אין לעצטן



אַקט זיינע גראַמען פון „פורים־יסורים" האָבן געמאַכט זיין ראָלע זייער ניט נאַטירלעך. מאַדאַם שאָר האָט געשפּילט איר ראָלע פון אַן אמת קליינשטעטלדיקע שוויגער מיט אַן אייזערנעם ווילן, מיט אַ מענה לשון פון פעך און שוועבל. זי האָט געשאַפן אַ לעבעדיקן טיפּ, ערטערווייז שוין אַ ביסל איבערטריבן. בערטאַ גערסטען אַלס כלה אַרום וועלכער דער גאַנצער טומל קומט פאָר, האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע און זי האָט זי געשפּילט זייער געלונגען. מיר האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן פאַרוואָס אַזאַ ראַפינירט מיידל זאָל דאַרפן אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ בעל־עגלה און ווי אַזוי זי האָט זיך פאַרליבט לכתחילה אין אַזאַ שוואַכן כאַראַקטער ווי אברהמל, נאָר דער פאַרפאַסער האָט וועגן דעם פאַרשוויגן צו דערציילן און מיר האָבן זיך געמוזט באַגנוגנען מיט דעם שיינעם אופן ווי אַזוי בערטאַ גערסטען האָט אַרויסגעבראַכט דאָס ביסל, וואָס זי האָט געהאַט צו שפּילן. סאַמואילאָוו אַלס איטשע־נחום דער קרעמער, וואָס האָט זיך געשדכנט צו עלקען, האָט געגעבן זייער אַ שיינעם באַלעבאַטישן טיפּ פון אַ רייכן קליינשטעטלדיקן קרעמער. זיין גרים, זיין קליידונג, זיין האַלטונג איז [זיינען] געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער ראָלע. עס האָבן אויך געשפּילט פישקינד, גאָלדשטיין, פּערקויף, לאָונשיין, קרויזע און שאַרין אין קלענערע ראָלן".

**אין שייכות מיט דער אויפפירונג פון ל. גרינבערגס „ווען אַ בער וואַכט אויף" פון ל. גרינבערג אין „נייעם טעאַטער", שרייבט ב. גאָרין וועגן „יעקל פורמאַן":**

„...מיט צוויי וואָכן צוריק האָט שוואַרץ אויפגעפירט אַ שטיק מיט אַ בעל־עגלה אַלס הויפּט־העלד, און ווי ווייט אונדז איז באַקאַנט, האָט זיך קיין שרייבער און קיין מענעדזשער ניט געדאַרפט מתקנא זיין אין איר, און איצט האָט דער „נייער טעאַטער" מכבד געווען זיין עולם אויך מיט אַ בעל־עגלהיש שטיק, און דער חידוש דערביי איז, וואָס דער עיקר המעשה איז דערזעלביקער איןביידע שטיקער.

אין „יעקל בעל־עגלה" פאַרליבט זיך אַ בעל־עגלה אין אַ מיידל פון אַ העכערן גראַד. זי איז אַ מלמדס אַ טאָכטער און אין „אַ בער ערוואַכט" איז אַ בעל־עגלה פאַרליבט אין אַ שענקערס אַ טאָכטער.

אין דער ערשטער שטיק האָט די מיידל אַ מום [פעלער], און אין צווייטן שטיק איז זי אויך מיט אַ מום. אין דער ערשטער ריידן בייזע צינגער וועגן דער מומיקער יונגער ווייבל מיטן אַפּטייקער און אין דער צווייטער שטיק רעדט מען וועגן דער מומיקער מיטן אַפּטייקערס זון. דער חילוק איז נאָר וואָס דער פאַרפאַסער פון „יעקל פורמאַן" האָט די זאַך גענומען מיט אַ לייכטן האַרצן און דער פאַרפאַסער פון „אַ בער ערוואַכט" האָט די זאַך גענומען זייער טראַגיש".

## איינאַקטער־אָוונט

**דעם 16 דעצעמבער 1920 ווערט, צום ערן־אָוונט פון מאָריס שוואַרץ אונטער זיין רעזשי געגעבן אַן איינאַקטער־אָוונט, אויף וועלכן עס ווערן אויפגעפירט דער ערשטער אַקט פון „די גאָלדענע קייט", דער איינאַקטער „לאַנדסלייט" פון י. ד. בערקאָוויטש, „אַן עצה" פון שלום־עליכם און „די לעצטע מאַסקן" פון אַרטור שניצלער.**

## שאול ראַסקין שרייבט:

„עס איז געווען אַ גוטער איינפֿאַל צו שטעלן פיר איינאַקטערס אַנשטאָט אַ דריי אָדער פֿיר־אַקטיקע שטיק. גוט איז דער איינפֿאַל געווען ווייל ער איז געלונגען. אין טעאַטער איז ערפֿאָלג נאָך מער ווי אין אַנדערע צווייגן פֿון לעבן די איינציקע מאָס פֿון חכמה. ס׳איז אָבער אויך געווען אַ גוטער איינפֿאַל פֿון ריין אַרטיסטישער זייט. שוואַרץ האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זיך שוישפּילעריש פֿון פֿאַרשיידענע זייטן. כ׳זאָג שוישפּילעריש, ווייל אין דעם אָוונט איז שוואַרץ געווען שוישפּילעריש מער ווי ווען עס איז, באַזונדערס אין שניצלערס „לעצטע מאַסקן". דאָס שטיק איז אַן אוצר פֿאַרן אַקטיאָר, וואָס וויל זיך איבערגעבן אויף אַ ווײַלע דער ריינער שפּילעריי. עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי „ריינע שוישפּילעריי", פּונקט ווי עס איז דאָ „ריינע מאָלעריי". איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז עס ווערט געשפּילט און געמאָלן צוליב דער קונסט אַליין, אָפּגעזען פֿון דעם סוזשעט, געדאַנק, מאָראַל. עס ווערט געמאָלן צוליב דעם פּראָצעס פֿון מאָלן. אַזאַ למשל מאָלער איז געווען דער פֿראַנצויז עדוואַרדאָ מאַנע. מען רופֿט אים און זיינס גלייכן, דעם מאָלערס מאָלער, ווייל בלויז מאָלערס, פּראָפֿעסיאָנעלע מענטשן, וועלכע קענען אינטים די קונסט פֿון מאָלעריי און האָבן ליב דאָס ריינע מאָלן, געניסן אַזאַ קונסט. ס׳איז דאָסזעלבע אויך מיט שוישפּילעריי. עס זיינען דאָ דעם פּובליקומס שוישפּילער און עס זיינען דאָ דעם שוישפּילערס שוישפּילער. שוואַרץ איז געוויינלעך דעם פּובליקומס שוישפּילער. דיזן אָוונט איז ער געווען דעם שוישפּילערס שוישפּילער. און באַזונדערס, נאָך מיין מיינונג, איז ער עס געווען אין שניצלערס „לעצטע מאַסקן". איך רייד דאָ ניט וועגן דער ליטעראַרישער זייט פון דאָס ווערק, און איך וועל אויך ניט אַנאַליזירן שוואַרצס אויפֿפֿאַסונג, אָבער די אומענדלעכע וואַריאַציע פֿון עקספּרעסיעס, פֿון מינעס, פֿון אינטאָנאַציעס, די איבערגענגע, די זשעסטן, דער אויגן־שפּיל, דער מוסקול־שפּיל, די מאַסקע, די אומענדלעכע מאַסקן, וואָס האָבן זיך געביטן אויף שוואַרצס פּנים, דאָס איז געווען ריינע שוישפּיל־קונסט. כ׳האָב דאָ געזען מאָריס שוואַרצן אַזוי רייך אין שוישפּילערישע מיטלען ווי נאָך קיינמאָל ביז יעצט. ער באַזיצט אַזאַ מערקווירדיק באַוועגלעך פּנים, וואָס ערלויבט אים מאָלן אַלעס וואָס ער וויל. ניט נאָר ער, נאָר אויך טייטעלבוים האָט געוויזן ריינע שוישפּילעריי. איך האָב אַ זעלטן גענוס געהאַט פֿון זייער ביידנס ריינעם שפּיל. דאָס שטיק הייסט „די לעצטע מאַסקן". איך וואָלט עס אָנגערופֿן „מיריאַד פֿון מאַסקן". דיזע ריינע שוישפּילעריי פֿאַר שוישפּילער קימערט זיך ניט אימער וועגן רעאַליזם. זי האָט זיך איר אייגענע מאָס. אָט הער איך מיינעם אַ שכן, אַ פּראַקטיצירנדער אַרצט, זאָגט, אַז שוואַרץ איז אין דער פּיעסע ניט געשטאָרבן קליניש ריכטיק, לויט דעם ווי דער דאָקטאָר האָט דאָס געזען אין האָספּיטאַל. דאָס קאָן מעגלעך זיין, אַז אין האָספּיטאַל שטאַרבט מען ניט אין אַ האַלבע מינוט נאָך אַ פֿילאָזאָפֿיש־פּסיכאָלאָגישן דיאַלאָג, אָבער אין האָספּיטאַל שפּילט מען ניט. דאָרט איז קיין קונסט ניטאָ, און קיין סטיל ניטאָ. און איך בין זיכער, אַז איך וואָלט אין האָספּיטאַל ניט געהאַט אַזאַ פֿאַרגניגן קוקנדיק אויף אַ טויטן־מאַסקע ווי איך האָב געהאַט דאָנערשטיק אָוונט אין אוירווינג פּלייס טעאַטער.

אויך זיין שטימע האָט מאָריס שוואַרץ אין דעם אָוונט געוויזן. ער האָט זי געוויזן פֿון קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער זייט. איך מיין דערמיט, אַז ער האָט זי געביטן אויף דיזע צוויי אופֿנים. אין „די עצה", למשל, האָט ער זיין שטימע ניט „פֿאַרגרימירט".





ער האָט זי בלויז רעדוצירט מיט אַ געוויסע אינטאָנאַציע. דאָסזעלבע אויך אין די „לעצטע מאַסקן", איז זי נאָך מער רעדוצירט. אין דער צייט וואָס אין די „גאָלדענע קייט" האָט ער געברויכט זיין גאַנצן רעגיסטער, שפּילנדיק אויף אַלע מעגלעכע סטרונעס. פֿאַרקערט, אין דעם איינאַקטער „לאַנדסלייט" האָט ער שוין זיין שטימע געביטן קוואַליפֿיקאַטיוו. ער האָט זיין שטימע „פֿאַרגרימירט" און מערקווירדיק אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט. אויך דער אַקט איז געשפּילט געוואָרן שיין שוישפּילעריש מיט דער סימפּאַטישער מיטווירקונג פֿון ווייזענפֿריינד, סאַלטשע שאָר, י. גאָלדשטיין, לוסי גערמאַן. א. פֿישקינד א.אַ.וו. דער איינאַקטער אַליין איז אַ מערקווירדיק זאַפֿטיקער, עכטער און האַרציקער, אַ זאַך פֿאַר וועלכע י. ד. בערקאָוויטש פֿאַרדינט גראַטולירט צו ווערן. דאָך, קיין ליטעראַטור־קריטיק, בלויז שוישפּילעריי.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן טאַלענטן, נאָך מיין מיינונג, פֿון רוסישן טיפּ און פֿון פֿראַנצויזישן טיפּ. דער רוסישער טיפּ איז איינגעבוירענער, ניט־קולטורווירטער, אָדער וואָס לאָזט זיך ניט קולטווירן, ווייל ניט קולטווירט ווערן. דאָס איז דער רוסישער זשעני אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור און אויך אין דער שפּילעריי. אין דער ליטעראַטור איז טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי די בעסטע מוסטערן פון ניט דיסציפּלינירטע גיגאַנטן. אין דער שוישפּילעריי — קאַטשאַלאָוו. דיזע סאָרט קינסטלער זיינען זייער ניט גלייך אין זייערע ווערק, געניאַלע פונקן זייט ביי זייט מיט שוואַכע און ניט־אויסגעהאַלטענע. דער פֿראַנצויזישער טיפּ טאַלענט איז טעכניש דיסציפּלינירטער און שטענדיק באַוווסטזיניק איבער אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן. דיזע צוויי טיפּן האָבן זיך גראָד געפונען אין די ראַמען פון איין נאַציאָנאַליטעט. טורגעניעוו, למשל, איז אַ פֿראַנצויזישער טיפּ. זאָלאַ איז אַ רוסישער. אויך ביי אונדז יידן זיינען דאָ טאַלענטן טיפּן פון דיזע צוויי מינים, און ווייל די טעמע איז יעצט שוישפּילעריי, וועל איך בלויז שוישפּילער דערמאָנען. שילדקרויט און בן־עמי באַלאַנגען צום פֿראַנצויזישן טיפּ, קעסלער און מאָריס שוואַרץ צום רוסישן טיפּ.



מאָריס שוואַרץ אַלס
„דער יונגערמאַן" אין „אַן עצה"

איך האָב אָפֿט געזען אין מאָריס שוואַרצס שפּילן געניאַלע אויפֿבליצן, און גלייך נאָכדעם לאַנגע גאָרניט־זאָגנדע שטעלן. שוואַרץ האָט זיך מיר אַנטפּלעקט שטענדיק גרויס אין יענע מאָמענטן ווען דורך אים האָט אוממיטלבאַר גערעדט זיין נאַטור. דעם אָוונט אָבער איז שוואַרץ געווען אַנדערש. אפֿשר אַ דאַנק די איינאַקטיקע זאַכן, וואָס ערלויבן אַ בעסערע קאָנצענטראַציע אויף אַ געוויסע פֿיגור אָדער אפֿשר אַ דאַנק אַ טיכטיקערע צוגרייטונג צו

דעם אָוונט. די פֿיגור אין שלום־עליכמס „עצה" איז געווען ווי פֿון איין שטיק אויסגעגאָסן. אַ גאַנצער לעבעדיקער נפש. „די עצה" איז אייגנטלעך אַ געשפּילטע פֿאָרלעזונג פֿון שלום־עליכם. ס'איז אַ פּאָרל צום „טעפּל". מיר איז דאָ צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו הערן שוואַרץ פֿאָרלעזן שלום־עליכם, און מיר איז אויפֿגעפֿאַלן דער נייער טאָן. געוויינלעך האָבן די שלום־עליכם־פֿאָרלייענער אַ געוויסן שוין פֿעסטגעשטעלטן טאָן, עפּעס אַ שטאַרק פֿאָרסירטע זשעסטיקולאַציע מיט שטאַרק פֿאַרציען זיך, זינגנדיק ביים ריידן מיט פֿאַרשיידענע אַרצי־יידישע העוויות. אָנגענעם דאַרום איז געווען צו הערן אַ זייער איינגעהאַלטענעם טאָן, רויִקע האַלטונג און דאָך דאָס גאַנצע קאָמישע. קליינשטעטלדיקע יידישע הומאָריסטישע פֿון שלום־עליכמס טיפּן. י. דובינסקי האָט אים גאַנץ גוט אונטערשטיצט.

אויך גאַנץ אָרגאַניש, ווי פֿון איין שטיק אויסגעגאָסן, איז געווען דער שייגעץ אין „לאַנדסלייט", אַ גוטער שייגעץ, אפֿשר אַזוי גוט ווי „טביה". קענטיק גוט דורכגעטראַכט און איינגעשטודירט. איך זאָג „איינגעשטודירט" בכיון, ווייל שטודיום איז אַ פֿאַך, וואָס פֿעלט מאָריס שוואַרצן כדי צו מאַכן אים איינעם פֿון די גרויסע קינסטלער פֿון אונדזער צייט. ער האָט פֿיל נאַטור, אָבער ווייניק קולטור. ער עסט אויף דעם קאַפּיטאַל וואָס די נאַטור האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט קיין צייט אין זיך צו פֿאַרטיפֿן. ער נעמט אויף זיך צו פֿיל אין די יונגע יאָרן ווען אַלע כוחות דאַרפֿן אָנגעווענדט ווערן אויף אַרטיסטישע פֿאַרפֿולקומונג און פֿאַרטיפֿונג, פֿאַר אָנזאַמלען ערפֿאַרונג, פֿאַר שלייפֿן דעם געשמאַק, פֿאַר דערקענען די גרויסע וועלט און מענטשן, פֿאַר אַריינעמען און איינזאַפּן אין זיך איינדריקע און ניט לעבן אויף דעם איינגעבוירענעם. שוואַרץ דאַרף אויפֿגעבן טעאַטער־דירעקציאָן, מאַכן אַ רייזע אויף עטלעכע יאָר איבער דער גרויסער וועלט, זען און קוקן און ברייט עפֿענען אַלע חושים און קומען צוריק אַ רייפֿער מאַן מיט אַ וועלט־ערפֿאַרונג. ער דאַרף דאָס האָבן אַלס אַקטיאָר און נאָך מער אַלס רעזשיסער און דירעקטאָר. עס איז בלויז אַ וווּנדער פֿון וואַנעט עס נעמט זיך צו שוואַרץ דאָס וואָס ער ווייזט. אָט, למשל, דער פּראָלאָג פֿון „די גאָלדענע קייט" איז אויפֿגעפֿאַסט גראַנדיעז. איך קאָן דיזן אַקט ניט צוזען אָן אינערע באַוועגונג. עס ציטערט אויף אין מיר יעדער נערוו. יעדעס וואָרט איז דאָרט אַזוי גרויס, אַזוי קריסטאַל־לויטער און ריין. יעדעס וואָרט, וואָס פֿאַלט, קלינגט ווי דער פֿאַל פֿון אַ גאָלד־רענדל אויף אַ מאַרבער־שטיין. יעדעס וואָרט פֿון שלמהלע, יעדעס וואָרט פֿון מרימן, ישישים, איז אַ באַרג, וואָס דערגרייכט די הימלען מיט זיינע שפּיצן. שוואַרץ האָט גרויס אויפֿגעפֿאַסט דעם אַקט. אמת, דעם שפּיץ נאָך ניט דערגרייכט, אָבער פֿיל פֿאַרבעסערט, באַטייטנט פֿאַרבעסערט זינט דאָס לעצטע מאָל, אָבער נאָך העכער, נאָך הייליקער, נאָך גייסטיקער, נאָך עקסטאַטישער. אמת, צו דער גרויסקייט פֿון שלמהלע איז קיין סוף ניטאָ. פּונקט ווי שלמהלע רייסט זיך צו די העכסטע מדרגות פֿון געטלעכקייט און עס זיינען גאָר קיין גרענעצן ניטאָ פֿאַר שלמהס גרויס, אַזוי איז קיין גרענעץ ניטאָ פֿאַר דעם קינסטלער אין זיין פֿולקומנהייט פֿון דער ראָלע. ביז די הימלען קאָן אַ קינסטלער דערגרייכן און דאַן בלייבט נאָך אַלץ צו קלעטערן העכער. אָבער שוואַרץ האָט פֿילעס געוויזן אין דעם אָוונט, פֿיל מער ווי ווען עס איז פֿריער".

### אַב. קאַהאַן שרייבט:

„דיזן דאָנערשטיק אָוונט איז אין שוואַרצס טעאַטער געגעבן געוואָרן אַ פֿאָרשטעלונג פֿאַר אַן עולם, וועלכער האָט אַנטהאַלטן כמעט די גאַנצע יידישע „באָהעם", אונדזערע זשורנאַליסטן, בעלעטריסטן, פּאָעטן, מאָלער, שוישפּילער, דראַמאַטורגן, זינגער, מוזיקער. עס זיינען אויך געווען פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס זיינען מיט דיזע פּראָפֿעסיאָנען ניט פֿאַרבונדן, אָבער וועלכע באַזוכן די זעלבע קאַפֿעס מיט זיי און נעמען אָנטייל אין זייערע „פֿאַמיליען"־נייעס, „פֿאַמיליען"־סעקרעטן, „פֿאַמיליען"־פּלאָטקעס. איר האָט דאָרט געקאָנט זען כמעט יעדן, וואָס האָט אַ נאָמען דורך די יידישע צייטונגען, און פֿילע, וועלכע האָבן ביי דער ברייטער וועלט קיין נאָמען ניט, אָבער וועלכע זיינען אין די קיבעצאַרניעס פּונקט אַזוי באַרימט ווי דער באַרימטסטער שוישפּילער. אונדזער טעאַטער איז ניט די איינציקע אויף די וועלט, וואָס האָט אירע „פּאַטריאָטן" און פּונקט ווי מען „עסט פֿיש" ביי יידישע אַקטיאָרן אַזוי עסט מען אויך פֿיש ביי יידישע שרייבער, און טאָמער ווייס דער לעזער נאָך אַלץ ניט וואָס דאָס הייסט „עסן פֿיש", וועלן מיר דאָ אים ערקלערן: ווען איר זיצט מיט אַ יידישן אַקטיאָר און איר לויבט אים פֿאַר זיין שפּילן, איר דריקט אויס באַגייסטערונג פֿאַר דעם אַרט ווי אַזוי ער שילדערט אַ געוויסן טיפּ אָדער איר באַווונדערט זיין טאַלענט אין אַלגעמיין, דאַן זאָגט מען צווישן יידישע אַקטיאָרן, אַז איר „עסט פֿיש" ביי דעם אַקטיאָר. וואָס פֿאַר אַ צוזאַמענהאַנג עס איז פֿאַראַן צווישן „עסן פֿיש" און חנפֿנען זיך, ווייס איך ניט. די היסטאָרישע ערקלערונג פֿון דעם ווערטל איז פֿאַרזונקען אין געדיכטע טומאַנען. [ס'שטאַמט, אַ פּנים, פֿון דער צייט ווען גויִשע „נאַטשאַלסטוואָ" פֿלעגט זיך אַריינכאַפּן פֿרייטיק אָוונט צו יידן און דאָרט עסן פֿיש און דערפֿאַר מאַכן דער באַלעבאָסטע גוואַלדיקע קאָמפּלימענטן. — ז. ז.]

דער אָוונט איז געווען אַ מין פֿערזענלעכער יום־טוב פֿאַר דעם מענעדזשער פֿון דעם טעאַטער הער שוואַרץ, און ער האָט באַקומען אַ מאַסע בלומען מיט אַ גרויסע פּיקטשור [בילד] אַלס מתנה. אויף דער געוויינלעכער שפּראַך האָט עס באַדאַרפֿט הייסן אַ בענעפֿיס־פֿאָרשטעלונג פֿאַרן מענעדזשער, אָבער פֿילייכט מערער ווי אַ העלפֿט פֿון פּובליקום איז באַשטאַנען פֿון מענטשן, וואָס צאָלן ניט פֿאַר קיין טיקעטס [בילעטן]. זיי זיינען געווען איינגעלאַדן אַלס מבינים און געסט. אַלזאָ, איז קיין פֿינאַנסיעלער בענעפֿיס פֿון דער פֿאָרשטעלונג מסתמא ניט אַרויסגעקומען.

די ערשטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פֿון דעם ערשטן אַקט פֿון פּרצס „גאָלדענע קייט". איך האָב וועגן דער פֿאָרשטעלונג פֿון דער גאַנצער פּיעסע געשריבן ווען שוואַרץ האָט די שטיק אויפֿגעפֿירט. דאַן איז דיזער ערשטער אַקט געווען דער בעסטער. איך מוז מודה זיין, אַז אַ צווייטן מאָל זען דאָסזעלבע איז מיר שוין ניט געווען אינטערעסאַנט. דאָס וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל ערוועקט אויפֿמערקזאַמקייט, האָט דיזן מאָל דיזע קראַפֿט שוין ניט געהאַט. דאָס וואָס דער פֿאַרפֿאַסער האָט געשאַפֿן אַלס פּאָעזיע, האָט ביי דער ווידערהאָלונג פֿאַרלאָרן די פּאָעטישע שכינה, און דאָס שפּילן גופֿא איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוויינלעכע דעקלאַמאַציע, אַ שטיק וואָכעדיקייט. איך האָב אַמאָל אָנגעוויזן אויף די נודנע קינסטלעכקייט, אויף די פּריקרע געמאַכטקייט פֿון געוויסע מעטאָדן אויף דער בינע. איך האָב גערעדט וועגן די „קאַזיאָנע" מיטלען, וואָס ווערן געברויכט אויף אונדזער בינע פֿאַרצושטעלן אַן אַלטן מאַן, הויפּטזאַכלעך אַ פֿרומען, פֿאַרצייטיקן

אַלטן יידן. די אַלטקייט דריקט מען אויס דורכדעם, וואָס דער שוישפּילער פאַרקוועטשט זיין שטימע בשעת ער רעדט און פאַרקוועטשט די פּיס בשעת ער גייט. אויף דיזן אַרט מיינען די אַקטיאָרן ווערט מען פון יונג אַלט. אין דער דערמאָנטער פאָרשטעלונג פון „די גאָלדענע קייט" האָט איר אַ טשיקאַוון סעמפּל [ביישפּיל] פון דיזן סאָרט „קונסט". עס הייבט[ן] זיך אָן צו באַווייזן אַלטע חברה, חסידים מיט שטריימלעך, מיט ווייסע בערד און ווייסע זאָקן. אַ גרויסע גרופּע יידן אַזעלכע באַווייזן זיך, און אַלע, אַזוי ווי דורך דער קאָמאַנדע פון אַן אונטער־אָפיציר, גייען זיי מיט צוזאַמענגעקוועטשטע פּיס און ריידן מיט צוזאַמענגעקוועטשטע שטימען. עס דאַרף אַרויסקומען פּאָעזיע, פייערלעכקייט, און אין אמתן קומט אַרויס אַ וואָדעוויל.

די צווייטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון אַ סצענע, וועלכע האָט אַנטהאַלטן שלום־עליכמס הומאָריסטישע ערציילונג „די עצה". שלום־עליכם דערציילט די מעשה כלומרשט אַזוי ווי דער יונגערמאַן וואָלט געקומען פרעגן די עצה ביי אים אַליין. אַלזאָ, איז פאָרגעקומען אַ טיש ביי וועלכן עס איז געזעסן אַ שוישפּילער (דובינסקי) גרימירט ווי דער פאַרשטאָרבענער יידישער שריפטשטעלער. אַלס דעם יונגעמאַן האָט געשפּילט שוואַרץ (ער האָט אויך געשפּילט די ראָלע פון דעם אַלטן רבין אין דער ערשטער אָפּטיילונג). די זאַך איז פול מיט הומאָר אין אירע איינצעלהייטן, און עס איז אַן אויסגעצייכנטער בורלעסק אַלס אַ גאַנצע. זי איז מער אָדער ווייניקער צעצויגן, און דאָס פילט זיך אויף דער בינע שטאַרקער ווי ווען מען לעזט די „עצה" אין בוך. דאָס איז אַ געראָטענע סצענע, אַן אויסגעצייכנטער מיטל צו פאַרטרייבן דאגות פון קאָפּ. דער טעאַטער האָט געקראַכט פון געלעכטער. שוואַרץ האָט ערטערווייז געשפּילט זייער גוט, אָבער אין סך־הכל האָט ער זיין שוישפּילערישן „איך" פון אַקטיאָרסטוואָ ניט באַפרייט. אַ קינסטלערקייט, אַ טעאַטראַלישקייט, האָט זיך געפילט דורך און דורך, אַפילו אין די בעסערע מאָמענטן. דאָך, ווען מען זאָל האָבן אין זינען, אַז שוישפּילער, וואָס לעבן זיך פולשטענדיק אַריין אין זייערע ראָלן, זיינען פאַראַן ווייניק, קאָן מען זאָגן, אַז ער איז געווען צופרידנשטעלנד. וועגן דובינסקין קאָנען מיר אין באַצוג צו דיזער סצענע דאָס ניט זאָגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַשין, וועלכע האָט שוין לאַנג ניט פאַרזוכט קיין טראָפּן אויל.

נומער דריי איז געווען איינע פון די גרעסטע פאַרציעס לאַנגוויילקייט מיט וועלכע מען האָט אונדז ווען עס איז מכבד געווען אין אַ טעאַטער. דאָס איז אַן איינאַקטיקע פּיעסע גראָד פון אַ טאַלענטפולן שריפטשטעלער (פון אַרטור שניצלער), און איך ווייס ניט צי דאָס איז טאַקע איינע פון זיינע ניט־געלונגענע זאַכן, אָדער די שטיק האָט מען אַוועקגעהרגעט אין דער איבערזעצונג און צופּאַסונג צו דער יידישער בינע. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. מען האָט געציילט די מינוטן. מען איז קוים איינגעזעסן. עפּעס איז אין איר יאָ פאַראַן אַ געדאַנק, וועלכער האָט געקאָנט זיין מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנט, אָבער די אויסאַרבעטונג איז אַזאַ פלאַכע, אַזאַ ניט־געראָטענע, אַז הונדערטער הענט האָבן אַלע ווילע צוגעדעקט הונדערטער מיילער אום צו באַהאַלטן הונדערטער גענעצן. איבערגעבן דעם אינהאַלט לוינט זיך ניט. מיט וואָס האָט דאָס דער לעזער פאַרדינט אַזאַ שטראָף? אין דיזער פּיעסקע שפּילט שוואַרץ אַ קראַנקן שריפטשטעלער. עס איז אייגנטלעך ניטאָ וואָס צו שפּילן, און שוואַרץ שטאַרבט ווי



אויף דער בינע שטאַרבן 999 אַקטיאָרן פון יעדע טויזנט. אָבער אין אַן עולם געפינען זיך צו יעדע צייט מענטשן, וואָס מיינען, אַז עס איז „אַ־אַ", זיי ווייסן ניט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט מאַכן דעם גסיסה־קונץ פונקט אַזוי גוט ווי דער אַקטיאָר, אַלזאָ, אַפּלאָדירן זיי.

טייטעלבוים האָט אַ ראָלע אין וועלכער אים קומט אויס איבערצוקרימען אַ פּאָר פּאַציענטן פון דעם שפּיטאָל. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז ער האָט פאָרשטעלונגס־קראַפט. ער איז פול מיט באַוועגונג, און זיינע באַוועגונגען שטרייכן שטאַרק אונטער די טיפן, וועלכע ער שילדערט. ווען צו דיזער וויכטיקער מעלה, וואָלט ער געהאַט געוויסע אַנדערע מעלות, וואָלט ער געווען אַ גאַנץ גרויסער אַקטיאָר. אין זינען מוז מען אים אָבער סיי ווי סיי האָבן. זיין אָנוועזנהייט אויף דער בינע לאָזט אימער איבער אַן איינדרוק.

די לעצטע איז דאָס ליבסטע. אין דער פערטער אָפּטיילונג האָט דער עולם באַקומען אַן איין־אַקטיקע פּיעסע פון הער בערקאָוויטש „לאַנדסלייט". ...דאָס ווערקל איז געבויט אויף אַ טייערע טעמע און אַנטהאַלט אין זיך אַ סך טייערע שטריכן. זי איז אָנגעגאָסן מיט די זאַפט פון אַ העכערן סאָרט הומאָר. דעם פעדלערס בייזער אויסגעשריי, אַז זיין פרוי און קינדער זיינען אַנטיסעמיטן, איז אַ סעמפּל. דאָס איז ניט קיין פּוסטער שפּאַס, נאָר צום לאַכן. עס איז אַ שפּאַס, וועלכער האָט אין זיך אַ יאָדרע פון פּסיכאָלאָגישעווירקלעכקייט און ערנסטקייט. ביי דעם אומוויסנדן פעדלער רייסט זיך דער וואָרט „אַנטיסעמיטן" אַרויס אַלס אויסדרוק פון סתם אומפריינטלעכקייט צו אַ מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק. יידן האָבן פון דיזן סאָרט געפיל געליטן אַזוי פיל און אַזוי שאַרף, אַז דער ספּעציעלער סאָרט נאַציאָנאַלער האַס פון וועלכן זיי זיינען די קרבנות, ווערט איינגעגראָבן אין מוח אַלס דער אַלגעמיינער גיפט. דער עולם האָט אַרויסגעזעצט מיט געלעכטער ביי דיזן אויסגעשריי, אָבער מען האָט געקאָנט זען דאָס פילע פאַרשטייען די טיפע באַטייטונג, וואָס דער שפּאַס האָט אין זיך. עס איז אַ פּערל, און מען האָט זיין ווערט אָפּגעשאַצט. איך וואָלט וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אַנדערע ווערטפולע שטעלן פון דעם איין־אַקטער, ווי אויך אויף זיינע חסרונות, אָבער ליידער איז מיר דער פּלאַץ באַשרענקט. אַלס אַנטאָשקאַ האָט געשפּילט שוואַרץ, און ער האָט די ראָלע דורכגעפירט אויסגעצייכנט. אַלס דער פעדלער איז פאָרגעקומען וויזענפריינד, און ער איז אויך געווען אָלרייט, הגם מיט ווייניקער אָריגינאַליטעט אין זיין שפּילן ווי דיזער יונגער קינסטלער ווייזט אַרויס געוויינלעך. אַלס מוטער איז געווען סאַלטשע שאָר. פּישקינד און מאַדאַם גערמאַן האָבן אויך געהאַט ראָלן. עס איז דאָ ספּעציעלעס וואָס צו זאָגן וועגן דעם שפּילן בכלל און וועגן דעם שפּילן פון די באַזונדערע שוישפּילער בפרט, אָבער — ניטאָ קיין פּלאַץ".

### אין „טאָג" ווערט, אַנאָנים, איבערגעגעבן פאָלגנדיקער באַריכט וועגן דער אויפפירונג פון די איין־אַקטערס:

„דאָנערשטיק דעם 16 דעצעמבער איז פאָרגעקומען דער ערן־אָוונט פון דעם דירעקטאָר פון „אירווינג פּלייס טעאַטער" ה' מאָריס שוואַרץ. דער טעאַטער איז געווען פול מיט שרייבער, שוישפּילער און אַנדערע קינסטלער. עס איז געקומען די יונגוואַרג, וואָס גאַרט אַזוי נאָך אַ בעסערן טעאַטער, און מען האָט געקאָנט מערקן אין דעם אופן ווי מען האָט באַגעגנט דעם שוישפּילער, אַז מען האָט אים האַרציק ליב. עס זיינען ניט געווען קיין צו

ראַשיקע אָוואַציעס, וואָס זיינען אימער אַביסל „צוגעפּיקסט" [צוגעפּאַרבט]. עס זיינען ניט געווען קיין „ספּיטשעס" [רעדעס], וואָס מאַכן אַלע מאָל אַ זייער ניט קיין גוטן איינדרוק. דערפאַר איז אָבער געווען יום טובדיק. מען האָט געזען, אַז אַלע זיינען באַהערשט פון אַ פרייליכער שטימונג און עס איז ניט אומזיסט. ה' שוואַרץ איז איינער פון די געוואַגסטע און מוטיקסטע טעאַטער־דירעקטאָרן. ער שרעקט זיך ניט צו שטעלן קעגן שטראָם און לאָזט ניט אַראָפּ דעם קאָפּ ווען ער האָט אַפילו ניט קיין גרויסן ערפאָלג.

זיין אויפפירן דעם סעזאָן „די גאָלדענע קייט" איז געווען איינע פון די בעסטע איינפאַלן אין קינסטלערישער הינזיכט און דאָס האָט אָן ספק פיל געווירקט צו פאַרפיינערן און פאַרבעסערן דעם געשמאַק פון עולם. ער האָט אויפגעפירט „די גאָלדענע קייט" אַפילו דאַן ווען עס האָט זיך אַרויסגעזען, אַז עס איז ניט קיין פינאַנסיעלער ערפאָלג. ער האָט זיך ניט געוואָרפן צו שונד אַפילו דאַן ווען די דאָזיקע פיעסע איז אַראָפּ. זיין קאַמף פאַר אַ בעסערע בינע איז אויפריכטיק, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אויפפירן „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום־עליכם, וואָס האָט גראָד יאָ געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג.

עס זיינען געשפילט געוואָרן פיר איינאַקטערס ...מיר ווייסן ניט צי עס איז אין דער אמתן אַ גוטער איינפאַל אויפצופירן עטלעכע גאַנץ פאַרשיידענע זאַכן אין איין אָוונט. עפּעס טראָגט עס דעם כאַראַקטער פון קונצנמאַכעריי, וואָרעם אין דער אמתן ווי קאָן בלייבן אַ דויערנדן איינדרוק פון דעם טיף־ערנסטן, פּאָעטישאָנגעהויכטן און מיסטישן, ווי עס יאָגט אויף אייך אָן, ווען איר זעט „די [גאָלדענע] קייט", און באַלד נאָכדעם דאַרפט איר זיך קייקלען פאַר געלעכטער פון שלום־עליכמס עכט־געזונטן הומאָר, און באַלד ווידער פאַלט איר אַריין אין אַ האָספּיטאַל־אַטמאָספערע אין שניצלערס אַקט כדי פון דאָרט אַרויסצושווימען אום צו האַלטן זיך ביי די זייטן ביי בערקאָוויטשעס 'שייגעץ'."

### ישראל דער יענקי שרייבט:

„דעם שרייבער פון דיזע שורות איז נאָר וואָס אויסגעקומען צו זיין אָנוועזנד ביים ערן־אָוונט פון מאָריס שוואַרץ, דער דירעקטאָר און סטאַר פון „אירווינג פּלייס טעאַטער", און ער מוז גלייך פון אָנפאַנג געשטייען [זיך מודה זיין], אַז שוואַרץ איז ווערט געווען די הילכנדע אַפּלאָדיסמענטן און רייכע מתנות וואָס אַ פילנדער, אָפּשאַצנדער פובליקום האָט אים געגעבן. דער אָוונט איזווירקלעך געווען אַ „גאַלאַ"־אָוונט ווי שוישפּילער אַדווערטייזן אָפּט זייערע ערן־אָוונטן. עס איז געווען אַ גרויס פובליקום פון לויטער געקליבענע פאַרשוינען — דאָס ליטעראַרישע וועלטל איז געווען גלענצנד פאַרטראָטן — לויטער סמעטענע, אָבער אויף דער בינע איז געווען מער ווי אַ העלפט זויערמילך אָדער גלאַט פּרוטע מאַסלינקע.

דער אַרטיסט האָט געשטעלט גאַנצע פיר זאַכן כדי צו ציגן זיין קונסט אין פיר באַזונדערע, ווייט־פאַרשיידענע כאַראַקטערע און דערמיט אַרויסברענגען זיין פילזייטיקן שוישפּילערישן טאַלענט. ער האָט געשטעלט דעם ערשטן אַקט פון י. ל. פּרצס „גאָלדענע קייט" אין וועלכן אַלע זיינע פאַרערער האָבן אים שוין געזען און באַוואונדערט. ער האָט אויך געשטעלט די שוואַכסטע זאַך, וואָס אַרטור שניצלער האָט געשאַפן, „די לעצטע מאַסקן" אין וועלכן ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון



„קאַרל ראַדעמאַכער", וואָס איז אין די ליטעראַרישע קרייזן אָנערקענט ניט מער אַלס אַ שטריך פון אַ הויך־גייסטיקע פערזאָן, אַן אָנצוהערעניש פון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער, אַ דוך פון אַ מענטשלעכע נשמה, און ער האָט אויך געבראַכט אַ ביליקן „שפּאַס", שלום־עליכמס „אַן עצה" און נאָך אַ ביליקערן פּשוטן וואָדעוויל־אַקט „לאַנדסלייט" פון י. ד. בערקאָוויטש.

ווען שוואַרץ וואָלט ניט געווען זוכן צו באַקענען זיינע פאַרערער מיט זיין גאַנצער פילזייטיקייט אויף איינמאָל, ווייל דאָס טוט ער דאָך אייגנטלעך אַ גאַנץ יאָר, וואָלט ער אויסגעקליבן איין ווירקלעך גרויסע זאַך, ניט קיין פיר, און ער וואָלט פאַר אונדז געגעבן איין אינטערעסאַנטן מענטשלעכן כאַראַקטער און פילייכט פאַר אונדז אַנטפלעקט איין פילנדע און ברויזנדע מענטשלעכע נשמה, וואָס וואָלט דעם חשובן פובליקום פאַרשאַפט עסטעטישן גענוס. נאָך מער, דיזער איינער כאַראַקטער וואָלט שוואַרצן פילייכט געגעבן געלעגנהייט צו ציגן זיין פילזייטיקייט אין דער שוישפּיל־קונסט, ווייל די ווירקלעכע אינטעלעקטועלע פערזאָן פון אַן עכטער דראַמאַטישער שאַפונג איז פילפאַכער און פילזייטיקער פון אַלע דריי ניט־דערבאַקענע פיגורן, וואָס האַנדלען אין די אַקטן, וועלכע שוואַרץ האָט זיין פובליקום דורך דעם גאַנצן סעזאָן ניט געציגט. דער „נודניק" פון שלום־עליכמס „אַן עצה" איז טאַקע ניט מער ווי אַ נודניק און שוואַרץ געווינט ניט קיין זאַך דערמיט וואָס ער קאָן זיין אַ נודניק אַפילו ווען מען זאָל שוין צוגעבן, אַז דער נודניק איז ריכטיק געמאָלן און ריכטיק פאָרגעשטעלט. עס איז אַ פּוסטע זאַך, אָן אינהאַלט, אָן לעבן, אָן נשמה. און נאָך ווייניקער האָט שוואַרץ געוווּנען דערמיט, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט די קאַריקאַטור פון דעם כלאָפּ, וואָס בערקאָוויטש צייכנט אָן אין זיין איינאַקטער „לאַנדסלייט". גלאַט צו ציגן, אַז אַ פּראָסטער גוי פרעסט מער פון אַ קלוגן, פרומען, איידעלן יידן, און שלאָפּט אָדער כראָפּעט שטאַרקער פון דעם זעלביקן יידן, איז אַפילו קיין קונץ ניט, שוין אָפּגערעדט פון קונסט. פונקט אַזוי וואָלט פילייכט געהאַנדלט אַ יידישער כלאָפּ פון די וואָס הירשביין שילדערט אין פאַרגלייך מיט אַ קלוגן, פרומען, ערלעכן גוי. יאָ, דער אויסוואַל פאַר דעם ערן־אָוונט פון אַן אַרטיסט, איז וויכטיק, פילייכט פונקט אַזוי וויכטיק ווי דאָס גוטע שפּילן. שוואַרץ איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געבאַנט אַ באַן פאַר דער בעסערער דראַמע אויף דער יידישער בינע, און ביי זיין ערן־אָוונט האָט ער געדאַרפט ציגן אַ שענערן געשמאַק".

### חיימקע [ח. גוטמאַן] באַהאַנדלט דעם איינאַקטער־אָוונט אויף זיין הומאָריסטישן אופן:

„איך האָב געזען לעצטן דאָנערשטיק מאָריס שוואַרצן אין 4 פֿאַרשיידענע איינאַקטערס און אין 4 פֿאַרשיידענע ראָלן: אַלס רבי אין פּרצס „גאָלדענע קייט", אַלס קליינשטעטלדיקער יונגערמאַנטשיק אין שלום־עליכמס „עצה", אַלס שטאַרבנדער זשורנאַליסט אין שניצלערס „לעצטע מאַסקעס" און אַלס לעבעדיקן שגץ אין בערקאָוויטשעס „לאַנדסלייט", און אומעטום האָט ער געוויזן, ווי מען זאָגט „שוואַרץ אויף ווייס", אַז ער קאָן זיך געפֿינען, אַז ער איז אומעטום אין דער היים, אַז אַ שטיקל טאַלענט, אויב אַ מענטש האָט אים נאָר, פֿאַרלאָזט ער דעם מענטשן קיינמאָל ניט, אונטער קיינע אומשטאַנדן. אַמאָל ציגט זיך דער טאַלענט שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, אָבער ער איז דאָ, דער בחור...

אַלס דער רבי, ר׳ שלמה, האָט ער געשפּילט ווירדיק, פּרצדיק און באַגייסטערט, דערהויפּט האָט ער געזונגען גרויסאַרטיק דעם „שבת, שבת, שבת״, אָבער נאָך מער דורכגעפּילט האָט ער, ווי מיר האָט זיך געדוכט, אַרויסזאָגנדיק די ווערטער „אין שוואַרצן איז געהילט די נשמה פון דער וועלט״. דאָ האָט מען געפּילט, אַז ער מיינט, אַז י. ל. פּרץ האָט עס טאַקע אויף אים, שוואַרצן, מרמז געווען [אָנגעוווּנקן]. אַלס דער קליינשטעטלדיקער יונגערמאַן איז ער געווען גוט, אָבער עס האָט אים פּיל געשטערט דער „שריפּטשטעלער״ י. דובינסקי, וועלכער האָט מיט זיין גרים געשטערט נאָך איינעם — דאָס איז שלום־עליכמן אין קבר. מיר געפּעלט ער [שוואַרץ] אַמבעסטן אין בערקאָוויטשעס „לאַנדסלייט״ אַלס דער שגץ אַנטאָן קריוואָרילקין. שוואַרץ האָט געשפּילט אַ גוטן שגץ, אָבער אַנדערע ווילן האָבן, אַז ער האָט אַמבעסטן געשפּילט אין שניצלערס „לעצטע מאַסקן״ אַלס דער זשורנאַליסט קאַרל ראָזעמאַכער. זיי ווילן האָבן, אַז ער איז געשטאָרבן גוט ניט ווי עס שטאַרבט אַ פּשוטער זשורנאַליסט, נאָר ווי אַ גרויסער קינסטלער. איך שרייב עס צו, אַז די דאָזיקע חברה, וואָס לויבט אַזוי שוואַרצן אין דער ראָלע, טוען עס פּשוט אויס קנאה־שנאה זיי ווילן אים זען בעסער אַלס טויט איידער אַלס לעבעדיקן״.

## „די גייסטער״


אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו

צום אויפטריט פון ניי־געקומענע שוישפּילער אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו ווערט מיט אים אין דער ראָל „אָסוואַלד״ אויפגעפירט „די גייסטער״ פון הענריק איבסען.

### אוריאל מזיק שרייבט:

„אין דעם גאַנצן איבסען־רעפּערטואַר, איז, דאַכט זיך, „די גייסטער״ איינע פון די שווערסטע און אַמוויניקסטן צוגעפּאַסט פאַר דער בינע. דאָס וואָס די מענטשן טוען, איז ניט אויסגעדריקט אין האַנדלונג. עס איז ניט גענוג אַרויסגעבראַכט פאַרן אויג, אַזוי, דאָס מען זאָל קאָנען זיצן די גאַנצע צייט געשפּאַנט. „די גייסטער״ איז אַן אויסגעצייכנטע ווערק צום לעזן, אָבער ניט צום שפּילן, און עס איז, דאַכט זיך, בכלל אַ טעות, וואָס אונדזערע יידישע שוישפּילער נעמען זיך פאַר אָט דעם מין פּיעסן כדי צו שפּילן און פאַרינטערעסירן די צושויער אין דעם פּראָבלעם, וואָס דער שרייבער אַנטוויקלט, מוז מען זיין אַ גרויסער, זייער אַ גרויסער אַרטיסט. מיט דער קראַפט פון טאַלענט מוז מען פאַרשטעלן די פעלערן (פון בינען־שטאַנדפּונקט). מען מוז נאָנט מאַכן דעם פרעמדן, פאַר אונדז יידן אומפאַרשטענדלעכן, אָסוואַלד אַלווינג, און דאָס צו טאָן, דאַרף מען האָבן פיל קראַפט. עס איז ווייניק וואָס דער אָדער יענער רוסישער אַקטיאָר האָט די ראָלע געשפּילט. עס איז דערווייל ביי אונדז נאָך ניטאָ קיינער (פון דעם ייִנגערן דור), וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט אָרלעניעוון, און דערפאַר האָט זיך אונדזער גאַסט, ה׳ ווינאָגראַדאָוו, שוין פון אָנפאַנג אָן געשטעלט אין אַ ניט־גינסטיקער לאַגע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן דוקא די ראָל פאַר זיין דעביוט דאָ ביי אונדז אין לאַנד, ווו





מען האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דעם געניאַלן רוסישן שוישפּילער.

איבסענס טיפן מוזן ווערן אַרויסגעבראַכט אין דער ליכט ווי דער שרייבער האָט זיי געשאַפן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פּראָבלעם, וועלכע איבסען באַהאַנדלט, איז אַן אַלמענשלעכע, זיינען אָבער זיינע העלדן עכט סקאַנדינאַווישע מענטשן. דער אופן ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף זאַכן, איז אַ גאַנץ אַנדערער פון די רוסן, דייטשן אָדער פראַנצויזן. עס איז שוין פיל מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פונקט ווי די סקאַנדינאַווישע נאַטור, אַזוי אויך די מענטשן זיינען כמורנע, שטילע, אין זיך פאַרבאָרגענע. דער סקאַנדינאַווישער קאָן זיין גוט און שלעכט, צאַרט און גרויזאַם, אָבער ער איז דאָס ניט אַזוי ווי די מענטשן פון אַ מילדערן קלימאַט, און ווען די העלדן וואָלטן געווען קינדער פון אַן אַנדער נאַציאָן, דאַן קאָן זיין, וואָלט די גאַנצע געשיכטע אַנדערש פּאַסירט, און ווען עס קומט אַרויס אַ יידישער אָסוואַלד, האָט עס קיין זין ניט. הער ווינאָגראַדאָוו האָט די ראָלע פון אָסוואַלד געשפּילט אַזוי ווי מען טוט עס ביי אונדז, ווי מען פירט אויף אַ פּיעסע פון אַ מעלאָדראַמאַטישן שרייבער, ער איז געווען צו שרייענד, צופיל צעקראָכן. נעמט, למשל, די סצענע ווען ער דערציילט דער מוטער, אַז ער וועט שוין מער ניט קאָנען אַרבעטן, אַז די קראַנקייט נעמט צו זיין פאַרשטאַנד. די ווערטער זיינען שוידערלעכע. וואָס ער דערציילט, איז אַ שרעקלעכע זאַך. ווען ער זאָל עס דערציילן רויִק, מיט באַהאַלטענעם ווייטיק, וואָלטן מיר, די צושויער, אָן ספק מיטגעריסן געוואָרן און מיר וואָלטן געזען ווי די שטימונג פון דעם אומגליקלעכן אָסוואַלד הייבט זיך און פאַלט. הער ווינאָגראַדאָוו האָט אָבער געשטורעמט די גאַנצע צייט אויף אַ גאַנץ איינפאַכן מעלאָדראַמאַטישן שטייגער, און עס איז אַרויסגעקומען אַ שלעכט בילד, און אָט דעם זעלבן טאָן האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן סוף. איז דאָס נאָר אַ שלעכטע אויפפאַסונג פון דעם כאַראַקטער?, דאַכט זיך, אַז ניט. הער ווינאָגראַדאָוו האָט ניט די נייטיקע שטימע, די געצאַמטע קראַפט כדי אַרויסצוברענגען אַזאַ איבסענישן טיפּ ווי אָסוואַלד. זיין קול איז אָפט צו דין, אָפט צו גרילצנד אין די מאָמענטן פון העכערן אויסדרוק און עס פעלט אים (לויט דער ראָלע) פאַרשיידנאַרטיקייט. נו, עס וואָלט געוויס געווען אַן אומרעכט צו דענקן, אַז ווייל דעם שוישפּילער האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן עפּעס וויכטיקעס אין די „גייסטער״, איז ער שוין גאָר אָן ווערט. פאַרקערט, אין פילע מאָמענטן האָט זיך געמערקט, אַז ער האָט פיינקייט, אַז זיין פיגור האָט אויסדרוק, זיין קער און ריר, די זשעסטיקולאַציע איז אַן אָנגענעמע, און אַז אין עכט־יידישע ראָלן דאַרף דער דאָזיקער שוישפּילער מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

אַן איבעראַשנד גוטן איינדרוק האָט געמאַכט יחיאל גאָלדשמידט אַלס דער קריפּל ענגסטראַנד. עפּעס דאַכט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער שוישפּילער איז אַמבעסטן אין ניט־יידישע ראָלן. אָט אַזוי איז געווען מיט זיין פּאַסטאָר אין שאָוס „מיסעס וואָרענס פּראָפעסיע״, מיט קראַנספאָרד און איצט מיט ענגסטראַנד. ווירקלעך, אַזאַ גוטן שפּילן, אַזויפיל אויסדרוק און אויסטייטשונג האָבן מיר שוין לאַנג ניט געזען. דאָ האָט דער שוישפּילער געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אַ צעדרייטן, קראַנקהאַפטן פאַרדאָרבענעם קערל [פאַרשוין]. דאָס איז אַ מין דאָסטאָיעווסקי־טיפּ, אַ מין סמערדיאַקאָוו, אָבער אָן דער רוסישער צעקראָכנקייט, און הער גאָלדשמידט האָט עס געטאָן אויף אַן אמת קינסטלערישן

אופן. ער האָט עס, דאַכט זיך, געטאָן פיל בעסער ווי אין די אויבנדערמאָנטע ראָלן. און זייער גוט איז געווען הער שאַכט אַלס דער פּאַסטאָר מאַנדערס, אַ זייער, זייער שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע. ער האָט געשאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ גרויס קינד מיט אַ ריינע נשמה, נאָר אַ פאַנאַטיקער, וואָס וועט זיך ניט אָפּשטעלן אָפּצושנייצן אַ ליכט און אַריינוואַרפן דעם ברענענדיקן קנויט צווישן פּאַפּיר לשם שמים. דערפאַר אָבער איז מאַדאַם אַפּעל געווען צו יידיש מוטערלעך. זי האָט גאָרניט געטאָן אַרויסצוברענגען דעם איבסען־טאָן. ניט שלעכט איז געווען ראָזע זילבערט אַלס רעגינאַ ענגסטראַנד".

## „דער ווילדער מענטש"

**דעם 5 יאַנואַר 1921 ווערט אויפגעפירט די יידישע רעפּערטואַר־פּיעסע „דער ווילדער מענטש" פון יעקב גאָרדין, אָן וועלכן ס'איז אָפּרוף אין דער יידישער פּרעסע.**

## „מוזאַט"

**דעם 7 יאַנואַר 1921 ווערט אויפגעפירט „מוזאַט" פון גיו דע מאָפּאַסאַן, איבערזעצט פון לעאָן קאָברין, מיט דזשעני וואַליער אין דער טיטל־ראָל.**

**ב. גאָרין שרייבט:**

„'מוזאַט' האָט פאַרבלאָנדזשעט פון אַ וואָכעדיקע פאָרשטעלונג צו דער שבתדיקער און דאָס איז געווען דער פעלער פון דעם מענעדזשמענט. אין מיטן וואָך וואָלט אפשר כדאי געווען צו שפּילן „מוזאַט", און אַ פּאָר פאָרשטעלונגען וואָלטן צופרידנגעשטעלט יענעם עולם, וואָס זוכט אַזאַ אונטערהאַלטונג. דערמיט איז בשום אופן ניט געמיינט, אַז „מוזאַט" האָט אַ באַזונדערן מין אונטערהאַלטונג. דער צווייטער אַקט האָט דעם עולם געהאַלטן פאַראינטערעסירט און האָט אַפילו טרערן אַרויסגערופן ביי פילע צושויער. דער חסרון פון „מוזאַט" און אַזעלכע פּיעסן איז, וואָס די פרעמדקייט פון דעם לעבן, וואָס ווערט אין זיי געשילדערט, בלאָזט אַרויף אַ קעלט אויפן צושויער, און די קעלט ווערט נאָך גרעסער דערפון, וואָס די שפּילער זיינען געוויינלעך פאַרגליווערטע אויף דער בינע. זיי איז שווער אָנצושלאָגן אַ נאַטירלעכן טאָן, צו ווייזן אַ לעבעדיקע באַוועגונג, ווייל זיי פילן זיך ניט היימיש. און טאַקע פון דעם היבשן פּערסאָנאַל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע, פאַרדינען בלויז צוויי אויפמערקזאַמקייט: דזשעני וואַליער אַלס מוזאַט און בערטאַ גערסטען אַלס זשילבערט, און די איבריקע זיינען אַרויסגעקומען גאָר אָן אַ פּנים.

דזשעני וואַליער שפּילט די טיטל־ראָל און ערשיינט בלויז אין איין אַקט. זי איז געווען גוט אין דעם גאַנצן אַקט, ווי זי ערוואַרט איר געליבטן, ווי זי נעמט אויף איר געליבטן. זי האָט געשפּילט שטיל און איינגעהאַלטן און דערפון איז דער איינדרוק אויפן צושויער געווען נאָך שטאַרקער, נאָר אין דער סאַמע לעצטער סצענע ווי זי גייט אַרונטער פון בעט און שטאַרבט, איז זי ניט געווען איבערצייגנד, און דער איינדרוק אויפן צושויער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. בערטאַ גערסטען האָט איר ראָל געשפּילט גוט, און כאָטש זי האָט ניט געהאַט קיין סך צו שפּילן, האָט זי זיך גוט געהאַלטן און וואָס זי האָט געשפּילט, האָט זי דורכגעלעבט דורך דער



האַנדלונג. עס קאָן זיין, אַז די גאַנצע זאַך וואָלט געווען אינטערעסאַנט ווען די שפּילער זאָלן זיין היימיש אויף דער בינע, נאָר דאָס פּאַסירט זייער זעלטן מיט אַ פרעמדער פּיעסע אויף דער יידישער בינע. אַלס אַ כלל פאַרלירן זיך אונדזערע בעסטע שוישפּילער ווען זיי שפּילן פרעמדע פּיעסן, און בשעת די זעלבע שוישפּילער אין יידישע ראָלן, צינדן אָן דעם צושויער, לאָזן זיי אים ווען זיי שפּילן פרעמדע ראָלן, קאַלט".

**[איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע ווייזט ב. גאָרין אָן ווי פרעמד די האַנדלונג איז פאַרן יידישן טעאַטער־באַזוכער און פאַר די שפּילער].**

**חיימקע [ח. גוטמאַן] שרייבט אויף זיין הומאָריסטישן אופן:**

„...וואָס איז דאָס פאַרע קאָמעדיע? ערשטנס, איז דאָס ניט קיין קאָמעדיע... נאָר, מילא, אויב עס איז אַ קאָמעדיע צי ניט, איז ניט זיכער, אָבער אַ שונד־פּיעסע איז דאָס זיכער. שונד גייט האַנט אין האַנט מיט מאָראַל, מיט מוסר. און דער מאָראַל פון „מוזאַט" איז אַ טאָפּלטער: 1) אַז מיידלעך דאַרפן ניט מקפּיד זיין אויף דעם מאַנס זינד, און 2) אַז ממזרים זיינען ווילקאָמען.. דערצו האָט עס אַ דריטן סימן פון שונד: אַלע העלדן פון „מוזאַט" זיינען גוטע מענטשן, ממש מלאכים. דער הויפּט־העלד פון דער קאָמעדיע — אַ מלאך אין אַ מאָלערישן געשטאַלט. זי, די מאָדעל־מיידל, אַ מלאך מיט 10 פליגלען, זי, די יונגע ווייבל, אַ מלאך מיט 20 פליגלען, ער, דער ברודער — אַ מלאך מיט 21 פליגלען. דער אָנקל און דער טאַטע — מוסטער־מענטשן, און אַפילו די טאַנטע אַליין, וועלכע שניידט זיך פון ערשטן אַקט אַלס אַ שטיקל „יענטע", ווערט אויך אין דריטן אַקט פאַרוואַנדלט אין כמעט אַ טויב... און זי רופט אויס עכט אַלטרויסטיש צו דער יונגער ווייבל: „גיי! דאָס קינד דאַרף האָבן אַ מאַמע!".

און איך זאָג, אויב קאָברין, דער איבערזעצער, האָט דאָ באַצוועקט צו ווייזן, אַז אויך אַ קינסטלער ווי מאָפּאַסאַן קאָן אָנשרייבן אַ רעכט שטיקל שונד, איז דאָס אים געלונגען... ווי קומט מאָפּאַסאַן צו אָנשרייבן אַ שונד־פּיעסע? דאָס ווייס איך ניט. אפשר ווייס קאָברין. און אפשר האָט מאָפּאַסאַן אַזויפיל צו טאָן מיט זיין דראַמע ווי אַ באַוווסטער דיכטער האָט געהאַט צו טאָן מיט דער „מוזיקאַלישער שטעטל", אָבער אויב יאָ, ס'איז מאָפּאַסאַנס, קוקט ער מיר אויס ווי דער אַלטער בעל עברה, וואָס זינדיקט און זינדיקט, אָבער ווען עס קומט צו די עלטערן יאָרן, הייבט ער אָן צו מוסרן...

וועגן דעם שפּיל: וואַליער אַלס „מוזאַט" האָט אינגאַנצן איין אַקט צו לעבן און אין דעם אַקט שטאַרבט זי אויך. בכלל האַלט איך ניט פון שטאַרב־סצענעס אויף דער בינע. שטאַרבן דאַרף מען אין דערהיים, און ניט אויף דער בינע. און סתם, דוכט מיר, אַז שטאַרבן איז ניט קיין גרויסע קונסט. לעבן איז שווער, סיי אַזוי, סיי קינסטלעריש, אָבער שטאַרבן קאָן יעדער, אַפילו ניט זייענדיק קיין בן־עמי, קיין שוואַרץ און קיין וואַליער... אַ קרעכץ, אָן אויגן־גלאָצעניש, אַ כאָרכלען, אַ וואַרפן מיטן קאָפּ (און דער עולם הוסט שטענדיק ביי אַזעלכע סצענעס אָפּ אַמשטאַרקסטן), אַ קרימעניש, אַ דריגן מיט די פיס, און אַ מענטש איז פאַרטיק! וואַליערס כוח ליגט אין איר לעבן און ניט אין איר שטאַרבן!

מאַדאַם גערסטען אַלס זשילבערט שפּילט דוקא לעבעדיק, פריילעך, יוגנטלעך, און ווען מאָפּאַסאַן וואָלט איר געשענקט מער ווערטער, איז מעגלעך, אַז זי וואָלט געהאַט אַ פיינע ראָלע. מישאַ גערמאַן אַלס דער מאָלער איז אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן. ער שפּילט פיין, דער מישאַ, אָבער מישאַ עלמאַן שפּילט נאָך פיינער... טייטעלבוים אַלס דער אָנקל האָט זיך געשניטן אין ערשטן אַקט פאַר אַ קאָמיקער, אָבער נאָכדעם איז ער אַרונטער פון די רעלסן און




צייכענונג — ש. ראַסקין

געוואָרן כמעט אַ טראַגיקער. און די איבריקע — האָט ווייזענפריינד קיין ראָלע ניט און פון גאָרניט קאָן אַפילו ווייזענפריינד גאָרניט מאַכן, און די ליזע זילבערט אַלס די טאַנטע האָט דוקא אַ ראָלע און זי מאַכט דערפון יאָ עפּעס. זי איז אַ פיינע טאַנטע!

אָבער די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע ראָלע האָט די „בעיבי" [קינד] אין צווייטן אַקט. זי שפּילט גוט. די מימיק איז אויסגעצייכנט (קיינער זעט עס ניט). די שטימע פאָרטרעפלעך (קיינער הערט עס ניט). יאָ, מיינע פריינט רעזשיסאָרן־דירעקטאָרן, איך ווייס ניט וואָס איר האָט צו די בעיביס. פאַרוואָס שווייגן עס אַלע בעיביס אויף אונדזער בינע? זיינען זיי שטומע? כ׳האַלט עס כאָטש געבן אַ פּיפּס, אַ וויאַקע. לויט מיין ערפאַרונג מיט בעיביס, זיינען זיי זייער „טשוטקע" און פילנדע באַשעפעניש, און דאָ טומלט זיך אויף אונדזער בינע, מען שרייט, מען שטאַרבט, מען האַלט מאָנאָלאָגן, און גראָד איבער דער וויגעלע אַפילו, און זיי, די בעיביס, — גאָרניט, שטום ווי אַלע שטומע! איך ערוואַרט אייער ענטפער, הערן רעזשיסאָרן!".

## „מיעשטשאַניע"

**דעם 15 יאַנואַר 1921 ווערט אונטער דער רעזשי און אין דער איבערזעצונג פון מאַרק שווייד אויפגעפירט „מיעשטשאַניע" פון מאַקסים גאָרקי.**

**אַב. קאַהאַן שרייבט:**

„אין שוואַרצס טעאַטער גייט איצט גאָרקיס דראַמע „מיעשטשאַניע" (דאָס הייסט, מענטשן פון דעם קלאַס, וואָס געפינען זיך צווישן די פּריציס און די פּויערים). אַריינלאָזן זיך אין אַ קריטישע





באַטראַכטונג פון דיזן ווערק איז דאָ ניט נייטיק. גאָרקיס נאָמען איז גרויס און ניט פון היינט אָן. אָפּשאַצונגען וועגן אים זיינען געמאַכט געוואָרן ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין אַלע אַנדערע ציוויליזירטע לענדער. זיינע גרויסע מעלות און גרויסע חסרונות זיינען שוין אָנגעטייט געוואָרן פון פאַרשיידענע מבינים אויף פאַרשיידענע אופנים. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער שרייבער פון דיזע צײַלן אין „פאָרווערטס" געבראַכט טאָלסטאָיס מיינונג וועגן גאָרקיס ווערק. טאָלסטאָי האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַ געשפּרעך טאַקע מיט גאָרקין, און גאָרקי אַליין ברענגט דיזע מיינונג זיינע. די מיינונג איז אַ בייזע, הגם זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ לוסטיקן טאָן. דאָך גיט דאָס גאָרקי איבער אין זיינע ערינערונגען וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן שריפטשטעלער. אַנדערע וואָלטן עס געוויס פאַרבאָרגן, אָבער ניט גאָרקי. ער איז אַזוי אָפנהאַרציק, אַזוי טריי, וויסנשאַפטלעך טריי, דעם אמת, אַז ער ברענגט טאָלסטאָיס אומגינסטיקסטע ווערטער וועגן זיך. ער אַדוועררטייזט, אַזוי צו זאָגן, טאָלסטאָיס ניט־גוטע מיינונג וועגן זיין שרייבן. טאָלסטאָיס הויפּט־קריטיק באַשטייט אין דעם וואָס לויט זיין איבערצייגונג פעלט אין גאָרקיס טיפּן נאַטירלעכקייט, זייערע געשפּרעכן זיינען צוגעפּוצטע, צוגעטראַכטע, און זייערע כאַראַקטערן ליידן פון דעם זעלבן חסרון. טאָלסטאָי פאָדערט פון אַ שרייבער אַבסאָלוט קינסטלערישע נאַטירלעכקייט און אמתדיקייט. ביי גאָרקין האָט ער דאָס ניט געפונען און ער האָט אים געקיבעצט וועגן דעם.

אַנדערע רוסישע קריטיקער האָבן דאָס אויך אָנגעוויזן, אָבער דאָס אַלץ האָט דאָס רוב פון זיי ניט געשטערט גאָרקין צו באַשיטן מיט בלומען פאַר אַנדערע מעלות, וועלכע זיינע שריפטן אַנטהאַלטן. זיינע ווערק האָבן אין זיך אַ גרויסע קראַפט, און דיזע קראַפט איז דורכגעדרונגען מיט מענטשן־ליבע. דיזע אַלע מעלות און חסרונות געפינט דער לעזער אין גאָרקיס דראַמע „מיעשטשאַניע". כמעט אַלע פּערזאָנען ריידן מיט חכמות, זאָגן קלוגע ווערטער. איינער וויצלט זיך, אַ צווייטער רעדט ערנסט, אַ דריטער רעדט מיט אַ טאָן אַזוי ווי פון אַ משוגענעם, אָבער כמעט אַלע זאָגן קלוגע זאַכן, אָדער, אַז ניט, דאַכט זיך אייך, אַז זיי זאָגן אַרויס שטיקלעך פון לייט־אַרטיקלען. אין דעםווירקלעכן לעבן ריידן מענטשן ניט אַזוי. די קלוגע רייד איז [זיינען] דעם שרייבערס. ער לייגט דאָס אַריין צו זיינע פּערזאָנען אין די מיילער. עס איז ניט קיין שילדערונג פון מענטשן ווי זיי ריידן אין אמתן לעבן.

דער שרייבער פון דיזע צײַלן האָט אַזאַ מיינונג אויסגעדריקט וועגן גאָרקין ביי פילע געלעגנהייטן, און די ווערטער פון טאָלסטאָי, וועלכע גאָרקי האָט ניט לאַנג געבראַכט אין זיינע ערינערונגען, האָבן אַרויסגעזאָגט דאָסזעלבע. די פּערזאָנען אין „מיעשטשאַניע" גייען אַזוי ווי אויף סטאָלצעס און זיי ריידן אויך ווי אויף סטאָלצעס, אָבער די וואַרעמע מענטשן־ליבע, וועלכע איר געפינט אין גאָרקיס אַלע ווערק, געפינט איר דאָ אויך. אין אַנדערע ווערק זעט איר אַ גרעסערן טייל פון גאָרקיס גרויסע איינבילדונגס־קראַפט. איר זעט אויך מער אָריגינאַליטעט אין די טיפּן. אין זיין „נאַ דניע", צום ביישפּיל, געפינט איר דיזע מעלות אין אַ העכערן גראַד. „נאַ דניע" איז איבערהויפּט שטאַרקער ווי „מיעשטשאַניע". אָבער נאָך אַלעמען איז „מיעשטשאַניע" אַן אינטערעסאַנטע דראַמע און אַ שטאַרקע דראַמע. עס איז דאָ וואָס צו זען און עס איז דאָ וואָס צו באַטראַכטן נאָכדעם ווי איר גייט אַוועק פון טעאַטער. די בינע האָט גאָרקי פאַרשטאַנען, און דער טעאַטער־

באַזוכער איז טיף פאַרינטערעסירט אין דער געשיכטע, וואָס וויקלט זיך פאַר אים פאַנאַנדער, אין די פאַמיליע־סצענעס, אין די צוזאַמענשטויסן, אין דעם ראָמאַן און אין דעם ספּעציעלן געזעלשאַפטלעכן גייסט, וועלכער רינגלט די פּערזאָנען אַרום. ... איבער דער בינע הענגט די לופט פון אומצופרידנהייט און ווידערשפּריכע, פון בענקעניש און פון דורשט נאָך פרייע לופט. דאָס איז דער גייסט, וועלכער כאַראַקטעריזירט כמעט די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור און וועלכע האָט זיין [איר] אָפּשטאַמונג [אין] דער שרעקלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע. היינט איז גאָרקי מער כלל־טוער ווי שרייבער. זיין גילדערנע נאַטור האָט אים געטריבן אָפּצוגעבן אַלע זיינע קרעפטן צו דער נייער רוסלאַנד און דאָרטן איז איצט אַ צייט ניט פון שרייבן ראָמאַנען, נאָר פון טאָן גרויסע, פּראַקטישע אַרבעט. פריִער אָבער איז ער געווען אַ טרוימער, אַ שרייבער פון בעלעטריסטישע ווערק, און הגם פאַר קיין רעאַליסט אין דעם עכט־רוסישן זינען פון דעם וואָרט קאָן מען אים ניט פאַררעכנען, איז ער אָבער אַן עכט־רוסישער שרייבער אין דעם גייסט און אין די שטרעבונגען, וועלכע דרינגען דורך זיינע ווערק. ער איז אומעטום אַן אידעאַליסט, אומעטום איינער פון די אין וועמנס הערצער עס פילט זיך דער ווייטיק פון זייער ליידנדן פאָלק. גאָרקי איז אַ פּאָעט און אַ מאַרטירער, אָפּפערנדער. באַגאַבטער פאָלקס־קינד און אַ העלד, און זיין האַרץ שלאָגט אין זיינע ווערק אַזוי גוט ווי אין זיין איצטיקער טעטיקייט.

דאָס שטיק איז אויפגעפירט אויסגעצייכנט, און אין אַלגעמיין ווערט זי [עס] געשפּילט אויך אויסגעצייכנט. מען קאָן זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט דער אַמעריקאַנער בינע, מעג מען מיט אַזאַ בינע שטאָלצירן. אין אויסערלעכע פאָרמען איז די אַמעריקאַנער סטיידזש מער פּאָלירט, מער קולטורעל, אויב איר ווילט זיך אַזוי אויסדריקן, אָבער אין אינערלעכן ווערט שטייט אַזאַ פאָרשטעלונג פיל העכער ווי די דורכשניטלעכע פאָרשטעלונג, וואָס מען זעט אין די בעסערע טעאַטערע אויף בראָדוויי. דער שרייבער פון דיזע ציילן האָט מיט אַן אָוונט שפּעטער גראַדע בייגעווינט אַ פאָרשטעלונג אין איינעם פון די רייכסטע טעאַטערע אויף בראָדוויי, אָן די פּיעסע, וואָס ער האָט דאָרטן געזען, איז איינע פון די צוויי־דריי גרעסטע סוקסעסן פון דעם סעזאָן. עס איז ניט קיין שלעכטע פּיעסע ווען מען זאָל איר באַטראַכטן פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט. זי שפּאַנט די אויפמערקזאַמקייט. מען באַמערקט ניט ווי דער אָוונט פליט אַוועק. אָבער, אַך, ווי די אַקטיאָרן שפּילן! יעדער שוישפּילער שרייט אַזוי ווי אַ פּושקאַט־פּעדלער [וועגעלעך־סוחרים] ווען ער רופט אויס זיין סחורה. ער שפּרייזט אַזוי ווי ער וואָלט זיך לערנען אַ מאָדנעם טאַנץ. קיין איין נאַטירלעכע שטימע, קיין איין טאָן פון אַן אמתן מענטשן. דאָ אויף דער בינע פון שוואַרצס טעאַטער בשעת מען האָט געשפּילט „מיעשטשאַניע“ האָבן כמעט אַלע גערעדט ווי לעבעדיקע מענטשן, אָדער וויניקסטנס, זיך געסטאַרעט צו ריידן ווי לעבעדיקע מענטשן.

נאָך אַ זאַך, עס פילט זיך אַ לעבעדיקער סך הכל, אַ צוזאַמענשפּיל. אין יענער אַמעריקאַנער פאָרשטעלונג איז יעדער אַקטיאָר און אַקטריסע עפּעס אַזוי ווי אַן אָפּגעזונדערטע, באַזונדערע פאָרשטעלונג. ווען עס קומט אָן דער מאָמענט, גייט ער אָדער זי צו, עפנט דעם מויל און הייבט אָן צו שרייען ווי אַ שול־רופער. עס דוכט זיך אייך, אַז דאָס איז אַ „רעסיטיישאָן“ [רעציטאַציע] און ניט קיין שפּילן אין וועלכן מען שטעלט כלומרשט פאָר דאָס לעבן.



ביי „מיעשטשאַניע“ אָבער האָט יעדערער געשפּילט, אָדער, וויניקסטנס, געשטרעבט צו שפּילן אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבריקע. יעדערער האָט אייך געמאַכט פילן, אַז ער איז ניט אַליין, נאָר אַ טייל פון אַ מענטשן־גרופּע אין אַ לעבנס־ערשיינונג. אויף דער ענגלישער בינע בלאָנדזשעט נאָך אַרום דער שאָטן פון שעקספּירס צייטן, ווען דער טעאַטער איז געווען אין זיין וויקל־שנור. דאַן פלעגט אַן אַקטיאָר ניט גיין איבער דער בינע, נאָר שפּרייזן אָדער צוטאַנצן אָדער גיין וויגנדיק זיך. דאַן פלעגט אַן אַקטיאָר ניט ריידן ווי אַ מענטש, נאָר זאָגן „פּאַטשערעס“ [תפילות]. מען שעקספּירעוועט נאָך עד היום [ביז היינט] אויף דער [אַמעריקאַנער] בינע ווי פאַר דריי הונדערט יאָרן. עס זיינען פאַראַן טאַלענטן אויף דער אַמעריקאַנער בינע, אָבער דאָס זיינען מייסטנס „סטאַרס“. אויסער דעם סטאַר שפּילן פלעקער, וואָס האָבן אין זיך רייד־מאַשינקעס, און יעדע מאַשינקע דעקלאַמירט זיך באַזונדער.

אַלס „מיעשטשאַנין“ האָט געשפּילט וויזענפריינד. די ראָלע איז ניט קיין טיפּע. זי איז אַן אויבערפלאַכלעכע, אָבער דאָס וואָס אין איר איז דאָ, האָט וויזענפריינד, אין אַלגעמיין ריידנדיק, איבערגעגעבן אויסגעצייכנט. אין סך הכל איז אַרויסגעקומען דער אַלטער „קאַצאַפּ“ מיט זיין טאָן, מיט זיינע באַוועגונגען. עס האָט געשמעקט מיט „מיעשטשאַניע“, און ווידער האָט מען געמוזט באַוווּנדערן דיזן אַמעריקאַנער געבוירענעם [וויזענפריינד איז נאָר אויפגעצויגן אין אַמעריקע, אָבער געבוירן אין גאַליציע — ז. ז.] באַי פאַר אַ שילדערונג פון אַ טיפּ, וועלכן ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געזען. ער האָט געשפּילט מיט קראַפט. דער בייזער, אויסערלעכער שטאַרקער, אָבער אינערלעך שוואַכער, כאַראַקטער, האָט זיך געפילט אויף אַן אינטערעסאַנטן שטייגער. שוואַרץ האָט גענומען די ראָלע פון דעם שכור, דעם פּוסטן יונג, וועלכער וויצלט זיך און זאָגט אָפּט אינטערעסאַנטע חכמות. דאָס איז אַ פיל־פאַכערע ראָלע ווי די ראָלע פון דעם „קאַצאַפּ“, אָבער שוואַרץ האָט איר דורכגעפירט גלענצנד. איך גלייב, אַז דאָס איז איינע פון די בעסטע זאַכן, וואָס ער האָט באַוויזן זינט די [אַקטיאָרן] יוניאָן איז אים געצוווּנגען געווען אַריינצונעמען אַלס מיטגליד. מען אַפּלאָדירט אים אין דיזער ראָלע אַ סך און ער פאַרדינט דאָס כשר. מאַדאַם פּערקויף האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם מיעשטשאַנינס ווייב. זי האָט זיך געהאַלטן זייער נאַטירלעך. טייטעלבוים האָט געהאַט די וויכטיקע ראָלע פון דעם סטודענט, די פאַרטרויערטקייט, פאַרבענקטקייט, די שטענדיקע אומצופרידנקייט מיט דעם לעבן, האָט זיך ביי אים אויסגעדריקט מיט שאַרפע שטריכן. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שוישפּילער מיט איינבילדונגס־קראַפט, און דיזן מאָל איז אונדזער מיינונג ווידער באַשטעטיקט געוואָרן. דער פאַרצאָרנטער גייסט פון צאַנקעריי און אומבאַפרידיקטע שטרעבונגען, וועלכער איז דער הויפּט גייסט פון דיזער משפּחה, האָט זיך הויפּטזאַכלעך אויסגעדריקט אין די צוויסטיקייטן צווישן דעם מיעשטשאַנין און זיין זון, דאָס הייסט צווישן וויזענפריינדן און טייטעלבוימען.

דזשעני וואַליער האָט פאָרגעשטעלט דעם מיעשטשאַנינס טאָכטער, די פאַרליבטע, וועלכע זעט ווי איר געליבטער איז צוגעצויגן צו אַן אַנדערע. דיזע טאַלענטפולע שוישפּילערין איז אין דיזער ראָלע ליידער באַגאַנגען אַן אומרעכט קעגן איר טאַלענט. זי האָט ניט גערעדט, נאָר געזונגען, אַזוי ווי זי וואָלט פאָרלעזן אַ געבעט אין אַ קירכע. איר געזיכט האָט אָבער אָפּגעשפּיגלט די טראַגעדיע, וועלכע קומט פאָר ביי דער אומגליקלעכער מיידל אין

האַרצן. מישאַ גערמאַן איז געווען דער יונגער אַרבעטער. ער האָט גשפילט מיט מער טעמפעראַמענט ווי געוויינלעך און ער האָט זיך אין זיין ראָלע אַריינגעפּאַסט זייער גוט. איינער פון די קאָמפּלי־מענטן, וועלכע דאַרף געגעבן ווערן דער קאָמפּאַני פאַר דיזער פאָרשטעלונג, באַלאַנגט צו אים. לוסי גערמאַן האָט געהאַט ניט קיין גרויסע ראָלע און איז אין איר געווען צופרידנשטעלנד. בערטאַ גערסטען האָט מאָמענטנווייז געראָטן אַרויסגעבראַכט דעם כאַראַקטער פון דער לוסטיקער יונגער פרוי, וואָס פאַרדרייט מע־נער די קעפּ. י. דובינסקי האָט פאָרגעשטעלט דעם פויגל־הענדלער. דיזע ראָלע איז דעם עולם געפעלן געוואָרן אַ סך מערער ווי דעם שרייבער פון דיזע ציילן. איך גלייב, אַז דער פּאַרפאַסער האָט דאָ ניט געהאַט קיין דייטלעכן, באַשטימטן טיפּ אין זיין געדאַנק. יעדנפאַלס האָט ער זיך אים ניט איינגעגעבן. דאָס, וואָס איך זאָג, האָט ניט צו טאָן מיט דובינסקיס שפּילן. ער האָט געשפּילט ניט שלעכט, בלויז אין איין מאָמענט, האָט ער זיך צעטאַנצט אויף אַ שטייגער, וועלכער פאַרדינט אַבסאָלוט ניט קיין קאָמפּלימענט. דעם פובליקום אָבער איז דיזער טאַנץ שטאַרק געפעלן. סאַמואי־לאָוו האָט געהאַט אַ גאַנץ קליינע ראָלע. אויך האָבן געהאַט קליינע ראָלן סאַלטשא שאָר, מאַדאַם לאַנסקי און ס. קראָוזע".

### ב. גאָרין איז ניט באַגייסטערט פון שפּילן:

„שוואַרץ מעג זיך איבערנעמען מיט דעם אופן ווי ער האָט אויפגעפירט גאָרקיס באַקאַנטע פּיעסע „מיעשטשאַניע". די וואָס האָבן די זעלבע פּיעסע געזעען מיט יאָרן צוריק ווען קעסלער האָט נאָך געשפּילט אין טאַליאַ טעאַטער, וועלן איר ממש ניט דערקענען. די פּיעסע איז איצט אַרויסגעקומען גאַנצער, ברייטער, הגם דאָ איז קיין זאַך ניט צוגעגעבן געוואָרן, נאָר דער דאָזיקער איינדרוק באַקומט זיך פון דער אויפפירונג. אַזוי ווי די דאָזיקע פּיעסע האָט מען שוין דאָ געשפּילט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, האָט מען שוין אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט צו זאָגן וועגן איר, אָפּגעזאָגט און עס איז ניט נייטיק צו ריידן נאָך אַמאָל וועגן איר. עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן דאָס שפּילן פון דאַמאָלט מיט דעם איצטיקן. אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָבן דאַמאָלט אין „מיעשטשאַניע" געשפּילט אַזעלכע שפּילער ווי דוד קעסלער, בערטאַ קאַליש, מאָסקאָוויטש, אָבער דאָס איז אומעגלעך צו טאָן. דאָס איז אומעגלעך דערפאַר, ווייל אַ משך פון צוואַנציק יאָר איז אַ צו לאַנגע צייט, אַז מען זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן אויפן זכרון.

שוואַרץ האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די באַשיידענע ראָל פון דעם זינגער טעטיעראָוו און אים איז געלונגען צו מאַכן פון איר אַ גאַנצן צימעס. גרימירט איז ער ניט נאָך דעם קאַזיאָנעס אופן און ער ציט גלייך צו די אויפמערקזאַמקייט פון דעם צושויער. ער איז דורכויס אויסגעהאַלטן און נאָר איין מאָל פאַרלירט ער זיין טאָן און פאָרט אַרויס אויפן אויבער. אַ פּאָר מאָל גיט ער זיך אַ קראַץ אין מיטן קאָפּ אַלאַ סלאָוויטער שאַפּירא און דער סלאָ־וויטער קראַץ איז ניט פאַר טעטיערעוון. שוואַרץ האָט אַ כאַראַק־טעריסטישן דומפּן „האַ" און ער נוצט עס אויס אויך דאָ, און דאָ איז ער ניט אויפן ריכטיקן פלאַץ. זיין טעטיערעוו איז אַרויסגע־קומען אַ שטאָלצער, אָבער ניט פאַריסענער, שפּעטנדער, אָבער ניט פאַרביטערער, געפאַלענער, אָבער דאָך ניט אָן אַ פאַרלאַנג אויפ־צוהייבן זיך שכור, און די פאַרשיידענע זייטן פון זיין כאַראַקטער זיינען גוט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. מוני וויזענפריינד האָט



געשפּילט די ראָל פון וואַסילי רעזסאַמיאַנאָוו. ער האָט ניט איבערגעגעבן די מיושבדיקייט, די געזעצטקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ שווערקייט פון דעם רוסישן מיעשטשאַנין [בירגער]. נאָר עטלעכע מאָל איז ער געווען צו שרייענד און זיין אויפרעגונג איז שוין גאָרניט געווען פון דעם שווערן אויפגעקומענעם פויער. ער איז געווען אויסגעהאַלטן אין זיין ריידן, אין זיין יעדן קער און ריר, הגם אָנגעטאָן איז ער געווען צו יום־טובדיק פאַר אַזאַ מענטשן, וואָס לעבט מיט אַ תכלית.



בעטי פערקויף און מאָריס שוואַרץ

בערטאַ גערסטען איז געווען לעבעדיק אין דער ראָל פון דער אויסגעלאַסענער יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, נאָר מיט איר קליידונג האָט זי גיכער אויסגעזען ווי אַן איטאַליענישע פריילעכע ווייבל איידער אַ רוסישע. דזשעני וואַליער איז אפשר געווען אַ שווער־מוטיקע דייטש מיידל, אָבער בשום אופן ניט אַ רוסישע אינטעלי־גענטקע. איר ציען די ווערטער ווי פון פעך האָבן ממש געאַרבעט אויף די נערוון און איר תעניתדיקע האַלטונג האָט גאָר אומנאַטיר־לעכער ניט געקאָנט זיין. אויך אַזוי אומנאַטירלעך האָט זיך גע־האַלטן טייטעלבוים אין דער ראָלע פון פיאָטר. גאַנץ גוט איז געווען גערמאַן אין דער ראָל פון מאַשיניסט ניל און גאַנץ נאַטירלעך איז געווען לוסי גערמאַן אין דער ראָל פון פאָליאַ, נאָר אין דעם לעצטן אַקט, אין דער סצענע ווו זי פרעגט פאַרוואָס מ'האָט איר טאַטען אַרויסגעטריבן, קומט עס ביי איר אַרויס מעכאַניש, אָן

לעבן. דובינסקי אין דער ראָל פון פערטשיכין איז געווען גאַנץ גוט. בעטי פערקויף אין דער ראָל פון אָקולינאַ האָט געשפילט ווי זי שפילט געוויינלעך אַ מוטער־ראָל. סאָלטשע שאָר האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע. בכלל איז די פּיעסע גוט דורכגעפירט געוואָרן און דאָס שפילן האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויפן פובליקום״.

**י. ענטין שרייבט:**

„הער מאָריס שוואַרץ, דער דירעקטאָר פֿון אוירווינג פּלייס טעאַטער, פֿירט אויף מאַקסים גאָרקיס סאַמע ערשטע פּיעסע „מיעשטשאַניע״ (די קליינבירגער), וועלכע ער האָט אָנגעשריבן מיט אַ יאָר ניינצען צוריק. די אויפֿפֿירונג איז אינטערעסאַנט אין עטלעכע הינזיכטן. די אויפֿפֿירונג איז שוין איצט, אין דער ערשטער וואָך, אַרום און אַרום אַן אַרטיסטישער ערפֿאָלג. מחמת דעם, ווי אויך צוליב דער פּיעסע אַליין, פֿאַרדינט די איצטיקע אויפפירונג אַ גוטן באַזוך. „די קליינבירגער״ איז ניט קיין נייע, נאָר אַ צוריק־אויפגעלעבטע פּיעסע אויף אונדזער בינע. מען האָט זי צוערשט אויפֿגעפֿירט מיט אַ יאָר אַכצען צוריק, אַ קורצע צייט נאָך איר ערשיינען אין דרוק. מען האָט זי דעמאָלט געשפּילט אין טאַליאַ טעאַטער, אין יעקב גאָרדינס איבערזעצונג און מיט די פֿאַרשטאָרבענע קעסלער, ליפּצין און פֿיינמאַן אין די הויפּט־ראָלן בשעת מאָריס מאָשקאָוויטש האָט געשפּילט די ראָלע פֿון דעם פֿויגל־הענדלער פערטשיכין. און ניט אָן אַ געוויסער אָנווייזונג [געפֿיל] פֿון טרויער וועט דער עלטערער יידישער טעאַטראַל צוקוקן די איצטיקע אויפֿפֿירונג, דערמאָנענדיק זיך אויף די אַרטיסטן, וואָס זיינען ביי אונדז אויסגעשטאָרבן און אויף די וואָס זיינען פֿון אונדזער בינע אַוועק. נאָר אפֿשר וועט ער געפֿינען טרייסט אין דעם געדאַנק דאָס בנוגע אויפֿפֿירונג איז אונדזער בינע אין דער צייט פֿיל אויסגעוואַקסן. פירט מען דאָך ביי אונדז איצט אויף פּיעסן מיט שטימונג פֿיל שטימונגספולער איידער דאַמאָלס, גייט מען דאָך אויף אונדזער בינע איצט צו צו זאַכן פיל דעליקאַטער. מאריך זיין וועגן גאָרקיס ערשטער פּיעסע דאַרף מען ניט. פֿון זינט איר ערשטער אויפֿפֿירונג איז זי פֿאַרבליבן אין אונדזער רעפּערטואַר און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט מען זי זען. זי געהערט אויך ניט צו די פּערלען פֿון דער מאָדערנער רוסישער דראַמאַטישער ליטעראַטור. זי האָט אַפֿילו ניט די ליטעראַרישע שיינקייט, דעם דראַמאַטיזם און צומאָל די רעוואָלוציאָנערע נביאישקייט פֿון גאָרקיס, דאַכט זיך, דריטע פּיעסע „די קינדער פֿון דער זון״.

גאָרקיס פּיעסע האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין רוסלאַנד, דאָך ניט מיט אירע ליטעראַרישע אָדער דראַמאַטישע מעלות. ליטעראַריש איז די פּיעסע, וואָס איז געקומען באַלד נאָך זיינע סקיצן פֿון „באָסיאַצקן״ לעבן און נאָך זיין קרעפטיקן, הויך־סטיליסטישן און דורכגעטראַכטן ראָמאַן „פֿאָמאַ גאָרדעיעוו״, געווען ניט קיין קליינער אַראָפּפֿאַל. עס האָט זיך לייכט געוואָרפֿן אין די אויגן דער קאָנטראַסט צווישן די בלייכע געשטאַלטן פֿון דער פּיעסע צו די קרעפֿטיקע פֿיגורן פֿון די סקיצן און פֿון ראָמאַן. עס האָט זיך גלייך געלאָזט מערקן, אַז בשעת גאָרקיס שריפֿטן האָבן געשפּרודלט מיט ווערטער־בילדער, האָט אין זיין פּיעסע געהערשט די פּראָזע. דראַמאַטיש האָט די פּיעסע קיין שטאַרקן רושם ניט געקאָנט מאַכן, ווייל איר סוזשעט און האַנדלונג זיינען שוואַכלעך, זייענדיק אין עצם בלויז סצענעס, און ווייל קיין ווירקלעך דראַמאַטישער סיטואַציעס זיינען אין דער פּיעסע ניטאָ. צום ביישפּיל, די וויכטיקסטע ליטעראַרישע געשטאַלט אין דער פּיעסע, דער קלויסטער־זינגער, שכור און בראָדיאַגאַ טעטיעריעוו איז גאָר אַ זייטיקע, פּאַסיווע פּערזאָן, אַ רעזאָניאָר, וועלכער קוקט צו די געשעענישן פֿון דער פּיעסע פֿון זיין ווינקל און מאַכט זיך אויף זיי זיין ווינקלנדיקן פּירוש.

אויב די פּיעסע האָט דאַמאָלס דאָך געמאַכט אַ רושם, איז עס געווען אַ חוץ מיט דעם שרייבערס גרויסן נאָמען, מיט איר סאָציאַלער באַטייטונג, מיט דער רוסיש־געזעלשאַפֿטלעכער נערוועזיטעט, וואָס זי האָט אויסגעדריקט, מיט דעם אָנקומנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטורם און דראַנג, וואָס זי האָט פֿאָרויסגעזאָגט. איצט, אַז מען זעט די פּיעסע אין אַכצן יאָר אַרום, נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט שוין דורכגעמאַכט איר צוויי בירגערלעכע און איין באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, לעבט דער צושויער איבער אַ מאָדנעם געמישטן געפֿיל. צום באַוווסטזיין, אַז דאָס אַלץ איז נאָך מער ווי מקוים געוואָרן, קומט צו די אַנונג, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַלטלעך, עטוואָס אויסן פּלאַץ, אַ שטייגער ווי דאָס פּראַווען אַ תשעה באב נאָך דער צוריק אויפֿבויונג פֿון בית המקדש.

דער גרונט־געדאַנק איז דורכגעפירט דורך דער גאַנצער פּיעסע דורך אירע צאָללאָזע געשפּרעכן און דיסקוסיעס און דורך כמעט אַלע פּערזאָנען. אַממייסטן ווערט ער פֿאַרקערפּערט אין דער פֿאָלגנדער גרופּע... דער פֿאָטער, דער אַלטער קליינבירגער און זיין פֿרוי, די מוטער, וועלכע זיינען נאַטירלעך צופֿרידן מיטן אַלטן, זיינען קליינלעך און וואָכעדיק און מעסטן אַלץ מיט דער קליינער מאָס פֿון פּראַקטישער נוצלעכקייט, און וועלכע האָבן מורא פֿאַר דאָס אָנקומענדע, וואָס זיי שפּירן אין דער לופֿט. אָבער זיי האָבן דאָך פֿאַר דעם אַ געוויסן דרך־ארץ פֿאַר זיין קראַפֿט און באַשטימטקייט אין קאָנטראַסט מיט דאָס פֿאַרבייגייענדע איצטיקע, וואָס איז אומבאַשטימט און צעבראָכן. די קליינבירגערלעכע טאָכטער טאַטיאַנאַ, וועלכע איז קרענקלעך, קאָן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט נעמען, בלאָנדזשעט אַרום אָן ליבע און אָן גלויבן, און דאָס לעבן איז פֿאַר איר אַ לאַסט און דער קליינבירגערלעכער זון פּיאָטר, וואָס כאָטש ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין סטודענטישע אומרוען, איז ער אָבער כאַראַקטערלאָז, קאָן זיך ניט באַשליסן עפּעס צו טאָן און דאָס גוואַלטזאַמע נייע שאָקירט און שרעקט אים. דער נייער, דער פֿרוכטלאָזער, דער ענערגישער, דער צום קאַמף זיך רייסענדער ניל, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס דער „שטורם־פֿויגל״ פֿון דער רעוואָלוציע, און דער קלוגער, קריטישער און געדאַנקען־געוואַגטער, אַלע אַלטע געדאַנקען מיטן קאָפּ אַריבערקערנדער טעטיערעוו, וואָס איז פֿול מיט קראַפֿט, וועלכע איז איבער די רוסישע אומשטאַנדן אַוועק אין ניוועץ פֿון שכרות און וואַנדער־לוסט, די לייכטזיניקע און לעבנס־פֿריידיקע יעלענאַ, וועלכע, כאָטש אָן איבערצייגונג, שטייט דאָך פֿאַר דאָס נייע, ווייל אין דעם זעט זי די פֿרייהייט און די פֿרייד פֿון לעבן, איז די פּשוט־געזונטע פּאָליאַ, וועלכע גייט מיטן שטראָם, שפּירנדיק די קראַפֿט און די נאַטירלעכקייט פֿון דאָס נייע, און צו לעצט, דער פֿאָלקסטימלעך־פּאָעטישער פערטשיכין, פֿאַרקערפּערנדיק אין זיך די שיינהייט, די תמימותדיקע מאָראַלישקייט פֿון דעם איינפֿאַכן רוסישן פֿאָלקס־מענטשן, דאָס איז איינער פֿון יענע פֿאָלקסטימלעכע רוסישע נאַטור־מענטשן, וועלכע טורגעניעוו און טאָלסטאָי האָבן אַזוי ליב געהאַט. איינער פֿון יענע, וואָס כאָטש ער פֿאַרשטייט ניט גוט דאָס נייע און כאָטש זי שטימט אפשר ניט מיט דער מאָראַל פון וואַנגעליום, מאַכט אים דאָך זיין איינגעבוירענע קעגנערשאַפֿט צו דער איצטיקער ציוויליזאַציע און זיין איינפֿאַך־פּרימיטיווער קוק אויפֿן לעבן מער נוטה צו האַלטן מיט דער ניי־צייטלעכער יונגוואַרג.

וואָס איז שייך סוזשעט, אויב מען קאָן איבערהויפּט צו דער פּיעסע צובינדן עפּעס ענלעך צו סוזשעט, איז ער די געשיכטע וועגן דעם ווי אַזוי די ליבע פֿון דער צעבראָכענער לערערין טאַטיאַנאַ צו נילן ווערט צונישט, ווייל ער גיט דעם פֿאָרצוג צו דער ניט־געבילדעטער, אָבער קרעפּטיק־געזונטער האַלבער דינסט פּאָליאַ און ווי אַזוי דער קליינבירגערלעכער פֿאָטער רייסט זיך אַרום מיט זיין זון פּיאָטר און מיט זיינע קוואַרטיראַנטן ביז וואַנען זיי אַלע צעלויפֿן זיך פֿון אים. דאָך דער קלוגער טעטיערעוו טרייסט דעם אַלטן, אַז זיין זון, וואָס איז אָן מוט און אָן ענערגיע, וועט בקרוב זיך צו אים אומקערן.

די איצטיקע איבערזעצונג פֿון דער פּיעסע איז פֿון מאַרק שווייד. זי קלינגט אַרום און אַרום גאַנץ גלאַט, דאָך קעגן אייניקע ווערטער און אויסדרוקן איז דאָ וואָס אויסצוזעצן. למשל, דאָס וואָרט „מיעשטשאַניע" זעצט ער איבער מיט „מיטלקלאַס־מענטשן". דאָס קלינגט ניט ווייניקער היימיש איידער דאָס אַלטע וואָרט „קליינבירגער", נאָר ס'איז אויך, ווי מיר שיינט, ווייניקער ריכטיק. די מענטשן, וואָס האָבן צימערן אָדער דירות ביים בעל־הבית הייסן ביי שווידן ניט קוואַרטיראַנטן, נאָר איינוווינער. טעטיערעוו אין זיין באַרימטן מאָנאָלאָג אין צווייטן אַקט וועגן דעם ווי אַזוי די אידעאַליסטן בעלי־חלומות חלומען וועגן לעבן, בשעת די מגושמדיקע פֿיליסטער נוצן עס אויס, רופֿט די צווייטע ביי שווידן צומייסטן אָן „מערזאַוויעץ" בשעת דאָס וואָרט „לומפּן", וואָס ווערט אויך געברויכט, האָט געמעגט גענוצט ווערן כסדר. איין פֿראַזע אין דער פּיעסע האָט שווייד געענדערט וואָס דורך דעם ווערט פֿאַרלאָרן עפּעס וואָס אין אַ געוויסן זין איז עס וויכטיק. עס איז די פֿראַזע וואָס די יונגע מענטשן געברויכן: „מען דאַרף איבערשטעלן די שאַפֿע". די דאָזיקע פֿראַזע איז אונטער דעם צאַרישן רוסלאַנד, ווען מ'האָט וועגן רעוואָלוציאָנערע ענינים ניט געטאָרט ריידן אָפֿן, געווען שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, ווערנדיק באַנוצט אַלס סימבאָל פֿאַר דער אָפּשאַפֿונג פֿון דעם צאַרישן רעזשים. שווייד, וועלכער איז ניט צו לאַנג פֿון רוסלאַנד, האָט עס געמעגט וויסן. אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר פֿון „שאַפֿע" געמאַכט „מעבל", און נאַטירלעך ווערט די גאַנצע סימבאָלישקייט פֿון דער פֿראַזע (ווען אַפֿילו גאָרקי האָט זי ניט אין זינען געהאַט) פֿאַרלאָרן.

ניט קוקנדיק וואָס די פּיעסע איז, ווי איך הער, אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין גרויס איילעניש, איז דאָך די אויפֿפֿירונג גאָרניט שלעכט. דערהויפּט ווערן גוט אַרויסגעבראַכט די קליינלעכקייט, וואָס שוועבט איבערן הויז, ווו די האַנדלונג קומט פֿאָר. די שטימונג הייבט זיך אָן אָנווייען גלייך פֿון אָנפֿאַנג ווי טאַטיאַנאַ און פּאָליאַ ווערן אַנטדעקט זיצנדיק אין טונקעלן בין השמשות, ווו די לערערין לייענט לעבלויז וואָס פֿאַר פֿאַר דער האַלבער דינסט און ווו די פֿאַרקומערטע אינטעליגענטקע צעשלאָגט די אילוזיעס פֿון דעם איינפֿאַכן פֿאָלקס־קינד. די אויסשטאַטונג און די קאָסטיומען זיינען ניט נאָר רוסיש, נאָר טאַקע רוסיש־קליינבירגערלעך. דאָך אום צו זיין נאָך טרייער צו דער ווירקלעכקייט און צום טעקסט, מעג די אויסשטאַטונג זיין אַ קווינט אָרעמער און דאָס צימער זאָל טאַקע זיין ענגער, מער אָנגעשטעלט.

וואָס שייך דאָס שפּילן אַליין ווערט דאָס סאַמע בעסטע געלייסטעט פֿון דעם הער שוואַרץ אַלס טיעטיערעוו. איך קאָן מיך איצט ניט גענוי ערינערן אָן דעם פֿאַרשטאָרבענעם קעסלערס טיעטיערעוו. אפֿשר איז ער געווען אויף אַ האָר קרעפּטיקער און הומאָריסטישער, אָבער דעם הער שוואַרצס טיעטיערעוו איז זיכער זייער אַ געראָטענע פֿיגור. דער גרים איז אַן אויסגעצייכנטער, אָריגינעל און אינטערעסאַנט, אי העסלעך, אי ניט אָפּשטויסנד. דער הער שוואַרץ פֿירט דורך זיין פֿאַרשוין מיט פֿיינער אינטעליגענץ און מיט פֿולשטענדיקער אויסגעהאַלטנקייט. די באַטאָנונג איז כמעט פֿעלערלויז, די האַלטונג פֿריי, די מימיקע זייער רייך. דער הער שוואַרץ רופֿט אויך אַרויס פֿיל פֿיינערן געלעכטער. אויב ס'איז דאָ וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם הער שוואַרצס טיעטיערעוו איז עס סיידן נאָר, אַז זיין מימיקע איז שוין עטוואָס צו רייך, אַז ער באַנוצט זי צו פֿיל, אַריינלאָזנדיק זיך צו אָפֿט אין פּאַנטאָמימע, אויך, אַז דאָ און דאָרט, דערהויפּט אין דער סצענע פֿון עסן, שלאָגט ער שוין עטוואָס צופֿיל אויפֿן קאָמישן עפֿעקט. אומגעפֿער דער צווייטער נאָך שוואַרצן איז דער הער דובינסקי אַלס פּערטשיכין, דער פֿויגל־הענדלער. ער איז אויסגעצייכנט גרימירט און געקליידט און זיין באַוועגונג און האַלטונג האַרמאָניזירן וווּנדערבאַר מיטן כאַראַקטער. דובינסקי דאַרף אָבער באַנוצן זיין שטימע זי זאָל זיין מער „פֿויגלדיק". ער דאַרף אויך זען, אַז קיינס פֿון זיינע ווערטער און מאָמענטן זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין. די מאַדאַם גערסטען איז אַ גאַנץ גוטע יעלענאַ. קאָקעטיש, לעבנס־לוסטיק, לעבעדיק און קראַפֿטפֿול. די מאַדאַם גערסטען איז אָבער ניט גענוג רוסיש. אויך וועט ניט שאַדן, אַז אין סאַמע לעצטן מאָמענט זאָל זי עטוואָס ווייניקער שרייען. די מאַדאַם דזשעני וואַליער פֿירט אַרום און אַרום גוט דורך די ראָלע טאַטיאַנאַ. זי שאַפֿט אַן אומגעהייערע שטימונג. איר וויינען איז גאַנץ איינדרוקספֿול, דאָך ציט די מאַדאַם וואַליער אירע ווערטער און פּויזן שוין עטוואָס צופֿיל אויס און דאָס מאַכט דעם איינדרוק פֿון עטוואָס אַפֿעקטאַציע, עטוואָס געמאַכטקייט. איר ידיש איז ליידער זייער ניט גוט. ערטערווייז איז עס פּשוט אומפֿאַרשטענדלעך.

דער הער טייטעלבוים פֿירט פּיאָטרן דורך אויף זיין שטענדיק, זייער חנודיקן אופֿן. ער איז דאָך ניט צו רייך אין שטימונג און איז דעריבער דאָסמאָל ווייט ניט אַזוי גוט ווי ער איז געווען אין „אויפֿן דעק". דער הער וויזענפֿריינד איז גענוג רוסיש אַלס דער קליינבירגערלעכער פֿאָטער, דאָך אַן איינדרוק מאַכט ער ניט קיין צו שטאַרקן. ער איז טרוקנלעך, שווערלעך און אויך עטוואָס מאָנאָטאָן. דער הער גערמאַן איז ניט קיין שלעכטער ניל. אין די לעצטע מאָמענטן וואַרעמט ער זיך זאָגאַר פֿונאַנדער און ווייזט אַרויס טעמפּעראַמענט. די מאַדאַם פֿערקויף אַלס די מוטער איז נישקשה און סימפּאַטיש ווי אָפֿט. פֿאַר איר איצטיקער ראָלע איז עס אָבער ניט גענוג. עס פֿאָדערט זיך אַ ביסל מער קראַפֿט. מער רוסישקייט וואָלט אויך ניט געשאָדט. פֿריילין לוסי גערמאַן איז אייגנטלעך אַ גוטע פּאָליאַ, דאָך מעג זי דאָ אָנווענדן אַ ביסל מער פֿון דער פֿולבלוטיקייט וואָס זי פֿאַרמאָגט. דער הער סאַמואילאָוו פֿאַרטיקט זיך גאָרניט שלעכט אָפּ מיט דער קליינער ראָלע פֿון שושקין, בשעת דער הער קרויזע און די מאַדאַם שאָר פֿירן גאַנץ ערטרעגלעך דורך, דער ערשטער דאָס ראָלעכל פֿון דאָקטאָר און די צווייטע פֿון דער קעכין.

אַלץ צוזאַמען אַ גוטע אויפֿפֿירונג, אויב דערווייל נאָך ניט אַזוי דורכויס שטימונגס־פֿול און ניט אַזוי איבעראַל שוישפּילעריש רייך ווי פֿאַראַיאָרן „אויפֿן דעק", קאָן מען אָבער האָפֿן, אַז מיט דער צייט, ווען די פּיעסע וועט לאַנג גיין, וואָס זי פֿאַרדינט באמתן, וועלן די איצטיקע פֿעלערן אויסגעגלעט ווערן און די פֿאָרשטעלונגען וועלן געבן אַ מער ווי געוויינלעכן עסטעטישן גענוס".

## ביי אַן אַנדער געלעגנהייט שרייבט ווידער י. ענטין:

„אין אירווינג פּלייס טעאַטער איז געשפּילט געוואָרן מאַקסים גאָרקיס ערשטע פּיעסע „מעשטשאַניע“ (די קליינבירגער), וואָס אין איר צייט, מיט אַ יאָר נײַנצן צוריק, האָט זי געמאַכט ניט קיין קליינעם רושם, און זי איז דאַמאָלט אויך אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ טעאַטער מיט די פאַרשטאָרבענע ליפּצין, קעסלער און זיגמונט פיינמאַן. עס איז דאָ אַ היבשער פּערסאָנאַל אין „מעשטשאַניע“ און איניקע מענטשן קאָן מען אַפילו אָנרופן טיפּן, וואָרעם זיי שטעלן מיט זיך פאָר גאַנצע קלאַסן. ...וואָלט געווען גאָרניט שלעכט ווען די אַלע טיפּן, כאַראַקטערן, וואָלטן דורכגעפירט געוואָרן דראַמאַטיש דורך שטאַרקע סצענען און פאָרשטעלונגען. זיינען אָבער איניקע פון זיי גאַנץ בלייך, ווי צום ביישפּיל פּיאָטר און טאַטיאַנאַ. סצענעס אמתע, דראַמאַטישע, זיינען אין דער פּיעסע פאַראַן ווייניק. העכסטנס זיינען דאָ בלויז מאָמענטאַנע אויסברוכן, ספּאָנטאַנע צוזאַמענשטויסן, און קיין דראַמאַטישע סצענעס, סיטואַציעס, זיינען ניטאָ, ווייל עס איז קוים דאָ האַנדלונג, ווייל דער סוזשעט איז זייער אַ שוואַכער.

די וויכטיקייט פון דער פּיעסע איז געלעגן אין איר סאָציאַלער באַטייטונג, אין איר פאַררעוואָלוציאָנערער אָנצוהערעניש און נביאות. אין דער הינזיכט איז די פּיעסע געווען ניט בלויז שטימונגסרייך, נאָר צום טייל אפשר אויך סימבאָליש. גאָרקי האָט געמאָלן דאָס לעבן פון רוסישע קליינבירגער, געוויזן ווי ענג עס איז דאָ, אָנגעהויכט די שטימונג פון ענגשאַפט, פון וואָכעדיקייט, פון קליינלעכקייט און פאַראָסטקייט אין דעם דאָזיקן לעבן. און ער איז אפשר אויסן געווען, אַז מען זאָל לערנען דעם פּשט ניט בלויז בנוגע דעם קליינבירגערלעכן נאָר טאַקע בנוגע דעם גאַנצן רוסישן לעבן אונטער דעם צאַרישן רעזשים. און ווירקלעך, איניקע פּראַזן פון דער פּיעסע זיינען טאַקע אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער דאַמאָלסטיקער רוסישער אינטעליגענץ, זיינען פון איר פאַרבראַכט געוואָרן אַלס סימבאָלישע אויסדרוקן פון דער דאַמאָלסטיקער צייט און שטימונג.

איז דעריבער האָט זיך די פּיעסע אין אירווינג פּלייס טעאַטער געשפּילט גאָרניט שלעכט און אינטערעסאַנט. די שטימונג אַרויסגעבראַכט, די מענטשן פאָרגעשטעלט, דער הומאָר אָפּט אויפבליצנדיק. אַמבעסטן איז געווען דער הער שוואַרץ אַלס טיעטיערעוו. ער האָט דורכגעפירט זיין ראָלע מיט פיינער אינטעליגענץ, רייכער מימיק און הומאָר. „מעשטשאַניע“ איז אָפּגעגאַנגען איניקע וואָכן, געבנדיק נישטקשהדיקע איננאַמעס“.

## מ. גרים שרייבט:

„...די פּראָבלעם ווי גאָרקי האָט זי אַוועקגעשטעלט, מיט באַזעסענע טאַטעס און בלאָנדזשענדע קינדער, איז דאָ אין אונדזער סביבה אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער ווייט. עס איז היסטאָריש. עס איז אַ דערציילונג פון אַ פרעמדער פאַרצייטיקער וועלט, און עס האָט דעריבער אויסגעזען גוט, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויף דער בינע אַוועקגעשטעלט אַ הויז אין אַלטן טראַדיציאָנעלן רוסישן סטיל און וואָס דער אַלטער בעזסאַמענאָוו איז געווען אָנגעטאָן אין זיין נאַציאָנאַלן ראָק און קאַמזויל.

די זעלבע דראַמע וואָלט זיך געקאָנט אָפּשפּילן אין אַ הויז מיט געקאַלכטע אָדער טאַפּעטירטע ווענט. דער אַלטער וואָלט געקאָנט טראָגן אַ געוויינלעכן שוואַרצן ראָק און עס וואָלט געווען



ניט ווייניקער אמת. אָבער דער סאָציאַלער קאָליר איז דאָ געווען אמתדיקער, האָט מער געשטימט מיט דער פּערספּעקטיווע פון דעם שטיק און האָט אָפּגעענטפערט צו דעם געדאַנק פון דער פאַרגאַנגענהייט.

עס איז געווען גוט געשפּילט. כמעט אַלע אָן אויסנאָם גוט. ניט נאָר די איינצלנע טיפּן זיינען אמתדיק, נאָר עס איז אויף דער בינע געשאַפן געוואָרן די לופט, דער אינהאַלט פון דעם פיינלעכן שווערן שטיק לעבן, וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ. אויב דער אָדער יענער האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן געפילט אין דער ראָלע, איז עס געווען דער ערשטער אָוונט. אָבער די טיפּן, וועלכע עס האָבן געגעבן שוואַרץ, ווייזענפריינד, טייטעלבוים, דובינסקי, מאַדאַם וואַליער, גערסטען, פּערקויף, די גערמאַנס און די אַנדערע, זיינען שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג געווען אָנגעצייכנט קלאָר און לעבעדיק, און עס איז געווען מער ווי דאָס — גאַנצקייט פון דעם בילד.

עס איז אַן אַלט שטיק רוסלאַנד אויף דער בינע, אַ היסטאָרישע שטיק, אָבער מיט דעם וואָס מען זעט, וואָס איז דער אונטערשייד אויב עס איז היסטאָריש אָדער מאָדערן, און מיט דעם כאַאָס, וואָס מען האָט אין קאָפּ וועלנדיק באַגרייפן דאָס נייע רוסלאַנד, איז גוט צו פאַרגעסן און קוקן אויף דער טראַגעדיע פון נעכטן ווי אויף אַ נאָך לעבעדיקע זאַך“.

## אַן אינטערעסאַנטע אָפּרוף וועגן דער פּיעסע און דער אויפפירונג געפינען מיר אין אַ בריוו פון דעם יידישן אַרבעטער ז. מ. טאַווריע:

„איך בין אַן אַרבעטער, ערשט דריי חדשים אין לאַנד, פאַרהאַוועט און פאַרהאָרעוועט. ווען איך האָב אָבער געזען אין די צייטונגען, אַז מאַקסים גאָרקיס „מיעשטשאַניע“ וועט אויפגעפירט ווערן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער“, האָב איך ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און האָב אָפּגעריסן פון מיין פאַרנומענער צייט עטלעכע שטונדן צו זען די דאָזיקע פּיעסע. איך קום איצט פון רוסלאַנד ווו גאָרקי ווערט פאַרגעטערט און איך אַליין בין ניט פריי פון דעם געפיל פון פאַרגעטערונג צום גרויסן רוסישן שריפטשטעלער און פאָלקס־מענטש.

„מיעשטשאַניע“ איז אַ פּיעסע אין וועלכער דאָס דאַמאָלדיקע רוסישע לעבן ווערט פאָרגעשטעלט אויף אַ זייער קינסטלערישן אופן. די הויז־פירונג, דאָס פאַמיליע־לעבן פונם רוסישן קליינבירגער ווערט אין דער פּיעסע מייסטערהאַפט פאַרקערפּערט. צום ביישפּיל, דער טיפּ פון וואַסילי בעזעמיאַנאָוו, אַ פאַרמעגלעכער רוסישער בעל־הבית, וועלכער האָט זיך ערוואָרבן אַ הויז און אַ קאַפּיטאַל. נאָך זיין פּסיכאָלאָגיע ווייס ער, אַז דאָס איז אַלסדינג זיין אייגנטום. ער קאָן ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די מענטשן, וועלכע האָבן ביי אים געאַרבעט, האָבן פאַר אים דאָס רייכטום ערוואָרבן. ביי זיך אין הויז איז ער דער בעל־הבית. ער האָט די דעה, ער און נאָר ער האָט דאָס רעכט צו דיקטירן יעדן ווי אַזוי צו פירן זיך. ה׳ מוני ווייזענפריינד האָט פאָרגעשטעלט דעם טיפּ טאַלענטפול, לעבעדיק. דער גדלות, די קאַלטקייט און דערצו די צערטלעכקייט צו דער פרוי, כאָטש ער גיט איר פילן ווער ער איז און וואָס זי איז. בעטי פּערקויף אין דער ראָלע פון אַקולי, זיין פרוי, מיט דער געהאָרכזאַמקייט צו אים, מיט דער צערטלעכקייט צו די קינדער און מיט איר ווילן איינשטילן דעם שלום־בית, האָט, צום באַדויערן, מער געוויזן דעם

טיפּ פון אַ יידישער פרוי און ניט פון קיין רוסישער. טאַטיאַנאַ, די טאָכטער זייערע ... דזשעני וואַליער אין דער ראָל האָט זיך ניט אַלע מאָל אויסגעצייכנט. צום ביישפּיל: אין די ערשטע דריי אַקטן דריקט זי אויס איר צושטאַנד מיט דעם שטאַרקן אויסציען די ווערטער און ריידן זייער שוואַך. פאַרקערט, אַ מענטש, וועלכער איז אָפּגעשוואַכט, מיד, גייסטיק ניט פיזיש, דאַרף זיין ריידן זיין גיך. איין וואָרט זאָל לויפן פאַר דעם אַנדערן. אַזוי שוואַך ריידן האָט געפּאַסט נאָר אין פערטן אַקט, נאָכדעם ווי מען האָט זי געראַטעוועט פון טויט, ווען זי איז ווירקלעך געווען שוואַך פיזיש, אָבער ניט אין די ערשטע דריי אַקטן. פּיאָטר, בעזמיאַנאָווס זון, אַ געזונטער סטודענט, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם אַלטן לעבן און שטרעבט צו אַ מין אידעאַליסטיש לעבן. מישאַ גערמאַן האָט אַדורכגעפירט די ראָל ניט שלעכט. אַ ליבן און אינטערעסאַנטן טיפּ שטעלט פאָר מיט זיך פערטוכין דער פייגל־הענדלער. אָט דער אַלטער מאַן איז יונג אין זיין עלטער. אים געפעלט אַזוי דאָס לעבן, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט וואָס הייסט אומעט. ער זעט אין דער וועלט נאָר שיינע פאַרבן. די מערסטע צייט פאַרברענגט ער מיט דער נאַטור, מיט כאַפּן פייגל. ער פאַרשטייט און ליבט דאָס פרייע לעבן. מר. דובינסקי האָט זייער אינטערעסאַנט אַרויסגעבראַכט דעם טיפּ „טעטיערעוו — דאָס איז דער אמת־טרעגער. ער קריטיקירט און זאָגט דעם אמת. ... כאָטש ניט מיט קיין קלינגנדיקע ווערטער, ניט מיט הויכע פראַזעס, נאָר מיט איינצלנע ווערטער, מיט אַ לייכטן שפּאַס, מיט הומאָר. מאָריס שוואַרץ האָט באַוויזן מערקווירדיק אַרויסצוברענגען דעם טיפּ פון טעטעריעוון. טעטעריעוו, וואָס פאַרע גרויסע ראָלע ער שפּילט אין דער פּיעסע, דאָך האָט ער ווייניק ווערטער, און שוואַרץ מיט זיין רייכער מימיקע, מיט זיינע באַוועגונגען, מיט זיין ריידן אין דער צייט, מיט יעדן טריט און מיט יעדן בליק האָט דערגרייכט די העכסטע קינסטלערישע שטופע. בערטאַ גערסטען אַלס יעלענאַ ניקאָלייעוונאַ האָט צום סוף פון דער פּיעסע גוט געשפּילט, ווייל אין די ערשטע אַקטן האָט זי ניט געהאַט מיט וואָס זיך אויסצודריקן. די גאַנצע פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער קינסטלערישער ערפאָלג און זי האָט מיר, דעם יידישן אַרבעטער, פאַרשאַפט אַ סך גייסטיקן פאַרגניגן".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„מאַקסים גאָרקי איז דער חכם פון דער רוסישער ליטעראַטור. ער איז אפשר דער קליגסטער שריפטשטעלער, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט. ער האָט די לעבנס־ווייזהייט פון אַ רוסישן אַרומשלעפער און פון אַ פרידריך ניטשע. מאַקסים גאָרקי וואָלט אַפילו געווען אַ חכם אויך ביי אונדז, אַ שריפטשטעלער־פאָלק פון „כולנו חכמים". איך האָב ליב צו לעזן דעם קלוגן גאָרקי, און נאָכמער האָב איך ליב צו זען זיין קלוגשאַפט אויפגעפירט אויף דער בינע. „מיעשטשאַניע" איז איינע פון גאָרקיס קלוגע ווערק, זי איז אָנגעפּיקעוועט מיט חכמה, פול מיט לעבנס־ווייזהייטן, עס איז אַן אַלט ווערק גאָרקיס און דאָך איז עס שטענדיק ניי. קלוגשאַפט איז פון די אייביק־נייע אינסטיטוציעס... און דערצו זיינען ביי גאָרקין אויסער קלוגשאַפטן און אידעען, אויך דאָ לעבעדיקע מענטשן. און לעבעדיקע מענטשן זיינען שטענדיק ניי, פריש און אינטערעסאַנט. לעבעדיקע מענטשן ווערן קיינמאָל נישט אַלט (אַלנפאַלס נישט אין ביכער). גאָרקיס „מיעשטשאַניע" איז אַ גרויס ווערק, גרויס ניט נאָר מיט דעם וואָס זי פאַרנעמט אַ היבש ביסל שטונדן צו שפּילן, נאָר גרויס אויך אין גייסט. גאָרקי באַ־





ווייזט אין זיין „מיעשטשאַניע" צוויי זאַכן: ערשטנס, אַ בילד פון רוסלאַנד, ווי זי האָט אויסגעזען פאַר דער רעוואָלוציע: פון איין זייט די קליינבירגער (אָדער ווי מאַרק שווייד וויל האָבן — דער מיטלקלאַס־מענטש), דער ווילהאָבנדיקער, צופרידענער, געזונטער מענטש און פאַמיליען־פאָטער; פון דער צווייטער זייט — זיינע קינדער, די אומצופרידענע, צעקראָכענע, גאָרנישט־טויגנדיקע, קרעכצנדיקע האַלבע מענטשן... פון דער דריטער זייט — שיכורים, מענטשן, וואָס האָבן שוין אַריבערגעקוקט איבער זיך, פילאָזאָפן, וואָס לעבן מיט דער פילאָזאָפיע פון עס און טרינק, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן. מענטשן, וואָס זיי איז גאָרנישט געבליבן אויסער דער טרונק, מענטשן, אין גרונט, גוטע. דאָס זיינען טעטעריעוו, דער זינגער, און פערטשיקין, דער פייגל־הענדלער. דער ערשטער, אַ בוך־פילאָזאָף, דער צווייטער — אַ פייגל־פילאָזאָף. און נאָך זיי קומט נאָך אַ קלאַס, דער יונגער, מען קאָן זאָגן, צוקונפט־דור, וועלכער איז סימבאָליזירט דורך ניל דעם מאַשיניסט און פאָליע, זיין געליבטע, און טיילווייז אויך דורך דער יונגער אלמנה, יעלענע ניקאָלאַיעוונאַ. אָט האָט איר גאַנץ רוסלאַנד, מיט איר בירגערלעכער געזונטקייט, בירגערלעכער צעקראָכנקייט און סטיכיש־צוקונפט־רעוואָלוציאָניזם....

די צווייטע זאַך באַווייזט גאָרקי מיט „מיעשטשאַניע" אַ בילד פון דער גאַנצער וועלט, מיט אירע מיעשטשאַניעס, קליינבירגער און פיליסטער, און מיט דעם אייביקן קאַמף, וואָס דאָס לעבן פירט מיט זיי. און כאָטש אָפט דאַכט זיך, אַז דאָס קליינבירגערטום איז שוין באַזיגט, דאָס יונגע, נייע לעבן האָט אים מנצח געווען און ער איז שוין פאַנאַנדערגעפאַלן, אָבער ווי זאָגט טעטעריעוו צום אַלטן בעזסעמיענאָוו, נאָכדעם ווי זיין זון, פּיאָטר, פאַרלאָזט אים און גייט אַוועק מיט דער אלמנה: „האָב קיין מורא נישט, אַלטער" — זאָגט טעטעריעוו, — „ער וועט קומען, ער וועט צוריקקומען און ער וועט זיין דערזעלבער, ווי דו, דערזעלבער קליינבירגער, ער וועט בלויז אַ ביסל איבערבויען דאָס הויז, איבערשטעלן די מעבל, אָבער אַ מיעשטשאַנין וועט ער בלייבן און זיינע קינדער וועלן קעמפן מיט אים, פונקט ווי דיינע מיט דיר... ווייל אייביק איז זמיעשטשאַנסטוואָ און אייביק איז דער קאַמף מיט אים...

מיט איין וואָרט: „מיעשטשאַניע" איז אַ רוסישע פּיעסע — און דאָך אַן אַלוועלטלעכע, אַ רוסישע — און דאָך אפשר פונקט אַזוי אַ יידישע. בעזסעמיענאָוו איז נישט בלויז אַ גוי, נאָר, אויב איר ווילט, איז ער אויך אַ ייד. ווייל דער פיליסטער און קליינבירגער איז דערזעלבער אומעטום ביי אַלע פעלקער, און דערום קאָנען דאָס אַלע זען, אַפילו די, וואָס זיינען אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געווען. עס איז אַ דראַמע, וואָס ברענגט אַרויף אויף פיינע, טיפע געדאַנקען, אַ דראַמע, וואָס קאָן מאַכן צו דענקען אַפילו אַן איסט־בראָדווייער קליינבירגערלעכן דאָקטאָר... עס איז אַ דראַמע, וואָס וועקט אַפילו דעם כראָפּנדיקסטן טעאַטער־גייער. און דערצו ווערט גאָרקיס דראַמע גוט אויפגעפירט און געשפּילט. גאָרקי איז, אויסער קלוג, אויך גוט, און ער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַלע שוישפּילער פון אוירווינג פּלייס טעאַטער צו ווייזן וואָס זיי קאָנען און אַפילו וואָס זיי קאָנען נישט...

די גרעסטע אַנטדעקונג איז פאַר מיר מאָריס שוואַרץ. איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל אַנטדעקט, צאָללאָז אַנטדעקט, אָבער איצט האָב איך אין אים ווידער אַנטדעקט דאָס נאָך נישט אַנטדעקטע, שוואַרץ אַלס טעטעריעוו איז גרויס און גרויסאַרטיק. צרטערוויז האָט ער זיך אַזש דערהויבן ביז גאָרקיס שאַ־

פונגס־טאַלענט. די עס־סצענע אין צווייטן אַקט איז אים געלונגען. דאָ איז ער געווען פולקומען... בכלל האָט אונדזער עולם ליב צו זען אַן אַקטיאָר, וואָס עסט גוט, וואָס קייט מיט אַפּעטיט. „אַט דער מענטש צעאַרבעט עס אַ ביסל!" — טראַכט זיך דער עולם. אָבער שוואַרץ האָט זיין עסן פאַרבונדן מיט נאָך עפּעס, מיט גרויס־שפּילן, מיט טיף־שפּילן... בכלל האָט ער געשפּילט טעטעריעוון מיט מאָס, ווייל טעטעריעוון קאָן מען אויך איבערשפּילן, ווייל מעטעריעוו איז דאָך אַ שטיקל מעפּיסטאָפעל. און וואָס מאַכט מען נישט ביי אונדז פון די מעפּיסטאָפעלס?...

פיין און גוט איז י. דובינסקי אַלס דער פייגל־הענדלער. זיין גרים, זיין האַלטונג איז אַ דערקוויקונג.

גוט איז אויך מוני ווייזענפריינד אַלס דער פאָטער בעזסעמיע־נאָוו. ער האָט געשפּילט אַ פיינעם גויִישן טאַטן. און אויב אָפּטמאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז נישט קיין גויִישער טאַטע, נאָר אַ יידישער, אַ גאָרדיניסטישער טאַטע, איז אין דעם אויך נישט ווייזענפריינדס שולד. ערשטנס, איז מעגלעך, אַז אַלע טאַטעס זיינען אין זייערע טאַטע־ראָלן איינס און דאָסזעלבע: גוי, צי ייד, און, צווייטנס, זיינען דאָך גאָרדינס יידישע טאַטעס אויך פאַרשטעלטע גויִים, גויִים אָנגעטאָן אין יידישע קאַפּאָטעס... פון די פרויען האָט וואַליער אַלס טאַטיאַנאַ די לערערין, די צעקראָכענע, קרעכצנדיקע טאָכטער פונם קליינבירגער, געשפּילט ווי מען דאַרף שפּילן אַזאַ ראָלע. אַ ביסל דעקלאַמאַטאָריש, אָבער פיין. דערהויפּט איז איר געלונגען איר „גרים". דאָס רוסישע נעזל פון טאַטיאַנאַ איז אויסגעצייכנט. בערטאַ גערסטען אַלס די יונגע, שיינע, פריילעכע אלמנה, איז געווען אי יונג, אי שיק, אי פריילעך. אַזעלכע אלמנות האָט מען בכלל ליב אַפילו ניט נאָר אויף דער בינע. עס איז שוין איינמאָל אַן אלמנה, אַ חיות זי אָנצוקוקן!".

## „מירעלע אפרת"

**די ניט־יידישע שוישפּילערין דזשעני וואַליער פּרוּווט אויך אויפטרעטן אין דער טיפּיש־יידישער ראָל פון „מירעלע אפּרת", און דער לעבעדיקער רופט זיך אַזוי אָפּ וועגן איר שפּילן די ראָל:**

„מאָריס שוואַרץ האָט זיך אונטערגענומען, חוץ אויפצופירן ליטעראַרישע זאַכן און חוץ צו האָבן דערפאָלג, אויך צו באַווייזן צוויי וווּנדערלעכע קונציקע קונצן. קונץ נומער איינס: ווי אַזוי אַ ייד שפּילט אַ גוי — מר. ווייזענפריינד אין „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום־עליכם, און קונץ נומער צוויי: ווי אַזוי אַ גויע שפּילט אַ יידענע: מאַדאַם וואַליער אַלס מירעלע אפרת. דער ערשטער קונץ איז אים געלונגען. דער צווייטער — אויך. אין „שווער צו זיין אַ ייד" האָט ווייזענפריינד באַוויזן ווי נישט גרינג עס איז פאַר אַ יידן צו זיין אַ גוי... און אין „מירעלע אפרת" האָט וואַליער באַוויזן, ווי אַזוי עס איז גרינג צו זיין אַ יידענע. עס איז, אפנים, זייער און זייער לייכט פאַר אַ גויע צו זיין אַ יידענע: מען טוט אָן אַ טשיפּעק, מען קרעכצט אונטער אַ קאַפּיטשקע, און מען איז שוין אַ פאַרטיקע יידענע.

און דאָ קאָנען מיר קומען צו דער שמד־ און גרים־פראַגע, אַן עכט־פּראָבלעמאַטישע פראַגע, גענוג גרויס פאַר אַ סעריע פון צוואַנציק וואָכן פאַר דר. חיים זשיטלאָווסקי. מען קאָן באַווייזן, אַז מיר, מאַנסבילן, קאָנען זיך נישט שמדן. אָבער גרים קאָנען מיר יאָ צונעמען, דערהויפּט פרויען. און אויך, אַז די אַראַבישע פראַגע אין ארץ ישראל קאָנען מיר לעזן גאַנץ לייכט. אויב שוואַרץ האָט געקענט מאַכן פון דער גויע וואַליער — אַ מירעלע אפרת, קאָנען מיר מאַכן פון טויזנטער אַראַבישע טעכטער כאַשקעס, לאהס, באַשקעס און מרימס... יאָ, מיר געפעלט וואַליער אַלס „מירעלע". אמת, זי איז אַנדערש ווי מאַדאַם ליפּצינס מירעלע איז געווען, אָבער זי איז גוט. מאַדאַם ליפּצין האָט געמאַכט פון מירעלען אַ שטאָלצע יידישע קרעמערקע, נישט מער. וואַליער האָט פון איר געמאַכט אַ שטאָלצע מוטער. וואַליער האָט מירעלען כמעט אַרויסגענומען פון איר גראָדנער סביבה, זי פאַרשענערט, פאַרהערלעכט, פאַרמענטשלעכט, געמאַכט פון איר אַ טיפּישע וועלט־פרוי, אַזוי צו זאָגן. און לויט מיין מיינונג האָט זי נישט פיל פאַרלאָרן. און אפשר האָט זי נאָך געוווּנען, אַ סך געוווּנען. זי איז אויסגעוואַקסן וואַליערס מירעלע, און שיין אויסגעוואַקסן. בכלל, ווען מען פרעגט מיך ווי צו שפּילן טעאַטער, וואָלט איך געזאָגט: אַז גויִים טאָרן נישט שפּילן עכט־יידישע זאַכן, קיינע סביבה־זאַכן. סביבה קאָן מען נישט איבערגעבן אַפילו מיטן גרעסטן טאַלענט. אום איבערצוגעבן אַ סביבה, דאַרף מען האָבן די סביבה אין דער נשמה, אָבער פאַר וואַליער אין „מירעלע אפרת" וואָלט איך געמאַכט אַן אויסנאַם. פאַרוואָס? ווייל יעקב גאָרדין אַליין האָט אין „מירעלע" קיין סביבה נישט. יעקב גאָרדין האָט אַליין נישט געקענט דאָס יידישע לעבן. יעקב גאָרדין האָט אַליין געלעבט מיט גוף און נשמה אין אַן אַנדער סביבה — און דערום זיינען זיינע העלדן מער אַלמענטשלעכע... דאָס איז זייער גאָרדיניסטישער חסרון, און דערפאַר אַ מעלה פאַר וואַליער....

און וויבאַלד אַזוי,, איז וואַליער צוגעפּאַסט צו איר „מירעלען" מער ווי מאַדאַם ליפּצין איז געווען. ווייל יעקב גאָרדינס ביכער־פילאָזאָפיע איז געווען צו קלוג אין דעם מויל פון מאַדאַם ליפּצין, די יידישע מירעלע. אָבער דערפאַר קלינגט עס נאַטירלעך אין דעם מויל פון מאַדאַם וואַליער די מענטשלעכע מירעלע....

און ווי איז וואַליערס יידיש? — פיין. פיל בעסער, ווי דער יידיש פון פיל פון אונדזערע יידישע אַקטריסעס. וואַליערס וויינען? — וואַליער וויינט מיט אַ מאָס און שיין. איך לייג זייער פיל געוויכט אויף וויינען. ביי אונדז, אין יידישן טעאַטער, איז דאָס וויינען דאָס שווידערלעכסטע. מען וויינט ביי אונדז נישט אַנדערש ווי היסטעריש, מען רעוועט ביי אונדז אַנשטאָט וויינען. וואַליער וויינט ווי אַ פרוי, ווי אַ מוטער. ווי אַ ציוויליזירטער מענטש... און נאָך אַ זאַך מוז מען צושרייבן צו וואַליערס קרעדיט: אין ערשטן אַקט ווייס דער עולם, אַז דאָס שפּילט אַ גויע „מירעלען", און מען קוקט אויף דעם, ווי אויף אַ קוריאָזיטעט... שפּעטער אַ ביסעלע, דערהויפּט צום סוף פון דריטן אַקט, פאַרגעסט זיך דער עולם, אַז דאָס שפּילט אַ גויע, וואַליער ווערט אַן אייגענע, אַ היימישע, אַן אונדזעריקע... דער כוח פון טעאַטער".

## „טייוולישע ליבע"

**דעם 19 יאַנואַר 1921 ווערט אויפגעפירט „טייוולישע ליבע" פון ב. באָטווויניק, וואָס איז שוין דאָ פריער געשפּילט געוואָרן א'נ „ביילקע מאַראַנעטקע".**

# „די אויגן פון פייער"

**דעם 27 יאנואר 1921 ווערט אויפגעפירט, מיט דזשעני וואליער, די פיעסע „די אויגן פון פייער" פון זשאקינטא בענעווענטא, איבערזעצט פון אלבערט ענגעל.**



זשאקינטא בענעווענטא
מחבר

**י. ענטין שרייבט:**

„דער געשעפטלעכער בעל־הבית פון „אירווינג פלייס טעאטער", דער הער ווילנער, האט אונדז ווידער מזכה געווען מיט א בראדווייער „סוקסעס". דאס מאל איז עס א שפאנישע פיעסע, וואס איז אונטערן נאמען „פעשאן פלאוער" מגולגל געווארן אויף בראדוויי. צו אונדז האט זי זיך אריבערקויבערט אונטערן נאמען „אויגן פון פייער". עס איז א שפאנישע פיעסע ניט מיט דער רעליגיעזיטעט פון א קאלדעראן אדער דער ריטערלעכקייט פון א לאפע דע וועגא, ניט מיטן מאדערנעם נאכדענקן פון עשאנעריי אדער דער פיינער צייכענונג פון א וואלדען אדער קרעפטיקער שילדערונג פון אן איבאניעז. אויף דעם אלעם פאלן די ווילנערס ניט. „די אויגן פון פייער" איז שפאניש מיט איר ברוטאלער ליידנשאפט, בלוט און אינטריגע. דערצו איז נאך די איצטיקע פיעסע א רויע, גראבע מעלאדראמע. ניט האבנדיק אפילו דעם שוואכן פאעטישן הויך און די סענטימענטאליטעט פון א „מאגדא פון טאל" אדער „אויף דער זינדיקער ערד", ווי די פיעסע הייסט, ווי שמואל גאלדענבורג גיט איך איר. א ריינע מעלאדראמע מיט א געדונגענעם מערדער, מיט דער ליבע פון א שטיף־פאטער און זיין שטיף־טאכטער הינטער דער מוטערס פלייצעס, מיט באטויבנדע נערוון, אויפשוידערנדע פון דעם אומשולדיקן עולם אפלאדיסמענטן ארויסרייסנדע קולות.

איבערגעבן די האנדלונג? עס וואלט גארניט גרינג געווען אפילו ווען די מאדאם וואליער, וואס איז די הויפט־ראליסטין, וואלט גערעדט א יידיש וועלכן מ'קאן פארשטיין און אייער ארעמען רעצענזענט וואלט ביי דער פארשטעלונג ווייניקער געשלעפערט. ווער רעדט איצט ווען צו דער פארפלאנטערטקייט פון דער געשיכטע, צו אירע פילע אינטריגעס און „אויפדעקונגען" קומען נאך צו יענע צוויי מניעות. דעריבער וועט דא גענוג זיין צו דערציילן.

אקאשיא, די שענסטע מיידל פון דארף, די טאכטער פון ראימונדא און די שטיף־טאכטער פון איר מאן. עסטראכאן, שטייט אין שדוכים און פירט א ליבע מיט ראימונדאס קרוב נארבערט. פון דער דאזיקער ליבע ווערט אבער גארניט, און אקאשיא פראוועט א תנאים מיטן איידעלן בעל־הבתישן בחור פאוסטינא, נאר אין דער נאכט פון תנאים ארויסגייענדיק פון זיין כלהס הויז, ווערט ער דערשאסן אין דער פינסטער. דער חשד פאלט אויף נארבערטן, אבער אין געריכט באווייזט ער פולשטענדיק זיין אומשולד און די קלאנגען נעמען זיך טראגן ארום עסטראכאנס הויז. איינמאל, שיכורהייט כאפט זיך עסטראכאנס דינער רודיא ארויס מיט א ווארט. דערנאך ווייזט זיך ארויס, אז ער האט דאס טאקע דערשאסן, אויף עסטראכאנס באפעל, וועלכער האט געהאט אינטימע פארהעלטנישן מיט אקאשיאן. ווען די באליידיקטע פרוי און מוטער וויל עסטראכאנען ארויסגעבן, דערשיסט ער זי.

איז צוליב וואס די דאזיקע בלוטיקע נארישע געשיכטע? ניט ווערנדיק געהייליקט דורך פסיכאלאגיע, איז זי סתם בעסטיאליש. ניט ווערנדיק ארויסגעשטעלט מיט לעבעדיקע מענטשן און זיטן, איז זי לאנגווייליק. ניט באהויכט מיט פאעזיע, איז זי פשוט מיאוס. נאכדעם ווי דאס יידישע פובליקום, לכל הפחות די געקליבענע טיילן זיינע, האבן זיך שוין צוגעווינט צו הירשביינען און גארקין, נאכדעם ווי אויף דער בינע פון אירווינג פלייס טעאטער איז געגעבן געווארן מיט ערפאלג אזויפיל פיינע זאכן, סיי אין ליטעראטור סיי אין דראמאטישער הינזיכט, איז לחלוטין קיין שום גרונד ניט ארויפצושלעפן אהין ווידער אמאל ביליקע, ברוטאלע מעלאדראמעס. ווער רעדט נאך מיט אזא ווילד־פרעמדן אינהאלט. אויב שוין יא א מעלאדראמע, טא צו וואס גיין נאך זיי אין בראדוויי און אין שפאניען? קאנען דען [ניט] די ליבינס, די זאלאטארעווסקיס און די געבילס פארן יידישן עולם אזעלכע פאטראוועס צוגרייטן מיט מער טעם?

די פיעסע ווערט אויך ניט געהייליקט דורכן שפילן. איך קאן מיך קוים דערמאנען נאך אזא שלעכטע פארשטעלונג ווי די ווי „די אויגן פון פייער" דעם מיטוואך. די מאדאם וואליער האט געשריגן מיט באנומענע קולות, געמעלאדראמאטעוועט אויף וואס די וועלט שטייט. דערצו האט זי שוואך געקענט איר טעקסט (דאס זעלבע איז אויך געווען כמעט מיט אלעמען) בשעת איר יידיש איז נאך אפטער געווען אומפארשטענדלעך און ניט־נאטירלעך ווי אין די אנדערע פיעסן, און אלס שבח קאן מען איר בלויז זאגן דאס זי האט זיך זייער גוט געהאלטן און האט אין איר יונגער מוטער־ראלע גאנץ שיין אויסגעזען. מאדאם גערסטען אלס אקאשיא האט געשפילט א שיינע פאנטאמימע און ערטערווייז איז זי געווען א ביסל נאטירלעך, אבער וואס געדיכטער עס איז געווארן די האנדלונג, אלץ מער איז זי אריינגעפאלן אין מעלאדראמע, אזוי, אז דעם צווייטן און דריטן אקט פטרט זי שוין צומייסטנס אפ מיט קולות. מישא גערמאן, וועלכער האט די הויפט מענער־ראלע (עסטראכאן), פירט זי דורך מיט ווייניק טעמפעראמענט און פארב, בשעת סאמואילאוו אלס דעם חתנס פאטער וואלט אפשר געמאכט א דזשאב ווען ער זאל האבן א ראלע. טייטעלבוים, דובינסקי, גאלדשטיין לאזן איבער א זייער שוואכן איינדרוק און ניט בעסער גייט די דאמען: סאלטשע שאר, לוסי גערמאן און דער מאדאם ליאנסקי. א וויכטיקע אויסנאמע צום גוטן איז מוני ווייזענפריינד אלס דינער רודיא, וועלכער איז אינטערעסאנט גרימירט, איז הומאריסטיש און מאכט בכלל אן איינדרוק, און די מאדאם זילבערט אלס די דינסט, וועלכע איז הומאריסטיש און שאפט בכלל א טיפ אין די ערשטע צוויי אקטן. לחלוטין ניטא קיין אורזאך פארוואס אזא געשיכטע זאל זיך עלטערן אויף אונדזער בינע, איבערהויפט וואלט גלייכער געווען ווען דער הער ווילנער לאזט אזא מציאה איבער אין רו אין שפאניען און אויף בראדוויי".

**מ. גרים שרייבט:**

„עס זיינען דא געאגראפישע באדינגונגען, וואס פארוואנדלען גוטע ליטעראטישע שטיק אין שלעכטע מעלאדראמאטישע. ווען א פול־בלוטיקע טעמפעראמענטאלע, תאוה און נקמה־דראמע פון זוניקן שפאניען, וואס איז אין דער היים א ליטעראריש מייסטערווערק, וועט אריבערגעבראכט ווערן אין קאלטן, געלאסענעם, בלייכן סקאנדינאוויען, וווּ די מענטשן פארשטייען ניט אזא טעמפא פון לעבן און זיינען פרעמד צו די בלוטיק־שטורעמדיקע מעשים פון זוניקן לאנד, וועט דארטן דאס ליטערארישע שטיק ווערן א שלעכטע מעלאדראמע. ערשטנס, ווייל די אקטיארן וועלן זיין אומנאטירלעך אין זייערע ראלן און דעריבער שרייענדיק, אומ

באַגלויבט, און, צווייטנס, ווייל די גאַנצע מעשה וועט אויסקומען ווילד און איבערטריבן.

„די אויגן פון פייער" אָדער „דאָס תאוה־בלימל", אָדער וועד ווייס ווי נאָך עס האָט געהייסן אײדער עס איז געקומען אויף בראָדוויי און דערנאָך אין אירווינג פּלייס טעאַטער. אָט די שטיק איז ביי זיך אין דער היים, אין שפּאַניען הייסט עס, געווען מסתמא זייער אַ פיינע זאַך. ווען עס זאָל געשפּילט ווערן פון שפּאַנישע אַקטיאָרן און מען זאָל אַפילו קיין וואָרט ניט פאַרשטיין וואָס זיי רײדן, וואָלט עס געוויס אויסגעקוקט נאַטירלעך, און זיי וואָלטן זיכער ניט געלאַרעמט און ניט געשריען אַזוי. אָבער [אַפילו] ווען זיי שרייען יאָ, וואָלט עס געוויס געמאַכט אַ נאַטירלעכן איינדרוק, פּונקט ווי די קאָלירן אויף די פרויען זיינען נאַטירלעך און שיין, אָבער דיזעלביקע קאָלירן וואָלטן געווען משונהדיק אויף אַ בלאָנד־האָריקע אַמעריקאַנערין. חוץ דעם וואָס די אַמעריקאַנערין וואָלט אודאי ניט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פאַרפּוצן אין די קאָלירן, און אַזוי איז די שפּאַנישע שטיק דאָ אויף דער יידישער בינע אַרויסגעקומען מיט איר גאַנצן נאַטירלעכן טראַגיזם אַזוי, אַז עס איז ניט געווען היימלעך.

דזשעני וואַליער שפּילט די ראָלע פון אַ מוטער וועמנס טאָכטער האָט ליב איר, דער מוטערס, צווייטן מאַן, און דער מאַן דערהרגעט דער טאָכטערס חתן אויס אייפערזוכט. בערטאַ גערסטען איז די טאָכטער, וואָס וויקלט אין איר ליבע איין האַס ביזן לעצטן מאָמענט. ווען די ליבע קומט אַרויס אין דעם מאָמענט ווען מ'גייט נעמען דעם מאַן אַלס מערדער, דערשיסט ער נאָך זיין פרוי און ווערט גענומען פון דער פּאָליציי. עס זיינען נאָך דאָ עלעמענטן פון פאַמיליען־ראַכע און ענלעכעס אויפן אמתן דרומדיקן שטייגער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דער מוטער איז עס אַ „שטאַרקע" ראָלע, און ווי שטיל מאַדאַם וואַליער האָט זיך ניט געמיט עס צו מאַכן, איז זי ערטערווייז אַריבער אין געשריי, און זייער ניט־אָנגענעמען געשריי. דערצו האָט איר יידיש אַ ביסל געליטן. בערטאַ גערסטען האָט ווייניקסטנס שוואַרצע האָר און זי שווייגט אַ סך, האָט עס אויסגעזען נאַטירלעכער. מישאַ גערמאַן האָט געשפּילט דעם מאַן, און גאַנץ גוט. פיין זיינען געווען מאַדאַם זילבערט און מוני ווייזענפריינד. עס האָבן אויך געשפּילט סאַמואילאָוו, אברהם טייטעלבוים און דובינסקי. געווען איז דער אָוונט אַ בענעפיס פון אַ סאָסייעטי, גאַנץ געפּאַקט".

**מ. גרים איז קנאַפּ נתפעל פון מאַדאַם וואַליערס שפּילן. ער שרייבט:**

„דאָס אַריינקומען פון פרעמדע עלעמענטן אויף אונדזער בינע, וואָלט נאָך געקאָנט זיין נוצלעך ווען זיי ברענגען מיט זיך יענע קונסט און מעטאָדן פון וועלכע אונדזערע יונגע שוישפּילער זאָלן זיך קאָנען לערנען, אָבער דאָס איז ניט דער פאַל מיט די פרעמדע „סטאַרס" ביי אונדז. זיי האָבן ווייניק וואָס צו ברענגען אויסער זייער גוישקייט.

אָט איז דער ביישפּיל מיט דער פיל־רעקלאַמירטער דזשעני וואַליער, וועלכע איז פאַרבליבן אַלס שטענדיקער סטאַר אין „אירווינג פּלייס טעאַטער". זי איז אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין לענגיעלס „די טענצערין", און עס איז פון דער ערשטער פאַרשטעלונג קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז פאַר איר אַ ראָלע אין וועלכער זי איז שוין אויפגעטראָטן צענדליקער, אויב ניט הונדערטער, מאָל, און זי שפּילט עס דורכויס מיט אַ רייכקייט פון טעכ־



נישע, אויסגעאַרבעטע מיטלען, וועלכע זיינען איינגעִבט ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט. עס איז געווען שיין, און די רעצענזענטן פון אונדזער פרעסע זיינען אַריינגעפאַלן אין קעלבערנע התפעלות און גענומען טומלען, אַז מיר האָבן שיר ניט צוגעקראָגן אַ נייע שרה בערנאַרד, אָבער האָט די זעלבע שוישפּילערין געדאַרפט אויפטרעטן אין אַ צווייטער און דריטער ראָלע אין וועלכע זי האָט ניט געהאַט אַזויפיל איינגעחזרטע מעטאָדן, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דורכשניטלעך גוטער פּראָווינציעלער אַקטריסע פון אַ גוישער בינע, וואָס פאַרמאָגט די טעכנישע מיטלען אין וועלכע עס זיינען ערצויגן געוואָרן אַלע גוישע אַקטיאָרן און אויף קיין פאַל ניט מער טאַלענט ווי דער דורכשניט פון אונדזערע אַקטריסעס. וואָס קאָן מען זיך ביי אונדז פון אַזעלכע אָפּלערנען? גאָרניט! וואָלט זיך דער „סטאַר" ווייניקסטנס אויסגעלערנט צו רײדן יידיש אַזוי, אַז עס זאָל ניט רייסן אין אויער דער אַקצענט, קאָן זי אָנגיין ווי אַלע אַנדערע פון דעם מין. צאָלט איר דער מענעדזשער אַ פּרייז צו וועלכן אונדזער בינע איז ניט געוווינט פאַר אַ דורכשניט אַקטיאָר, איז דאָס זיין אייגענע זאַך, אָבער קיין יידיש וועלן זיי זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען. זייער אויסשפּראַך וועט שטענדיק רייסן אין אויער און דער „צויבער" פון אָט דעם פרעמדן אַקצענט וועט אַוועקפאַלן אַזוי גיך ווי מ'וועט צוגעוווינט ווערן צו דעם. וואָס וועט דעמאָלט בלייבן פון דער גדלות? איז נייטיק אויס קאָלעגיאַלע געפילן צו געבן אַ מעגלעכקייט אַ פרעמדן שוישפּילער צו האָבן אייניקע אויפטריטן אויף אונדזער בינע. זייער פיין! אָבער מאַכן דערפון אַ באַלאַסט, וואָס זאָל בלייבן הענגען אויף דער בינע און זי אַוועקשלעפּן פון דעם וועג אויף וועלכן זי דאַרף זיין, דאָס איז אַן אַבסורד"!

## „אַן אָרעמאַנס ליבע"



סעמיאָן יושקעוויטש
מחבר

**דעם 17 פעברואַר 1921 ווערט א'ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „אַן אָרעמאַנס ליבע" [באַקאַנט א'נ „סאָ:קין"] פון סעמיאָן יושקעוויטש, איבערזעצט פון אברהם טייטעלבוים.**

**אב. קאַהאַן שרייבט:**

„דיזן דאָנערשטיק אָוונט האָט מען אין שוואַרצס טעאַטער אויפגעפירט „סאָנקין", אַ קאָמעדיע אין פיר אַקטן פון דעם באַרימטן רוסיש־יידישן שריפטשטעלער סעמיאָן יושקעוויטש, וועלכער איז דיזע וואָך אָנגעקומען אין אַמעריקע. ווי די לעזער ווייסן שוין פון די אַנאָנסן, איז די ערשטע פאָרשטעלונג געווען באַגלייט מיט באַגריסונגס־רעדעס צו דעם גאַסט. שוואַרצס טעאַטער איז געווען איבערפולט אין יעדן טייל פון דער געביידע. צווישן די אָנוועזנדע האָבן זיך געפונען פילע פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ פון ניו־יאָרק, פון דער יידישער פרעסע און פון פאַרשיידענע פאָרטשריטלעכע באַוועגונגען. דער קבלת־פנים האָט שטאַטגעפונדן צום שלוס פון דער פאָרשטעלונג. ...די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ שטורמישן ערפאָלג. מיר האָבן דאָ געזאָגט, אַז דער קבלת־פנים איז פאָרגעקומען צום סוף. די באַגייסטערונג פון דעם פובליקום ביי דעם שלוס פון דעם צווייטן אַקט

האט אבער ארויסגעזעצט אין אזא שטורם פון אפלאדיסמענטן, הורא־געשרייען און אויסרופן צו דעם פארפאסער, אז הער יושקעוויטש איז געצווּנגען געווען ארויפצוטרעטן אויף דער בינע צוזאמען מיט די שוישפילער. דא האט זיך ערשט די אנטציקונג פון דעם עולם צעפלאקערט און צעקאכט. עס איז געווען א ווארער ווולקאן־אויסבראך פון לויב און באגייסטערונג. ניטווילנדיק, אלזא, האט דער גאסט פארכאפט דעם וועג פון דער קאמיטע, וועלכע האט צוגעגרייט, אז די „וועלקאם"־צערעמאניע זאל אפגעלייגט ווערן ביז דעם סוף פון דער פארשטעלונג. דער פלאן איז געמאכט געווען אויף דער פאדערונג פון דעם פארפאסער אליין כדי ניט צו אונטערברעכן דעם גאנג פון דער פיעסע, אבער אפלאדיסמענטן מיט די הורא־געשרייען האבן געהאט מער דעה. גרויס איז געווען דער ערפאלג פון דער פיעסע און גרויס איז אויך געווען דער ערפאלג פון די שוישפילער.

„סאנקין" איז געבוירן געווארן אין דעם פארפאסערס גדאנק אין א שפאס־פארמע. דער אינהאלט אבער איז פון וויכטיקערן שטאף ווי דער בעסטער שפאס. ווען ביליקע שרייבער פארנעמען זיך מיט א הויך־ערנסטער טעמע, שאפן זיי אזא שרייענדיקע אומעגלעכקייט, אז עס קומט ארויס ניט מערער ווי א דריי פאר א גראשנדיקער שפאס. דער בארג האט געבוירן א מויז. מיט א טאלענטפולן שריפטשטעלער קומט ארויס פונקט פארקערט: פון א קליינינקן בערגעלע ווערט ביי אים געבוירן א לייב. דאס איז אויסגעקומען אין דיזן פאל. אויף א הינטערגרונט פון לייכטן צייט־פארטרייב איז געשאפן געווארן א ים מיט טיפע לעבנס־ווארהייטן. א פרויענצימער נעמט אלס קאנווע א שיטער־געוועבטע שטיקל לייוונט און אויף דעם נייט זי אויס מיט די טייערסטע זיידן בלומען און פייגל און ביימער. יושקעוויטש האט אין זיין „סאנקין" אויף א קאנווע פון שטיפעריי אויסגעוועבט טייערע קונסט־שטריכן, לעבנס־שטריכן, פול מיט די אפשפיגלונגען פון טיפע ווינקלען פון דער מענטשלעכער נשמה. די שטיפערייען רופן ארויס די הארציקסטע געלעכטער, און די ערנסטקייטן זיינען פון דעם סארט, וועלכע ברענגט ארויס געלעכטער באגלייט מיט סעריעזע גדאנקען און געפילן, אפט מיט פריילעכקייט, דורכגעוועבט מיט רחמנות אדער מיט א פילאזאפישן טרויער. אין אונדזער לעבן איז קאמעדיע און טראגעדיע אזוי צוזאמענגעפלאכטן, אז אין די דעליקאטסטע מאמענטן פון אונדזער עקזיסטענץ איז אומעגלעך פאנאנדערצוטיילן איינס פון דאס אנדערע. אט אזעלכע מאמענטן געמישט מיט פשוטע לוסטיקייט האט איר אין דער פיעסע איינע נאך די אנדערע. דאס טעאטער דונערט מיט געלעכטער. גלייך נאכדעם באקומט איר א גאלדענעם נשמה־שטריך, וועלכער רופט ווידער ארויס א קראך פון פריילעכקייט, אבער שוין גאר פון אן אנדער מין, דאן ווידער א שטריך און ווידער א שפאס, און ווידער א שטיק נשמה, און ווידער א מאמענט פון אומדערווארטע שיינקייט. און אזוי גייט עס אזוי ווייטער און ווייטער, ווידער און ווידער, ביז דער פארהאנג פאלט. און נאך דעם אנטראקט, ווען דער פארהאנג הייבט זיך ווידער אויף, פאנגט זיך אן אויף דאס ניי דער זעלבער גאנג פון בינע־עפעקטן, הארציקע עפעקטן, שטריכן און בילדער פון אונדזער יידישלעכן לעבן אין וועלכע טרערן זיינען געמישט מיט שטיפעריי און פריילעכע שמייכלען מיט א ווייטיק פון מענטשלעכער סימפאטיע.

איבערצוגעבן דעם אינהאלט פון אזא פיעסע וואלט זיך פאדערן קאלומס. די עטלעכע ווערטער זיינען אנצוטייטן דעם סארט





שטאף, וועלכער דינט דעם פארפאסער אלס פונדאמענט פאר זיינע שפאס־בילדער, ערנסטע בילדער און שפאס־ערנסטע אדער ערנסט־שפאסיקע בילדער. דער פערטער אקט איז, לויט מיין מיינונג, דער שוואכסטער, דאס הייסט ניט, אז ער איז אינהאלטסלאז. ניין, אין אים זיינען אויך דא גאלדענע שטריכן, אבער זיין הויפט־גדאנק וואלט פאדערן א סך, א סך מערער פלאץ ווי איין אקט אום ער זאל האבן אן ערפאלגרייכן סך־הכל. די פרעטענזיע אין דיזן אקט איז א צו הויכע, און דער רעזולטאט איז, אז די צו גרויסע ערנסטקייט אין וועלכע ער צילט, ווערט ניט דערגרייכט. עס איז אזוי ווי א שפאס־שאס מיט נאסע פולווער. מען האט אין זינען א דונערדיקן קלאפ און באקומען באקומט זיך א פייכטער, הילפלאזער פיפס. עס איז ניט קיין ערנסט און ניט קיין שפאס. מיטן פערטן אקט וויל דער שרייבער ווייזן ווי דיזן קליינעם מעגטשעלע סאנקין ווערט ביליק די גאנצע געשיכטע פון זיין פלוצלינגען אייגנס, מיט די אלע פאלשע לאגעס, וועלכע דאס שאפט ארום אים. דער פארפאסער וויל ארויסברענגען, אז אין סאנקינען אנטוויקלט זיך א גרויסער, הויכער גייסט פון ליבע צו דער מענטשהייט, צו אלע ארעמע, נידערגעשלאגענע, און אין אים צעפלאקערט זיך א געטלעכע באגייסטערונג. אין רעכטן מיטן ציילן די געלט הייבט ער אן צו שליידערן פון טיש די פעקלעך פאפירענע רובלס, הונדערט־רובלדיקע, טויזנט־רובלדיקע. מיט א מין ווילדן כעס, געמישט מיט מענטשן־ליבע, צעווארפט ער דאס אלץ, און פול מיט זיין הימלישער באגייסטערונג שטעלט ער זיך אנידער און שרייט, אז אלע קליינע ארעמע מענטשעלעך זאלן קומען צו אים, און ער וועט זיי אלעמען געבן געלט, אלעמען העלפן, שטיצן. ער שלאגט זיך אין הארצן שרייענדיק: „איך, דער קליינער סאנקין, וועל אלעמען גליקלעך מאכן". ער ווייס ניט פון קיין שטאלץ, ער ווייס ניט פון קיין גדלות. ער דארף ניט זיין רייכטום. ער וויל אלע קליינע מענטשעלעך דעם לעבן פארלייכטערן.

ביי אזא סצענע האנדלט זיך שוין ניט אום לעבנס־שטריכן, וועלכע זיינען אויסגעוועבט אויף א קאנווע פון שפאס. דער מאמענט איז א צו ערנסטער, א צו הויכער. די לופט אויף דער בינע איז עלעקטריזירט מיט א געפיל צו וועלכע וואדעוויל האט קיין ברעקעלע שיכות ניט. עס איז ענטוועדער אדער: ענטוועדער דער גדאנק ווערט פארקערפערט אין די פלייש און בלוט פון מעגלעכקייט אדער עס קומט ארויס מעלאדראמע. ליידער קומט ארויס דאס לעצטע. ליבע צו נידערגעשלאגענע, קליינע מענטשעלעך, דאס איז די נשמה פון דער גאנצער רוסישער ליטעראטור. דאס מוז אדער פארקערפערט ווערן אין בילדער פון פלייש און בלוט. דאס מוז איבערגעבן די איינבילדונגס־קראפט פון דעם לעזער אדער צוזעער. אויב ניט איז דאס ניט מער ווי פראפאגאנדע. די גאנצע סצענע מיט דעם ציילן די געלט איז ניט געלונגען אויסגעארבעט. פון פריער איז ניט צוגעפארטיקט קיין פונדאמענט אויף וועלכן דאס קאן האבן קינסטלערישע ממשות. עס איז ניט צוגעגרייט דער באדן אויף וועלכן אזא סצענע זאל האבן דעם טעם פון ווירקלעכקייט, אבער אין דיזן אקט איז אויך דא גענוג פון די בעסטע ווייך פון שפאס און ערנסטקייט.

עס איז אן אויסערגעוויינלעך ערפאלגרייכע פיעסע מיט אלע אירע פעלערן. ניט אומזיסט ווערט זי איצט געשפילט איבער גאנץ סאוויעט־רוסלאנד ווו פיעסן ווערן סארטירט און געקליבן מיט אזעלכע שטרענגע פאדערונגען, מיט אן איידעלן געשמאק.

ניט בלויז יושקעוויטשעס גרויסער נאָמען ערקלערט דעם ערפאָלג פון דיזער פיעסע. איר אינערלכע טייערקייט אַלס אַ שטיק, וועלכע איז אַזוי פול מיט אמתער פריילעכקייט און מיט אמת קינסטלערישע ווערט, דאָס איז די אורזאַכע וואָס מען שפילט איר איצטער איבער גאַנץ רוסלאַנד. מען גיט דעם צוזעער אַן אָוונט פון אומאויפהערלעכע פריילעכקייט דורכגעפלאָכטן מיט אַרבעט פאַרן געדאַנק און פאַרן האַרץ. מען לאַכט אָן אַ שיעור און די גאַנצע צייט דענקט מען און מען פילט.

אין מיין קורצע אָפשאַצונג פון יושקעוויטשעס טאַלענט מיט אַ וואָך צוריק, האָב איך אָנגעוויזן אויף די זאַמלונגס־קראַפט פון יושקעוויטשעס שרייבן. איך געברויך דיזן וואָרט אום אַמקרעפטיקסטן אויסצודריקן דאָס וואָס איז, נאָך מיין מיינונג, דער עיקר פון זיין קינסטלערישע מאַכט. זיין געדאַנק איז, ווי פון אַ קוואַל פון וועלכן עס גיסט אַ קליינער גוס, אָבער אַזעלכער, וואָס ווירקט ביסלעכוויז, אָן אויפהער. עס איז אַזוי ווי וועגן דעם טראָפן וועגן וועלכן מען זאָגט, אַז ער עסט ביסלעכוויז דורך דעם שטאַרקסטן פעלז. אַז איר לעזט יושקעוויטשן, קלייבט זיך אויף אייער מוח אַ משא־איינדרוק, עפעס אַזוי ווי דער פאַרפאַסער וואָלט זיך אויף אייער מאַרך איינגעגעסן, אים ניט אָפגעלאָזן, געסטשיפעט און געסטשיפעט, געהאַמערט און געהאַמערט אָן אָן אויפהער, אַ מין קינסטלערישער „קלעק“, וועלכער אַרבעט און לאָזט אייך ניט אָפ ביז ער זאַמלט אויף אייער איינבילדונגס־קראַפט אָן אַ גרויסן באַרג.

אין דיזער פיעסע זעט איר דאָס אויך. איר זעט ווי דער מוח פון דעם פאַרפאַסער אַרבעט ווי אַ „קלעק“. יעדער סעקונדע ווערט עפעס געשאַפן — אַ בילדעלע, אַ שטריכעלע, אַ גרעסער בילד, אַ גרעסערער שטריך, אַ קינסטלערישער געדאַנק, נאָך אַ קינסטלערישער געדאַנק, ווידער אַ געדאַנק, ווידער און ווידער אַ שטריך, גראָטענע וויצן און אָריגינעלע שפאַסיקע סיטואַציאָנען פון וועלכע עס שטורעמט פראָסט דער טעאַטער פון געלעכטער אָן שיעור. יעדע מינוט, וואָס איר זיצט אין טעאַטער, האָט די פיעסע אין זיך אינהאַלט. זי האָט אין זיך מערער שטאָף ווי טויזנט געוויינלעכע פיעסן צוזאַמענגענומען. אַפילו די שטעלן, וואָס פאַרדינען ניט קיין לויב, ניט אַלס ערנסט און ניט אַלס שפאַס, אַפילו זיי זיינען פול מיט אינהאַלט. עס איז אַ גרויסער רייכער בונד פון ווינטרויבן, אָנגעגאָסן מיט וויין.

געשפילט איז די פיעסע אויסגעצייכנט. מען קאָן זען, אַז די אַקטיאָרן האָבן פיל געאַרבעט ביי די רעפעטיציעס און געאַרבעט מיט אינטערעס און מיט פאַרשטאַנד. זיי האָבן זיך געריכט אויף אַן אומגעוויינלעכן אָוונט, און עס איז דייטלעך, אַז זיי האָבן זיך געגרייט צו אים מיט אַ געפיל פון די ערנסטקייט פון זייערע פליכטן. יושקעוויטש אַליין האָט אַ טעטיקן אָנטייל גענומען אין אַלע פראָבן. סאָנקין איז געווען מאָריס שוואַרץ. אין אַלע וויכטיקע מאָמענטן, אין אַלע דעליקאַטע מאָמענטן, און מיט ווייניק אויסנאַמען, איז ער געווען גלענצנד. מען האָט אים באַגריסט מיט דונערן און דונערן פון אַפלאָדיסמענטן, און ער האָט זיי פאַרדינט. די ראָלע איז ניט קיין איינפאַכע. זי איז אַ פיל־פאַכע. זי האָט אין זיך פאַרשיידענע שטריכן, שאַרפע און צערטלעכע: ליכט, שאָטנס, האַלב שאָטנס און פערטל שאָטנס. דאָס אַלעס האָט שוואַרץ דורכגעשטודירט און מיט גרויס ערפאָלג דורכגעפירט. בלויז אין אייניקע פלעצער ווו ער האָט זיך קלאָר ניט פאַרגעשטעלט די באַטייטונג פון דעם מאָמענט, האָט ער זיך אַראָפגע־



גליטשט פון דעם ריכטיקן וועג און איז אַריינגעפאַלן אין די שרייענישן און „העויהענישן“ פון מעלאָדראַמע. דאָ און דאָרטן האָט אויך פאַסירט, אַז סטאַרנדיק זיך פאָרצושטעלן ווי סאָנקין רעדט פאַרטראַכט, לאַנגזאַם, האָט ער ניט עררייכט דעם געווונטשן צוועק, און עס איז אַרויסגעקומען אַ דעקלאַמאַציע אָן אַן אינהאַלט, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער עררייכט איינעם פון די העכסטע קינסטלערישע ערפאָלגן אין זיין קאַריערע.

די ווערטער „זייער גוט“ מוז מען געברויכן וועגן אַ היבשן טייל פון דעם שפילן פון מאַדאַם גערסטען אַלס סאָנקינס פרוי. דיזע פלוצלונג רייך־געוואָרענע ווייבל האָט נאַטירלעך גענוג קאָמישע מאָמענטן. זי האָט אָבער אויך אַזעלכע מאָמענטן, וואָס רירן אייער האַרץ. צום ביישפיל, ווען זי שרעקט זיך אַליין פאַר אירע צוויי הונדערט טויזנט רובל. עס גלייבט זיך איר ניט. זי ציטערט טאָמער איז דאָס עפעס אַ חלום אָדער זי האָט סתם מורא פאַר דער נייער ראָלע, וואָס איז פון העלער הויט אַראָפגעפאַלן אויף אירע פלייצעס ווי אַ באַרג פון הימל. אין אַזעלכע מאָמענטן איז זי געווען אמת גוט, רירנד גוט, אָבער אין פילע אַנדערע אויך. אָפט איז ביי איר דער קאָמיזם אַריבערגעגאַנגען אין וואָדעוויל, אָבער אין סך הכל איז מיס גערסטען געווען צופרידנשטעלנד און אָפט זייער צופרידנשטעלנד. די ראָלע פון סאָנקינס מוטער האָט געשפילט מאַדאַם פערקויף. דאָס איז אַ פיל קלענערע ראָלע. מאַדאַם פערקויף איז געווען דורכויס נאַטירלעך. בעסער שפילן ווי זי האָט געשפילט דיזע ראָלע איז אין אונדזער היגער טעאַטער־וועלט שווער זיך פאָרצושטעלן. טייטעלבוים (וועלכער איז אויך דער יידישער איבערזעצער פון דער פיעסע) האָט געשפילט די ראָלע פון סאָנקינס אַ „באָרדער“. דיזער יונגערמאַן טשעפעט זיך צו סאָנקינען, אַז ער וויל אַ חלק אין דעם גרויסן געווינס. ער טוט עס נאָך איידער סאָנקין האָט די צוויי הונדערט טויזנט געוווּנען. אין נדן גיט ער אים אָן, אַז דורך זיין מזל וועט סאָנקין געווינען. פון דעם קומט אַרויס אַ סך שפאַס, אָבער ניט פון דעם העכערן סאָרט. הער טייטעלבוים, וועלכער האָט טאַלענט, האָט דאָס דיזן מאָל אַרויסגעוויזן ווייניקער ווי געוויינלעך. ער האָט גערעדט און באַוועגט זיך ווי אַ וואַקסענע פיגור. אַ שוישפילער מוז מיטווירקן אין דער אַרבעט פון דעם פאַרפאַסער. מיט זיין איינבילדונגס־קראַפט דאַרף ער צוגעבן לעבן. דיזן מאָל האָט דאָס טייטעלבוים ניט געטאָן. די ראָלע איז גראָד ניט קיין געראָטענע, אָבער פון אַ בעסער שפילן וואָלט זי געוואָרן בעסער. סאָלטשע שאָר האָט געמאַכט צו פיל לאַרם, דאָך האָט זי די געפאָדערטע בילד געשאַפן, מיט צו העלע פאַרבן, אָבער דאָך אויפגעמאָלט. סאַמואילאָוו האָט געשפילט דעם רייכן פעטער און פישקינד (אין אַ פיל קלענערע ראָלע) אַן אָרעמען פעטער. ביידע זיינען געווען אָלרייט. דזשייקאָב גאָלדשטיין האָט ניט שלעכט דורכגעפירט די ראָלע פון סאָנקינס אַ פריינטלעכן מיט־באַאַמטן וועלכער באַקומט ביי אים נאָכדעם אַ שטעלע“.

**חיימקע [ה. גוטמאַן] שרייבט אויף זיין סאַטיריש־הומאָריסטישן אופן:**

„יושקעוויטשעס „אָרעמאַנס חלום“ איז אַ גוט־באַקאַנטע געשיכטע מיטן „וויגרישנעם בילעט“ [לאָטערעע־צעטל], מיטן גרויסן געווינס, מיט דעם איבערגאַנג פון אָרעמקייט צו רייכקייט. ס׳איז אַ מעשה מיט אַ בוכהאַלטער סאָנקין, וועלכער חלומט וועגן גרויסן געווינס פון צוויי הונדערט טויזנט רובל, און וועלכן זיין

ווייב העלפּט שטאַרק אין דער מלאכה פון חלומען (ווייל אַזוי חלומען ווי מען חלומט ביי יושקעוויטשן איז ניט קיין קונסט אויך ניט קיין פאַרגניגן, נאָר אַ מלאכה, אַ שווערע אַרבעט. מען מוטשעט זיך און מען חלומט אָפּ אויף אַ גאַנצן אַקט אין דער צייט ווען על פּי שכל און על פּי יושר איז געווען גענוג חלום־שטאָף בלויז אויף 5 מינוט) און דער באָרדער העלפט אויך חלומען, און די מוטער אויך... מען רעדט דאָרט פון פאָרן אין שפּאַנ'ע... אַ וויץ אַזאַ... וועלכער טויג ניט, ווייל ער איז ניט ריכטיק. אַ יידיש יונג ווייבל, אַן אָדעסיקע, וועט זיכער חלומען וועגן איטאַליען. ווי קומט צו איר שפּאַניע? דאָס איז אַ וויץ אַריינגעשטעלט כדי צו מאַכן די גויִים לאַכן. דאָס איז אַ קאַריקאַטור אויף אונדזער רעכנונג.

אין דעם זעלבן אַקט קומט אויך פאָר אַ דינגעניש צווישן סאָנקינען און זיין באָרדער דעם פּריקאַשטשיק. יענער וויל אים מיט זיין „מזל" העלפן געווינען דעם גרויסן געווינס, נאָר ער וויל דערפאַר 10 טויזנט רובל, און סאָנקין האָט ניט קיין חשק צו געבן. דינגט ער זיך און דרייט זיך ביז ענדלעך שטימט ער איין אויף 10 טויזנט. דאָס איז אויך קנאַפּער רעאַליזם. דאָס איז אַ וויץ וועלכער קלעקט אויף אַ שורה אין פעטיט, אָבער ניט אויף אַ האַלבן אַקט. אַ בוכהאַלטער, אַ מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט ציפערן, און אַ פּריקאַשטשיק אין אַ גרויסער שטאָט זאָלן אַ האַלבע שטונדע אויפן זייגער זיך ערנסט דינגען און שפּאַרן פאַר אַ זאַך, וואָס איז אויף דער וועלט ניטאָ, און דערביי זאָלן זיי ביידע זיין אַזוי פּרימיטיוו און אַזוי נאַריש צו גלייבן, אַז דאָס דינגען זיי זיך אַזוי פאַר אַ פּאַקט, איז קאַריקאַטור, איז וואָדעוויל. פאַר דעם צווייטן אַקט נייגן זיך אַלע קריטיקער. ער איז גוט, ווייל דאָ האָט יושקעוויטש זיך דערהויבן ביז גרויס. די סצענע ווען סאָנקין און זיין פרוי נעמען אויף די ידיעה פון זייער געווינס איז פיין, לעבעדיק און פּסיכאָלאָגיש־דין און קינסטלעריש־גרויסאַרטיק. דאָרט האָט זיך יושקעוויטש אַ פּנים פאַרגעסן פאַר וועמען ער שרייבט... דער דריטער אַקט אָבער דערמאָנט ער זיך ווידער און עס ווערט ווידער קאַריקאַטור. עס איז ביליקע קאָמעדיע. דער פערטער אַקט איז דראַמאַטיש שטאַרק, אָבער... עס איז אַ פייער־ווערק, וועלכער שיסט אויס און וויל מאַכן דעם רעש פון אַ האַרמאַט, אָבער עס פעלט אים כוח, דער כוח פון אמת... ניט דער העלד סאָנקין, ניט די צזשויער זיינען געווען צוגעגרייט צו אַזאַ משוגעת־סצענע. עס איז ניטאָ קיין גענוגנדע אורזאַכע פאַרוואָס סאָנקין האָט געדאַרפט אַרונטער פון זינען, ניט דער מענטש סאָנקין איז אַ גרויסער דענקער, אַן איבערטראַכטער, ניט קיין גרויסער פּאָעט, ניט בכלל אַן אידעאַלער מענטש, און ניט ער האָט אַ שלעכטע ווייב און ניט ער האָט גלאַט צרות. טאָ פאַרוואָס זאָל ער משוגע ווערן?

דאָס איז די גאַנצע טראַגי־קאָמעדיע, אָבער דאָך, דוכט זיך מיר, אַז זי מוז זיין אַן ערפאָלג, ווייל די זאַך האָט וואָס צו טאָן מיט עטלעכע זאַכן, וואָס אונדזער פּובליקום ליבט: אַ מעשה מיט געלט, מיט אַסיגנאַציעס און עסן. דער ערשטער אַקט הייבט זיך אָן מיט עסן און דאָס מוז שוין אויסנעמען. די גאַנצע דראַמע האַנדלט זיך וועגן דעם ווי מען טרוימט וועגן רייך ווערן, און וועלכער טעאַטער־גייער וויל עס ניט רייך ווערן? דריטנס, האָט די דראַמע צום לעצט אַ שטיקל טענדענץ, אַ מוסרל, אַ פּראָפּאַגאַנדעלע. דער משוגע־געוואָרענער העלד סאָנקין רופט: „קומט אַלע און נעמט געלט!", און דאָס איז שוין אַליין אַ גענוגנדע אור־

זאַכע מען זאָל קומען אין טעאַטער. און בכלל, ווען מען זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסן, אַז בינע און לעבן זיינען ווי הייראַט און ליבע, צוויי באַזונדערע זאַכן. לעבן איז אַ זאַך פאַר זיך און בינע־לעבן — אַ זאַך פאַר זיך, דאַן איז יושקעוויטשעס טראַגי־קאָמעדיע אַ געלונגענע.

ווי געשפּילט? — ווי געשריבן!, און אפשר נאָך בעסער. שוואַרץ אַלס סאָנקין דאַרף גיין בעטן מחילה ביי שוואַרצן אַלס טעטערעוו: „ברודער טעטערעוו, פאַרגיב מיר וואָס איך פיר איבער דיין גרויסן נאָמען". אַלס טעטערעוו איז שוואַרץ אַ העלד אויסגעגאָסן אין איין שטיק, אַ גאַנצער מענטש און אַ טאַלענטפולער מענטש דערצו, אָבער אַלס סאָנקין איז שוואַרץ ניט איין שוואַרץ, נאָר דריי אָדער פיר. אין ערשטן אַקט — אַ שוואַרץ, וועלכן היימאַן מייזעלט. אין צווייטן אַקט — אַ שוואַרץ־קינסטלער, אַ שילדקרויט. אין דריטן אַקט — אַ יוניאָן אַקטיאָר, אין פערטן אַקט — אַ מאַדאַם לאָבעל אין הויזן. און דאָס איז ניט שוואַרצס שולד, ניט יושקעוויטשעס. שוואַרץ איז ניט מחויב צו וויסן ווער סאָנקין איז ווען יושקעוויטש ווייס דאָס ניט. און סאָנקין איז מיט יושקעוויטשן פון איין שטאָט: אָדעס. און דאָסזעלבע מאַדאַם גערסטען. אין ערשטן אַקט — אַ דראַמאַטיק קלוב ליבהאָבערין. אין צווייטן אַקט — אַ פיינע געיבטע אַקטריסע, אין דריטן אַקט — אַ מאַדאַם שניצער נומער צוויי, אין פערטן אַקט קאָן זי קריגן אַ דזשאָב [שטעל] אַלס „רעסיווינג טעלער" [קאַסירער] אין אַ באַנק, ווייל זי ציילט געלט אויסגעצייכנט. טייטעלבוים אַלס דער באָרדער פּוזים האָט אַ ראָל אין וועלכער מען קאָן נעמען „וואַקיישאָן" (הלואי קריג איך אַזאַ ראָלע). עס איז אַ גוטע ראָלע, אַ שטילע, געזונט, מען דאַרף גאָרניט טאָן, מען דאַרף בלויז זיצן און אָפּרוען זיך, קוקן ווי שוואַרץ אַרבעט און קרעכצן צוביסלעך. אַ טייערע ראָלע!".

### אוריאל מזיק שרייבט:

„דאָנערשטיק אָונט, דעם 17טן פעברואַר, איז אין אירווינג פּלייס טעאַטער געווען אַ יום־טוב. מען האָט דאָרט מקבל פּנים געווען דעם גוט־באַקאַנטן רוסיש־יידישן שרייבער ס. יושקעוויטש מיט דעם, וואָס מען האָט אויפגעפירט זיינס אַ טראַגי־קאָמעדיע „דעם אָרעמאַנס חלום" אָדער „סאָנקין". דער אויפנעם איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער. דער עולם האָט וואַרעם אַפּלאָדירט די פּיעסע און גאָר שטורמיש באַגעגנט דעם שרייבער. דאָס איז נאַטירלעך. אונדזער יידיש־אַמעריקאַנישער עולם האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען פון דעם זעלבן שרייבער „הונגער" און „קעניג". פילע האָבן געלייענט זיינע ווערק און האָבן אים ליב באַקומען פאַר דער וואַרעמקייט, פאַר דער גרויסער סימפּאַטי צו די אָרעמע מיט וועלכע זיינע ווערק זיינען פול. ה׳ יושקעוויטש האָט געווידמעט זיין באַטייטנדן טאַלענט דעם יידישן פאָלק, און דערהויפּט די אָרעמע יידישע מאַסן, און די יידישע מאַסן זיינען אים דאַנקבאַר. די זאַך איז אָבער, וואָס דאָס אַלץ האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט דער פראַגע צי איז „אַן אָרעמאַנס חלום" אַ וויכטיק דראַמאַטיש ווערק, צי האָט דער שרייבער געלעזט די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט פאָרגעבראַכט פאַר אונדז, ד. ה. צי האָט ער אונדז דערציילט אַ געשיכטע אין דראַמאַטישער פאָרם אַזוי, אַז מען זאָל עס קאָנען אָנרופן אַ קונסט־ווערק.

אויפן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אַז „אַן אָרעמאַנס חלום" איז דערפאַר ניט וויכטיק, ווייל די „פאַבולאַ" איז אין פאַרשיידענע

וואַריאַציעס שוין באַהאַנדלט געוואָרן אין יידיש און אין אַנדערע
שפּראַכן. דאָס איז די געשיכטע ווי אַן אָרעמאַן ווערט פּלוצלינג
רייך, וויל ווערן רייך אָדער דענקט, אַז ער ווערט רייך, שלום־
עליכם האָט די דאָזיקע טעמע באַרירט. יעקב גאָרדין האָט זי
באַהאַנדלט אין זיין „גאָט, מענטש און טייוול“, דערפאַר, הייסט
עס, איז עס ניט אָריגינעל, ניט ניי, אָבער דאָס איז ניט ריכטיק.
וויפל מען זאָל ניט שרייבן אויף דער טעמע פון געלט און די
ווירקונג אויף דעם איינצלנעם, וועט זי אימער בלייבן ניי. דער
שרייבער דאַרף נאָר אַוועקשטעלן דעם סוזשעט אין אַן אייגע־
נער באַזונדערער סביבה, און עס ווערט אַן אָריגינעל ווערק. דאָס
האָט דער פאַרפאַסער פון „אַן אָרעמאַנס חלום“ געטאָן. ער דער־
ציילט אונדז, ווי אַזוי אַ קליין, נישטיק מענטשל געווינט צוויי
הונדערט טויזנט רובל, ווי אַזוי דאָס ווירקט אויף זיין פּסי־
כיק, און דערצו פירט ער אַרויס זיינע גאַנץ באַזונדערע נפשות.
ער לאָזט זיי רײדן זייער גאַנץ באַזונדערע שפּראַך, און צוליב
דעם אַלעם, ווערט עס אַן אָריגינעל ווערק. די פראַגע איז נאָר
צי דערציילט דער מחבר די געשיכטע גוט גענוג, אַז עס זאָל
הייסן אַ קונסט־ווערק, און דאָס גראָד איז דער שוואַכסטער פּונקט
פון דער פּיעסע „אַן אָרעמאַנס חלום“. עס איז ניט קיין געלונגע־
נע ערציילונג, און אָט פאַרוואָס: ווען מיר הערן אַ מעשה, איז
עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז אונדזער פאַנטאַזיע זאָל זוכן נייע סיטואַ־
ציעס, ווייטערע און ברייטערע. מיר ווילן זען ווי דער העלד ווערט
אַריינגעשלעפּט אין נייע, פאַר אונדז ניט־באַקאַנטע וועלטן. און
דער ערציילער האָט פאַר זיך צוויי אויפגאַבן כדי אונדז צו
פאַראינטערעסירן: שילדערן און דערציילן. ער מוז אָפּמאָלן פאַר
אונדז ווי אַזוי די אָדער יענע אומגעבונג האָט געווירקט אויף דעם
העלד און וואָס פאַרע נייע סיבות עס האָבן מיט אים געטראָפן.
דער גוטער ערציילער ווייס פון פּראָפּאָרציע. ער ווייס, אַז צווישן
דער שילדערונג און ערציילונג מוז זיין אַ געוויסע האַרמאָניע.

דער דראַמאַטורג דערציילט און שילדערט דורך מעשים און
דורך ווערטער וואָס עס פּאַסירט מיט זיינע העלדן, און כדי די
דראַמע אָדער קאָמעדיע זאָל זיין אינטערעסאַנט, פאַרכאַפּנד, מוזן
זיך די סיטואַציעס אַנטוויקלען, מוזן מיר זען די האַנדלונג אַרי־
בערגעטראָגן אין אַ פאַרשיידענער אַטמאָספערע. אויב ניט, ווערט
עס לאַנגווייליק, שטאַרבט אָפּ דער אינטערעס צו דער זאַך, און
דאָס טרעפט גאַנץ אָפט מיט „אַן אָרעמאַנס חלום“. די שילדערונג
איז אפשר ניט שלעכט, אָבער דאָס ערציילן איז צרהדיק. סאָנקין
ערשיינט פאַר אונדז אין ערשטן אַקט אַלס אָרעמער בוכהאַלטער.
ער איז אַזוי אָרעם, אַז אָפט איז ניטאָ אויף קיין דירה־געלט, אויף
פּאַפּיראָסן. אָט קומט אַן אָרעמער פעטער נאָך הילף און ער מוז
אַוועקגיין מיט ליידיקן, און דאָס ברענגט אַרויס דעם שטאַרקן
חשק נאָך דאָס גרויסע געווינס, און אין דעם משך פון אַ גאַנצן
אַקט שילדערט פאַר אונדז דער מחבר ווי אַזוי די מענטשן חלומען
וועגן עשירות, וועגן רייזעס נאָך אויסלאַנד. עס פּאַסירט כמעט
גאָרניט. עס איז ניטאָ קיין האַנדלונג, קיין ממשותדיקעס, וואָס
זאָל באַרעכטיקן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דראַמע. אמת, דאָ
און דאָרט הערט איר אַ קלוג ווערטל, אַ וויץ, אָבער אַזוי ווי
קיין אַרבעט איז ניטאָ און מען מוז ריידן, ווידערהאָלט מען די זעלבע
זאַך איינמאָל נאָכן אַנדערן. עס ווערט געמאַכט אַ גאַנצן ווע‍זן פון
סאָנקינס קוואַרטיראַנט (באָרדער) פּוזיק, וועלכער טשעפּעט זיך
צו אַלס אַ שותף צום לאָטערעע־צעטל באשר אַזוי ווי די סאָנ־
קינס האָבן קיין מזל ניט, באָרגט ער אויס זיין מזל פאַר צען טויזנט



רובל. דאָס איז אָבער, ווי דער ענגלענדער זאָגט, „טו פאַר פּעדזשט“
[צו דערגרייכבאַר]. סאָנקין איז טאַקע אַ שוואַך מענטשל, אָבער
פאַרט איז ער ניט אַזאַ פּרא אדם צו גלייבן, אַז מען קאָן קויפן מזל
פאַר געלט. אַ בוכהאַלטער ביי יידן איז אַ גאַנצער שמעלקע, אַן
אַריסטאָקראַט צווישן חברה אָרעמע־לייט און עס לאָזט זיך ניט
גלייבן, אַז ער זאָל איינגיין אויפן מסחר פון מזל. דאָס איז אפשר
אַ גוטער וויץ אַן און פאַר זיך, איז אָבער די צרה, וואָס מ׳מאַכט
אַרום דעם אַ מוראדיקן טומל. עס ווידערהאָלט אָן אַ שיעור די
זעלבע זאַך. אמת, דאָ דערגרייכט דער שרייבער דורך דער
שילדערונג אַ וויכטיקן פּונקט: דער מענטש סאָנקין טרעט אַרויס
בולט. זיין גוטסקייט, צעקראָכנקייט און קליינקייט ווערט אָפּגע־
מאָלט, און מיר האָבן די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דער
נשמה פון דער קליין־באַלעבאַטישער משפּחה, אָבער עס איז ניטאָ
קיין לייוונט אויף וואָס דאָס אַלץ זאָל ווערן געשילדערט. דאָס
זיינען ווערטער, ווידערהאָלונגען, און דאָס אַלץ.

אין צווייטן אַקט דערגרייכט דער מחבר צו אַ פיל העכערע
מדרגה פון דראַמאַטישן אויסדרוק. ער דערציילט גוט ווי אַזוי
דאָס געווינס ווירקט אויף זיינע העלדן. ער האָט זיך אים איינגע־
געבן אָפּצומאָלן דעם שטורעם אין די נשמות פון די קליינינקע
מענטשעלעך. דאָ זעען מיר ווי אַזוי אַ טרוים ווערט פאַרווירקלעכט
ביי מענטשן, וואָס זיינען ניט מסוגל צו זיין רייך און צו פירן אַ
רייכן לעבן. אין דעם אַקט שטערט אונדז ניט דער אויסגוס פון
ווערטער, און גראָד דאָ מערקט זיך די האַנט פון אַ קינסטלער.
דאָ זעט זיך די אָריגינאַליטעט פון דער אויפפאַסונג. עס איז ניט
דאָס געווינס, נאָר וואָס דער חלום איז געוואָרן וואָר. דאָ זעען
מיר דאָס צאַפּלען און פלאַטערן, די מורא פאַר דער נייער ווירק־
לעכקייט. עס איז ניט דער גרויסער חשק צו געלט, וואָס מאַכט
סאָנקינען אַזוי ווילד. עס איז די גוטע נשמה, וואָס האָט זיך
געפּייניקט, וואָס איז געטראַמפּלט געוואָרן אונטער די פיס, און
וואָס זוכט צו האָבן אַ תקומה. פּלוצלינג דערזעט ער זיך באַפרייט
פון אַלץ און אַלעס. ער איז גרויס געוואָרן און זיין ציל אין לעבן
איז דערגרייכט געוואָרן. דער דאָזיקער אַקט איז איינער פון די
בעסטע אין דראַמאַטישער הינזיכט אין אונדזער רעפּערטואַר.

קומט אָבער דער דריטער אַקט און מעקט אָפּ דעם גוטן איינ־
דרוק. די סצענע מיט די קרובים איז אויסגעדראָשן. דער וויץ
מיט דער מורא פאַרן האָטעל און פאַרן שווייצער איז ניט גענוג
צו פאַראינטערעסירן. עס איז ניטאָ גענוג שילדערונג, מעשים. עס
זיינען בלויז ווערטער, און דערפאַר בלייבט אָפּטמאָל די בינע
אַזוי ווי פּוסט אָן לעבן. פאַרוואָס האָט אונדז דער פאַרפאַסער ניט
באַוויזן סאָנקינען אין זיין עליה [אויפשטייג]? עס וואָלט געווען
אינטערעסאַנט אים צו זען ווי אַזוי ער ווירקט אַלס גביר. מיר
האָבן אים באַדאַרפט זען אין אַ נייער ספערע פון טעטיקייט. עס
וואָלט זיך געוואָלט אים זען אַלס היפּך פון זיך זעלבסט, אָבער
ווען עס איז פון דעם קיין סימן ניטאָ. מיטן געווינס (אין צווייטן
אַקט) האָט זיך דער אינטערעס אין דער דראַמע געענדיקט.

דער פערטער אַקט איז לאַנגווייליק. עס איז ניטאָ קיין פאָרט־
זעצונג, קיין שריט ווייטער אין דעם סיפּור המעשה. עס איז פּסי־
כאָלאָגיש צוגעגרייט די משוגעת פון דעם אָרעמען סאָנקין, אָבער
אין דער דראַמאַטישער הינזיכט איז קיין רעכטפאַרטיקונג פאַר
דעם ניטאָ, און דערפאַר, דאַכט זיך, זיינען גערעכט די, וואָס
דענקן, אַז „אַן אָרעמאַנס חלום“ האָט אין זיך מאַטעריאַל פאַר
איין שטאַרקן אַקט, אָבער מער ניט. ה׳ שוואַרץ האָט געהאַט

די פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע פון סאָנקין און ער האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זיין שפּילן, אָבער עס וואָלט פיל בעסער געווען ווען ה׳ שוואַרץ זאָל זיין רויִקער, געצוימטער אין ערשטן און אַפילו אין צווייטן אַקט. כמעט די גאַנצע צייט האָט ער שווער געאַרבעט, און עס איז שווער געווען צו זען די שטייגנדע מאָמענטן. מען קאָן דאָך אויסדריקן די אַלע געפילן מער עקאָנאָמיש, איינגעהאַלטן. דאַן וואָלט דאָך מעגלעך געווען עטוואָס בעסער צו באַטראַכטן דעם טיפּ, וואָס ער האָט געמאָלט. דאָסזעלבע איז געווען מיט מיס גערסטען, מילא, סאָנקין דאַרף משוגע ווערן, האָט ער כאָטש אַ באַרעכטיקונג פאַר די גוואַלדן, אָבער מאַניטשקע איז דאָך אין אַלגעמיין אַ כשרע, רויִקע יידישע טאָכטער, אַ געזונטע און אַ לעבנס־לוסטיקע, טאָ פאַרוואָס האָט זי אַזוי געשריען? אמת, מיס גערסטען האָט פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער און האָט באַגריפן איר סיטואַציע, אָבער עס האָט איר געפעלט אַרטיסטישע פיינקייט. זייער גוט און נאַטירלעך איז געווען מאַדאַם פערקויף. איר מוטערלעכקייט, איר עגאָיִזם, די צערטלעכקייט צום זון — אַלץ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַזוי רויִק און מיט חן, אַז עס איז גאַרניט דאָ גענוג לויב פאַר איר. ה׳ טייטעלבוים האָט געשאַפן דעם אַלטן בחור, דעם פריקאַשטשיק, וואָס האַנדלט מיטן מזל. אָנגענעם איז געווען ה׳ גאָלדשטיין אַלס ביעלינקע. אַ גוטן „פעטער" האָט געגעבן ה׳ סאַמואילאָוו. סאָלטשאַ שאַר אַלס לאַטייקינאַ האָט צופיל איבערטריבן. אַ גוטן איינדרוק האָט געמאַכט ה׳ פישקינד אַלס דער אָרעמער פעטער אין ערשטן אַקט. זיין הכנעה און דער עלענט, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, איז געווען העכסט רירנד".

**עס זעט אויס, אַז אַ טייל יידישע טעאַטער־באַזוכער זיינען געווען אומצופרידן וואָס מען האָט געשטעלט די פּיעסע „אַן אָרעמאַנס חלום" ווי פֿון יידישן לעבן, האַלטנדיק, אַז דער הויפּט־כאַראַקטער פֿון דער פּיעסע איז ניט אָריגינעל יידיש, נאָר פאַרקערט. אַלף־אַלף [א. אויערבאַך] באַהאַנדלט די טענה אויף אַ סאַטירישן אופן:**

„מיין פריינט, וואָס איז געזעסן נעבן מיר אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" בעת מען האָט געשפּילט יושקעוויטשעס „אַן אָרעמאַנס חלום", האָט געהאַלטן אין איין טענהן: „אָט דער סאָנקין איז דאָך גאָר קיין ייד ניט. איך ווייס, עפּעס אַ קליינער רוסישער טשינאָווניק [באַאַמטער] פון אָסטראָווסקיס צייטן. זעט זיין דערשלאָגנקייט, זיין דערנידריקייט, אַ רוסישער טשינאָווניק מיט די ביינער!", און דאָ איז מיין שכן אַריינגעפאַלן אין סענטימענטאַליטעט און האָט גענומען קלאָגן אויף אונדזער יידישן גורל: „און אַזעלכע זאַכן טראָגט מען אונדז אונטער אַלס יידישער קונסט־ווערק", און איך האָב ערוואַרטעט, אַז אָט באַלד וועט ער זיך אַוועקשטעלן אין אַ נביאישער פּאָזע און וועט אויפהייבן זיין קול צו דער אָקטאַווע ווו עס גרענעצט זיך שוין מיט דונער און אין אַ ישעיהו הנביא־לשון וועט ער זיך נעמען שטראָפן: „אָ, איר קונסט־טרעגער, איר האָט פאַרגעסן דאָס יידישע לעבן. איר האָט פאַרשליידערט אייער אייגענע קונסט און איר ברענגט אונדז פאַלשע ניט־יידישע קונסט. אָ, איר פאַלשע מענטשן. עס וועט קומען די צייט פון שטראָף און אָפּקערן וועט זיך דאָס פאָלק פון אייך און פאַרלאָרן וועט איר בלייבן".





אַזוי האָב איך ערוואַרטעט זאָל זיך מיין שכן צערייִדן, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן, און איך האָב ווייטער געקאָנט זיצן און צוקוקן מיט גרויס פאַרגניגן ווי סאָנקין האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף דער צייטונג טאָמער האָט ער פאַרשפּילט. און אַזוי ווי איך האָב דאַמאָלס קיין חשק ניט געהאַט אַריינצולאָזן זיך מיט מיין שכן אין אַ לענגערן שמועס און אים באַווייזן ווי ער גרייזט אין זיינע מיינונגען, וועל איך עס איצטער טאָן נאָכדעם ווי דער פאָרהאַנג איז שוין געפאַלן און איך האָב זיך שוין דורכגעדרונגען מיט דער גאַנצער שטימונג פון דער פּיעסע.

— יאָ, מיין ליבער האַרציקער שכן. עס זיינען געווען אַזעלכע דערשלאָגענע רוסישע טשינאָווניקעס אין אָסטראָווסקיס, גאָגאָלס און פּושקינס צייטן. איך האָב אַליין געזען דעם גרויסן רוסישן אַרטיסט אָרלעניעוו שפּילן אַזאַ טשינאָווניק, און, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, גוט שפּילן. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט סאָנקינען? איז דען סאָנקין דערפאַר ניט קיין ייד? און נאָך וועל איך אייך זאָגן, שטראָפּריש־געשטימטער שכן מיינער, אַז געפאַלנקייט און דערנידריקייט איז אַלמענטשלעך און אין דעם גראָד איז אַ יידישע נשמה גלייך מיט אַ רוסישער. ביידע נשמות פון אָט די קליינע מענטשעלעך, דעם רוסישן טשינאָווניק און דעם יידישן פּריקאַשטשיק [אָנגעשטעלטן] זיינען פון דעם זעלבן שטאָף געקנאָטן און ס׳איז זיך ניטאָ וואָס צו בייזערן און קלאָגן אויף דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק, וואָס עס האָט אַזעלכע פאַלשע קונסט־טרעגער. אומזיסט, ליבער שכן מיינער, האָט איר זיך קאַליע געמאַכט אַזאַ פיינעם אָוונט ווען איר האָט אַזוי האַרציק געלאַכט פון סאָנקינען ווי שוואַרץ האָט אים אַזוי מייסטערהאַפט פאַרגעשטעלט, און אונדזער בערטאַ גערסטען האָט דאָך פיין, ווירקלעך פיין, געשפּילט די פרוי סאָנקינס, אַז מען האָט באַדאַרפט זיין אַזוי קלאָגעריש ווי איר, ניט הנאה צו האָבן".

**י. ענטין שרייבט:**

„דאָס בעסטע אין דער פּיעסע איז איר פיינע פּסיכאָלאָגיע. איר פיינער הומאָר און איר סצענישקייט און איר דראַמאַטיזם, און דאָס פאַרדעקט ניט ווייניק די פעלערן וואָס זי האָט. די פּיעסע האָט אַ ריי כאַראַקטערן, וועלכע זיינען גוט געצייכנט. זי האָט פיל גוטע מאָמענטן און דער הומאָר איז אָפט אַן אָריגינעלער. זי האָט פיל געזונטע סצענעס, וועלכע אַמוזירן דעם עולם און ביז צום סוף פון צווייטן אַקט איז אין דער פּיעסע דאָ אַ געזונטע, נאַטירלעכע שפּאַנונג, וועלכע שמידט צו דעם עולמס אויפמערקזאַמקייט. די פעלערן פון דער פּיעסע זיינען: זי איז ניט געבויט לויט אַ גאַנצער צענטראַלער אידעע, זי איז אַ היבש ביסל צעצויגן פון צווייטן אַקט אָן, זי איז ניט צו ניי אין פיל פון אירע סיטואַציעס.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז אַ צווייענדיקער. דער אָרעמער בוכהאַלטער סאָנקין און זיין פאַמיליע חלומען וועגן אַ גרויס געווינס אויף דער לאָטערעע און דער חלום ווערט פאַרווירקלעכט. דערמיט איז פאַרנומען דער גרעסטער טייל פון די ערשטע צוויי אַקטן, אין די אַנדערע צוויי אַקטן ווערט שוין אָבער געוויזן ווי אַזוי די סאָנקינס און זייערע פריינט פירן זיך אויף אין דער נייער לאַגע, וואָס ווערט געשאַפן דורך דאָס גרויסע געווינס. וואָס איז, אַלזאָ, געווען דעם דראַמאַטורגס צענטראַלע אידעע? אויף דערויף לאָזט זיך ניט ענטפערן מיט באַשטימטקייט. ערטערווייז דאַכט זיך, אַז יושקעוויטש האָט דאָ געוואָלט אַרויסברענגען עפּעס ענלעך צום געדאַנק פון אַנדרעעווס „אַשמדאי". סאָנקין, וועלכער איז זייער

אַ גוטער מענטש און אַ פֿריינט פֿון אַלע געדריקטע און געשטיקטע, וויל מיט זיין ניי־געווונענער עשירות גליקלעך מאַכן די וועלט. נאַטירלעך מוז ער, אַזוי ווי אַנדרעעוס דוד־לייזער, ווערן באַנקראָט. דוד־לייזער מוז אַנטלויפֿן פֿאַר די מענטשן, וועלכע פֿאָדערן זיין הילף און וועלכע דערהרגענען אים און סאָנקין ווערט משוגע. אָבער בשעת אין „אַשמדאַי" ווערט קלאָר געוויזן, דורך אַ ריי סצענעס, ווי אַזוי דוד־לייזערס גוטסקייט מוז באַנקראָטירן, ווערט דער באַנקראָט פֿון סאָנקינס פֿילאַנטראָפּיע סצעניש קוים אָנגעטייט, הגם לאָגיש איז זי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. צווייטנס, איז סאָנקינס וועלן באַגליקן אַ וועלט בלויז אַ קליינער עפּיזאָד אין דער פּיעסע. אפֿשר איז דער דראַמאַטורג אויסן געווען צו שילדערן די טראַגיק פֿון אָרעמען מענטשן וועמענס גאַנץ גליק און גאַנץ לעבן צאַפּלען אַרום דעם חלום צו געווינען געלט אין דער לאָטערעע, צאַפּלען אַזוי פֿאַרצווייפֿלט, אַז בשעת דער חלום ווערט מקוים, פּליט ביי זיי פֿאַר איבערגעשפּאַנטקייט די נשמה שיר ניט אַרויס און אין הויפּט־העלד ווערט פֿאַרזייט די זריעה פֿון משוגעת. וואָלט דאָס געווען גאָרניט שלעכט ווען די גאַנצע פּיעסע וואָלט געווען געווידמעט דער דאָזיקער טעמע. אין אמתן איז עס אָבער ניט אַזוי. דער דריטער און פֿערטער אַקט, מיט דער אויסנאַמע פֿון דער משוגעת־קאַטאַסטראָפֿע אין סאַמע סוף, זיינען גאָר פֿאַרנומען מיט סצענעס פֿון דער נאַרישקייט, קליינלעכקייט און שוואַכקייט פֿון די מענטשן ווען זיי ווערן געשטעלט פֿאַרן נסיון פֿון דער פּלוצלונגער עשירות. די סצענעס פֿון די לעצטע צוויי אַקטן שילדערן די נאַרישקייט פֿון סאָנקינס פֿרוי און מוטער ביי וועמען עס האָט זיך פֿון געלט דער קאָפּ פֿאַרדרייט, סאָנקינס אָטגעשראָקנקייט און אומזיכערקייט פֿאַר דער נייער ראָלע, די ראָלע פֿון אַן עושר, וואָס שטייט אים פֿאָר און דאָס חניפֿותדיקע און חוצפּהדיקע אָנוואַרפֿן זיך פֿון די קרובים אויף די סאָנקינס, אַז זיי זאָלן זיי העלפֿן.

די אָפּוועזנהייט פֿון אַ צענטראַלער אידעע רופֿט זיך ניט ווייניק אָפּ אויף דעם טעכנישן געבוי פֿון דער פּיעסע. עס איז שווער צו זאָגן וואָס איז אין איר דער עיקר און וואָס דער תפֿל [נעבן־זאַך], און אין גאַנצן באַקומט זיך אַן איינדרוק ווי פֿון אַ צעשטיקלטער פּיעסע, ווי פֿון אַ פּיעסע פֿון צונויפֿגעקליבענע סצענקעס, וועלכע זיינען צוגעקלעבט און אָנגעהעפֿט איינע אָן דער צווייטער. דערצו זיינען די סיטואַציעס פֿון די לעצטע צוויי אַקטן ניט ניי. אויב ניט מיט זייער אויספֿירונג, איז מיט זייער פֿאַרטראַכן. ווערט דאָך די נאַרישקייט וואָס דאָס געלט האָט זיי דעם קאָפּ פֿאַרדרייט, שוין געשילדערט אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", ווערט דאָך דער קאָמיזם פֿון די סצענעס ווו פּלוצים רייך־געוואָרענע מענטשן ווערן באַפֿאַלן ווי די היישעריקן פֿון די מענטשן אַרום זיי, שוין ברייט געשילדערט אין דוד פּינסקיס „דער אוצר". די פּיעסע האָט אָבער די מעלה, וואָס זיצנדיק אין טעאַטער און קוקנדיק אויף דער בינע, שפּירט מען קוים די דאָזיקע און אַנדערע פֿעלערן. קוקנדיק אויף דער בינע פֿילט זיך דער צושויער שטאַרק הינגעריסן און זעלטן ווען שלאָגט אים אַ פֿאַלשער טאָן אַרויס פֿון דער פֿולער אילוזיע. די שטאַרקע הינגעריסנקייט, די פֿולע אילוזיע נעמען זיך פֿון דער טיפֿער אמתדיקייט פֿון דער פּיעסע, פֿון איר צומייסט פיינער און צום טייל נייערע פּסיכאָלאָגישקייט.

דאָס פֿאַרפֿאָלק סאָנקין ווערט געמאָלן מיט פֿיינער, מיניאַטור־צאַרטער פּסיכאָלאָגישקייט, און ביז דריטן אַקט לעבן זיי אַזוי העל און בולט, אַז זעלטן באַגעגנט מען זייער גלייכן אין אַנדערע, אַפֿילו, גאַנץ ליטעראַרישע פּיעסן. עס העלפֿט צו דעם פֿיל דעם שרייבערס פֿאַרהעלטניסמעסיק אייגענע מעטאָדע. אַנדערע מאָלן צוערשט אויס די קאָנטורן, די סילועטן פֿון זייערע פֿאַרשוינען און דאַן פֿילן זיי דאָס אָנגעצייכנטע אויס מיט כאַראַקטעריסטישע שטריכן. יושקעוויטש אָבער קלעבט צו איין דעטאַל צו דער צווייטער, איין איינצלהייט פֿון דער אַלגעמיינער פֿיזיאָנאָמיע צו דער אַנדערער. דורך דעם זעען די צושויער די מענטשן אין זייער וואַקסן, אין זייער ווערן. אַזוי דאָס ווען זיי ווערן פֿאַרטיק, איז זייער ווירקונג אַ ניט־ווידערשטייעלעכע, איז זייער ווירקונג אַזוי אוממיטלבאַר און אינטים ווי פֿון מענטשן מיט וועלכע מען האָט זיך אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען. אַזוי, למשל, זעען מיר צוערשט דאָס שטיקן זיך פֿון די סאָנקינס, זייער מאַטערן זיך אין דער ענגער נעץ פֿון זייער אָרעמקייט אין וועלכער זיי קאָנען זיך ניט אַ קער טאָן, דאַן זייער פֿיינע, צאַרטע ליבע איינער צום צווייטן. דאַן זייער ביטערע טראַגעדיע איבער דעם, וואָס די אָרעמקייט באַרויבט זיי פֿון גליק פֿון קינדער־האָבן, פֿון טאַטע־מאַמעשן נחת. דערנאָך, אין מיטן פֿון ערשטן אַקט און אין אָנהייב פֿון צווייטן, זייער אַבערגלויבישקייט, זייער שרעקענדיקייט, זייער אומבאַהאָלפֿנקייט אין מאָמענט ווען זייער שיקזאַל ווערט אַנטשידן, אין מאָמענט ווען זייער חלום וועגן גליק קאָן אַנטשידן ווערן אין איין זייט אָדער אין דער צווייטער. דאָס איז די אַבערגלויבישקייט, די שרעקעדיקייט און די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אַלע דורכשניטלעכע מענטשן, מעגן זיי זיין ווי קלוג און אויפֿגעקלערט אין די רויִקע מאָמענטן פֿון זייער לעבן. אַלע ניט־העלדישע נאַטורן ווערן אין אַזעלכע מאָמענטן פֿאַרוואַנדלט אין קינדער, אין הילפֿלאָזע, צרהדיקע, און טאַקע דערפֿאַר ליבלעכע מענטשן־קינדער זיינען אין דעם מאָמענט אויך די סאָנקינס.

די דאָזיקע אַבערגלויבישקייט און אָנגעשראָקנקייט, דער דאָזיקער באַזונדערער גייסטיקער צושטאַנד מאַכן גלויבלעך און זאָגאַר איבערצייגנד דאָס וואָס אונטער אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט פֿאָרגעקומען גאַנץ ווילד. דאָס, למשל, וואָס דער קוואַרטיראַנט פּוזים ווערט אַריינגענומען פֿאַר אַ שותּף אין געווינס מיטן צוזאָג צו געבן אים צען טויזנט רובל, כאָטש אין געשעפֿט לייגט ער בלויז אַריין זיין מזל, אַלס צוזאָג צו סאָנקינס מזל, דאָס וואָלט פֿאָרגעקומען גאַנץ ווילד גלייך פֿון אָנפֿאַנג פֿון דער פּיעסע, אָבער עס ווערט גאַנץ פֿאַרשטענדלעך און גלויבלעך נאָך אַ שטאַרקער סצענע ווו די סאָנקינס פֿאַרחלומען זיך וועגן דער בעפֿאָרשטייענדער „ציִונג" און לעבן זיך איין מיט דער האָפֿנונג, אַז זייער שיקזאַל ווערט טאַקע אָט איצט געוויגן ערגעץ אין די געהיימניספֿולע רעגיאָנען ווען די מינדסטע קלייניקייט קאָן די וואָגשאָל געבן אַ קער אין איין ריכטונג אָדער אין דער צווייטער. דער צווייטער אַקט, וואָס ווערט אינגאַנצן אַרומגעשפּילט אַרום דעם אַנטשיידענעם מאָמענט, אַרום געווינס, צוערשט, אַרום דער צאַפּלדיקער קינדישער, נאַרישער, זיך אַליין אין דעם מזל אָפּנאַרנדער און איבערקליגנדער האָפֿנונג און דערנאָך אַרום דעם משוגענעם דערשראָקענעם עקסטאַז פֿון פֿאַרווירקלעכטן גליק. דער צווייטער אַקט איז אַ מייסטערווערק סיי פֿון פּסיכאָלאָגיע און סיי פֿון דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט. די דראַמאַטישע סיטואַציע איז אַזוי מעכטיק, אַז זי האָט צו זיך ווייניק גלייכן אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דער צושויער צאַפּלט צוזאַמען מיט די סאָנקינס, וויינט מיט זיי און לאַכט מיט זיי. ווי געזאָגט, איז די פּסיכאָלאָגיע צום טייל אַ נייע. דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פֿון דער נייער רוסישער ליטעראַטור, פֿון אַזעלכע שרייבער ווי לעאָניד אַנדרעעוו צו וועמענס שולע יושקעוויטש געהערט. טיילווייז אַ ביישפּיל פֿון אַנדרעעווס

קלאָר־זעענדיקע טרוימערישקייט איז ווען די מענטשן נעמען פֿון העלער הויט חלומן אויפֿן וואָר, אַז אָט זיינען זיי שוין אין שפּאַניע. אָט זעען זיי שוין אויפֿן וואָר אירע שטעט, אירע גאַסן. אַ ביישפּיל פֿון אַנדרעעווישער מיניאַטורע פּסיכאָלאָגיע, פֿון זיין באַטראַכטן אַלע מענטשן פֿאַר טיילווייזע משוגעים, איז ווען סאָנקין נעמט ריידן צו זיין וועסטל־קעשענע, גלייך דער טיראַנישער פֿאַרוואַלטער פֿון דער באַנק ווו ער אַרבעט, וואָלט שוין דאָרט ביי אים געלעגן געפֿאַנגען און ער רעכנט זיך אָפּ מיט אים.

דערביי זיינען די מענטשן שטאַרק ייִדיש. עס רייסן, אמת, ניט די אויגן קיין מזוזות אויף די טירן. קיין „מזרח" אויף דער וואַנט, אָבער די פּסיכאָלאָגיע, די דריידלעך, דאָס כיטרעווען, די זעלבסטנאַרעריי, די סאָפּיזמען, די פּאַראַדאָקסן מיט וועלכע די מענטשן שפּילן זיך מיט זיך אַליין, איינער מיטן צווייטן און מיטן מזל, זיינען אַזוי ייִדיש, אַז מען קאָן וועגן זיי קיין טעות ניט האָבן. אַ חוץ די צוויי הויפּט פּערזאָנען און די סצענעס, וואָס זיי אַליין באַשאַפֿן, זיינען דאָ נאָך אַנדערע לעבעדיקע מענטשן און סצענעס. איין ביישפּיל דאַרף זיין גענוג: גלייך אין ערשטן אַקט קומט אָן אָרעמער פֿעטער בעטן אַ גמילות חסד, לאָזן זיי איבער, סיי דער פֿעטער און סיי די סצענקע, וואָס ער באַשאַפֿט, אַזאַ שווער־לעבעדיקן איינדרוק, אַז זיי לאָזן זיך ממש ניט פֿאַרגעסן. עס איז אַזוי ווי אַברהם רייזענס באַרימטע „גמילות חסד" וואָלט זיך אַרויסגעריסן פֿון בוך און וואָלט אַרויסגעשפּאַצירט אויף דער בינע.

דאָך ניט אַלע מענטשן אין דער פּיעסע זיינען דורכויס אמתדיק אוןווירקלעך. איבערהויפּט מערקט זיך דער אַראָפּפֿאַל נאָכן צווייטן אַקט, ווו עס הייבט זיך אָן די צעצויגנקייט, ווו עס האָט זיך פֿון יושקעוויטשן אָפּגעטאָן זיין העכערע באַגייסטערונג און ווו ער האָט שוין קענטיק געזוכט ווי אַזוי אויסצופֿילן די פּיעסע. מאַנישקע, סאָנקינס פֿרוי, וועלכע האָט אין זיך אַ קליינע ביסעלע באַנאַליטעט און קאַריקאַטורע שוין פֿון פֿריִער — איר חלומן פֿון לוקסוס און אַריסטאָקראַטישקייט — ווערט אין דריטן און פֿערטן אַקט גאַנץ באַנאַל, גאַנץ קאַריקאַטורנע. זי ווערט דאָ די געוויינלעכע איבערטרייבונג און ביליקייט מיט וועלכער אויפֿגעקומענע מענטשן, דער עיקר פֿרויען, ווערן געמאָלן אין דער מיטלמעסיקער ליטעראַטור. אויך די מוטער, וועלכע איז אַ ביסל צו אַלגעמיין געמאָלן שוין אין די ערשטע צוויי אַקטן, ווערט אין פֿערטן אַקט בלויז אַ קאַריקאַטורע, בשעת דער פֿעטער זשיטאָמירסקי און די קוזינע לאַטקינאַ, וועלכע קומען בעטן הילף ביי סאָנקינען, האָבן שוין אין זיך עטוואָס פֿון שאַרזש, פֿון דער שטיפֿערישער קאַריקאַטורע. דאַקעגן איז דער קוואַרטיראַנט פּוזים העל און לעבעדיק דורכויס, בשעת סאָנקינס מיט־אָנגעשטעלטער ביעלינקע איז ווערדליק זיין אָרט אין דער פּיעסע, ניט געהעריק געצייכנט.

אַרום און אַרום איז די פּיעסע פֿיין רעזשיסירט און ווערט גוט געשפּילט. די אַקטיאָרן האַלטן זיך ווונדערבאַר. די עפֿעקטן (איינע אַזאַ איז ווען אַלע רוקן צו שטולן צו מאַניעטשקען און נעמען מיט איר חלומן אויפֿן וואָר) זיינען כשרע, איידעלע און יעדער אַקטיאָר שפּילט האַרמאָניש צו דעם צווייטן. דאָס שפּילן איז גוט כמעט דורכויס. שוואַרץ אַלס סאָנקין איז פֿיין און איינגעהאַלטן כמעט דורכויס, און טאָמער אַפֿילו פֿאַלט ער אַמאָל אַריין אין אַ פֿאַלשן טאָן אָדער באַטאָנונג, מעג מען דאָס אים אויך פֿאַרגעבן איבער דער אומגעהייערער רייכקייט אין שאַטירונגען פֿון דעם פֿאַרשוין, וואָס ער שפּילט. די מאַדאַם גערסטען הייבט זיך דאָ אויף צו די העכערע מדרגות פֿון איר שוישפּילערישער קאַריערע. אמת, זי שטעלט אָפּ פֿאַר אַ פּערזאָן אַן אויפגעבלאָזענע, אָבער אויך דאָמאָלט שפּילט זי בלויז אַזוי ווי יושקעוויטש האָט געשריבן, דאָך צו די סאַמע בעסטע ראָלע אירע (ווי אין הירשביינס פּיעסן) דערהייבט זיך די מאַדאַם גערסטען דאָ ניט. די מאַדאַם פּערקוף שפּילט טריי און ערלעך, אָבער אָן צופֿיל מוטערלעכער ווייכקייט און רירנדיקייט. טייטעלבוימס פּוזים איז אַ לעבעדיקע געשטאַלט. פֿישקינד פֿירט דורך די קליינע ראָלע פֿון פֿעטער משה גאַנץ רירנד. מאַדאַם שאָר (לאַטקינא), סאַמואילאָוו (דער פֿעטער זשיטאָמירסקי) און גאָלדשטיין (ביעלענקאַ) פֿאַרטיקן זיך ערלעך אָפּ מיט זייערע ראָלן.

### אין אַ סך־הכל וועגן סעזאָן שרייבט י. ענטין:

„כמעט תיכף נאָך איר [„מיעשטשאַניע"] האָט הער מאָריס שוואַרץ אויפגעפֿירט סעמיאָן יושקעוויטשעס קאָמעדיע „אַן אָרעמאַנס חלום" (אויף רוסיש „סאָנקין"), טיילווייז אונטער דער רעזשי פֿון דעם פּאַרפֿאַסער, וועלכער איז גראָד דאַמאָלס געקומען קיין אַמעריקע.

„אַן אָרעמאַנס חלום", וואָס איז געווען אַ היבשער ערפֿאָלג מאַטעריאַל און אַ גאַנץ שיינער ערפֿאָלג קינסטלעריש, איז אַן עכטליטעראַרישע קאָמעדיע, ווו די הויפּט־העלדן, דער אָרעמער בוכהאַלטער סאָנקין און זיין פֿרוי, ווערן זייער פֿיין געמאָלן, בשעת אייניקע אַנדערע וויכטיקע פֿאַרשוינען, ווי סאָנקינס מוטער און זיין קוואַרטיראַנט, ווערן אויך געצייכנט מיט קלאָרע פֿאַרבן און קענטיקע שטריכן.

עס איז אַ פּיעסע פֿון פֿיינער פּסיכאָלאָגיע, פּאָעטישער שטימונג און וואַרעמער מענטשלעכער סימפּאַטיע.

אין ערשטן אַקט חלומען די געקוועלטע אָרעמע סאָנקינס אויפגערייצט צו ווערן דורך דער לאָטערעע. זיי חלומען אויפֿן וואַך און זעען זיך שוין שפּאַצירנדיק גליקלעכע אויפֿן ברעג ים און אין שיינע ווייסע לענדער. אָט זעען זיי זיך שוין אין שפּאַניע, אָט זעען זיי שוין אירע גאַסן און שלעסער, אָבער קודם כל ווילן זיי אָפּווישן די שטילע מרה־שחורהדיקע טרערן פֿון דעם פּנים פֿון זייער פֿאַמיליע־לעבן. זיי ווילן אַ סוף מאַכן צו דער אומפּרוכטבאַרקייט, צו דער קינדערלאָזיקייט אויף וועלכער זייער שטיקנדיקע אָרעמקייט פֿאַרמשפּט זיי.

און זייער חלום פֿון גליק איז אַזוי טיף און עכט, אַז שוין באַצייטנס צעשפּילן זיך ביי זיי, איבער דער איינטיילונג פֿון זייער עשירות, די געוויינלעכע קאַפּריזן און ברוגזן. די נאָך־לעבן און גליק־דורשטנדע פֿרוי, מיט אַ נאַטור פֿון אַ פּראַנטיכע, וויל געניסן וואָס מער, בשעת דער ווייכהאַרציקער, אַלטרויִסטישער סאָנקין קאָן זיך ניט פֿאַרגינען איינצוהאַלטן דאָס גאַנצע גליק פֿאַר זיך, און דער גאַנץ היימישער קוואַרטיראַנט וואַרפֿט אומגעבעטערנהייט זיין מזל אויפֿן וואָגשאָל פֿונם מזל פֿון די סאָנקינס און עסט זיך איין פֿאַר אַ זלעדני, אַז מען זאָל אים געבן ניט ווייניקער פֿון פֿופֿצן טויזנט.

די אַלע סצענעס, זייענדיק אַזוי טיף מענטשלעך אין זייער בענקשאַפֿט, מאַכנדיק די פֿאַרשוינען אַזוי ליבלעך אין זייער שוואַכקייט און נאַרישקייט, ווייען אָן אויף דער בינע אַ טיפֿע שטימונג, צויבערן אויף אייך אָן אַ הויך פֿון פּאָעזיע און שפּרייטן איבער איר די וואַרם־האַרציקע לופֿט פֿון געזונטן, אָריגינעלן הומאָר. נאָך מענטשלעכער, ד. ה. פּסיכאָלאָגישער, און נאָך הומאָריסטישער ווערט די צווייטע אַקט, אויף מאָרגן נאָך דער „ציִונג", אין צוויי גרויסע, העכסט־דראַמאַטישע סיטואַציעס, איינע, ווען די סאָנקינס קלייבן זיך נאָכזוכן אין צייטונג וועלכער נומער איז געווען דער זוכה בגורל. די צווייטע, ווען זיי ווערן געוווירע, אַז זיי זיינען טאַקע געווען די גליקלעכע.

די איבריקע צוויי אַקטן, כאָטש אין זיי ווערן אויסגעפֿילט סצענעס פֿון וועלכע אַ פּאָר זיינען אַזוי דראַמאַטיש, אַז מען קאָן

זיי אַפילו רופן סיטואַציעס, זיינען שוין אָבער פון אַ נידריקערן קאַליבר. וויקלען דאָך דאָ די פריערדיקע מענטשן פון זיך קיין נייע שטריכן ניט אַרויס, און סיי זיי און סיי די נייע פאַרשוינען פאַלן שוין אַריין אין קאַריקאַטורע, וואָס דאָס ברענגט שוין ממילא אַ הומאָר, וואָס איז צומייסט באַנאַל.

אַרום און אַרום, ווען „אַן אָרעמאַנס חלום" וואָלט געווען מער פון איין שטיק, ווען, ווערנדיק באַזעלט פון איין הויפּט־אידעע, לאָמיר זאָגן, די קליינע צרהדיקייט פונם יאָגן זיך פון די קליינע מענטשעלעך נאָך זייער קליינינקן גליק, אָדער די פאַטאַלע איראָניע פון דער קליינער צרהדיקער וועלט־באַגליקונג, וואָלט די פיעסע געווען גאַנצער, מער איינהייטלעך, מאָלעריש און פסיכאָלאָגיש מער אויסגעהאַלטן. דאַמאָלס וואָלט די פיעסע געווען אַ מוסטער פון אַ פיין־אידעלער קאָמעדיע. אַפילו אין איצטיקער פאָרמע האָט די פיעסע פאַרשאַפט דעם עולם הנאה. דעם הער שוואַרצס שפּילן איז דאָ געווען איינס פון די פיינסטע, דראַמאַטיש־סטע און פסיכאָלאָגישסטע אין זיין שוישפּילערישן רעפּערטואַר. אויך איז דאָ דאָס שפּילן געווען אַ נייער ערפאָלג פאַר דער מאַדאַם גערסטען. עס האָט אויך גאַנץ שיין פאַררעקאָמענדירט אַלע באַטייליקטע אַרטיסטן. דעם ערפאָלג פון די שוישפּילער איז געווען פיל צו פאַרדאַנקען דער רעזשי, וועלכע האָט די פּיעסע בכלל שיין אויסגעשטעלט, אַרויסגעבנדיק יעדע שטימונג, וואָס האָט אין איר געדרימלט, יעדן פסיכאָלאָגישן פונק, וואָס האָט אין איר געטליעט".

## ב. גאָרין שרייבט:

„לעצטן דאָנערשטיק אָוונט איז אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" געווען דער קבלת־פּנים פון דעם באַגאַבטן דראַמען־שרייבער סעמיאָן יושקעוויטש. מען האָט לכבוד אים אויפגעפירט זיינע אַ נייערע פּיעסע מיטן נאָמען „אַן אָרעמאַנס חלום". וואָס איז דער חלום פון אַן אָרעמאַן? צו געווינען דעם גרויסן געווינס. דער אָרעמער סאָנקין מיט זיין ווייב הערן ניט אויף צו טרוימען פון דעם גרויסן געווינס, טאַקע צוויי מאָל הונדערט טויזנט רובל. דאָס איז געווען איידער מען האָט פאַר אַ פּאָר שיך געדאַרפט באַצאָלן פופציק טויזנט רובל, און מיט אַזאַ סומע האָט מען געקאָנט איבערקערן וועלטן. און טאַקע דער בעל־הבית פאַר וועמען ער האָט געאַרבעט און פאַר וועמען ער האָט מורא געהאַט אימת המות [טויט־שרעק], באָט אים גלייך אָן צו ווערן שותפות מיט אים אין געשעפט. אָבער דער גרויסער גליק, וואָס האָט אים געטראָפן איז צופיל פאַר אים און ווען ער באַקומט דאָס געלט פון באַנק און זעצט זיך אַנידער ציילן, פאַרלירט ער זיין פאַרשטאַנד. דאָס איז דער אינהאַלט פון „אַן אָרעמאַנס חלום".

דער גרויסער געווינס איז שוין פיל מאָל עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון פאַרשיידענע שרייבער, און איינע פון די לעצטע קאָמעדיעס, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן, האָט געהאַט צו טאָן מיטן גרויסן געווינס, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס, אויב דער שרייבער דעקט אויף אַ נייעם ווינקל פון לעבן. די פאַרשוינען אין „אַן אָרעמאַנס חלום" טראָגן יידישע נעמען, נאָר צי זיי זיינען יידן איז אַ גרויסער ספק, עס איז גענוג צו הערן ווי אַ שיינער יידישער בעל־הבית גיט, אַ שטייגער, אַ זאָג: „נו, מהיכי תיתי, שפּאַניע איז אַ שיינע שטאָט", אַז מיר זאָלן גלייך אָנהייבן צו צווייפלען צי דאָס וואָס דער פּראָפעסאָר גיט אַרויס פאַר יידיש



לעבן, איז די אמתע סחורה. ווען אַ באַלעבאַטישער ייד זאָל זאָגן, אַז נאָרוועגיען איז אַ שיינע שטאָט, אַז מעקסיקע איז אַ שיינע שטאָט, וואָלט מען געקאָנט אַרונטערשלינגען די המצאה [איינפאַל], נאָר אַ באַלעבאַטישער ייד זאָל ניט וויסן פון שפּאַניע. דאָס קאָן זיין נאָר אין יושקעוויטשעס פאַנטאַזיע. אַ קלייניקייט? אמת, אָבער די דאָזיקע קלייניקייט וואַרפט אַ חשד אויף דעם פּראָפעסאָרס קענען דאָס יידישע לעבן, און טאַקע, טראַכטן מיר זיך אַריין אין די בילדער, אין דער האַנדלונג, וואַקסט דער חשד אַלץ גרעסער און גרעסער. דער פּראָפעסאָר שילדערט פאַר אונדז אַ סצענע ווי אַזוי סאָנקין ווערט דורכגענומען מיט אַ פּחד ווען מען זאָגט אים אָן, אַז זיין ברויטגעבער קומט בכבודו ובעצמו [פּערזענלעך] צו אים מיט אַ באַזוך. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז שוואַרץ, וועלכער שפּילט די ראָל פון סאָנקין, האָט שטאַרק איבערטריבן, נאָר אַפילו אָן דער איבערטרייבונג, באַקומט זיך אַ בילד, וואָס איז אפשר ריכטיק פאַר אַ קליינעם רוסישן טשינאָווניק [באַאַמטן], אָבער בשום אופן ניט פאַר אַ גרויסשטעטישן יידישן יונגערמאַן, וואָס אַרבעט אין אַ קאַנטאָר, און וואָס האָט געוווּנען צוויי הונדערט טויזנט רובל. פסיכאָלאָגיש וואָלט געווען ריכטיק אויך פאַרן יידישן יונגערמאַן, אַז ער, וועלכער האָט לאַנג, לאַנג געטרוימט אָנצושפּייען זיין בעל־הבית אין פּנים, זאָל קעגן זיין ווילן אַרויסווייזן אַ גרויסן יראת הכבוד [אַכטונג] ווען ער קומט מיט אים פּנים אל פּנים, אָבער אַ פּאַנישער שרעק פאַרן בעל־הבית מיט וועלכן ער האָט זיך יעדן טאָג געזען אין קאַנטאָר, איז מער ווי אומגעלומפּערט. אַזאַ יידישער יונגערמאַן ווי סאָנקין ווייס אַפילו ניט, אַז צו זיין פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך איז אַ צייכן פון ערעפּירכט [דרך ארץ]. פון זיין טאַטען דעם מלמד אָדער דעם בעקער אָדער דעם מוליער, האָט ער עס ניט געקאָנט לערנען, ווייל זיין טאַטע איז תמיד געגאַנגען מיט אַ צעכראַשטשעטע האַרץ און האָט אָפט פאַרגעסן צו פאַרשפּילען אַזעלכע קנעפּלעך, וואָס אַלע לייטישע מענטשן האָבן פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, אַז מען באַווייזט זיך פאַרן גרויסן טשינאָווניק.

און די גאַנצע מעשה ווי אַזוי איינער, וואָס איז אויפגעקומען איבער נאַכט, ווערט משוגע פון זיין גליק, איז אַלנפאַלס ניט קיין יידישע. מיר האָבן דאָ געזען אַ סך, אַ סך מענטשן, וואָס זיינען איבערנאַכט געוואָרן אָלרייטניקעס און זיי האָבן זייער פאַרשטאַנד ניט פאַרלאָרן און יושקעוויטש גופא האָט געהאַט גענוג געלעגנהייטן דורך דער גרויסער מלחמה צו זען יידן ווי זיי זיינען בשום אופן ניט משוגע געוואָרן. מיר האָבן געזען ווי זיי האָבן פאַריסן דעם קאָפּ, ווי זיי רייסן די אויגן, אָבער זיי זיינען ניט משוגע. די שטיק איז זייער צעצויגן און אַ גרויסער טייל ווערט אויסגעפירט מיט ווידערהאָלונגען. מיר הערן די זעלביקע טענות, די זעלביקע פראַזן, די זעלביקע ווערטער נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל ביז עס הייבט אָן צו לאַנגווייליקן. אַזוי לאַנג ווי יושקעוויטש האָט וואָס צו זאָגן און וואָס צו שילדערן, איז די שילדערונג אַ לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע. אין דער ערשטער העלפט פון דעם ערשטן אַקט ברענגט ער אַרויס אַ בולט בילד פון סאָנקין און זיין ווייב, אפשר איז עס אַ ביסל סענטימענטאַל, אַביסל צוקערדיק, נאָר די כאַראַקטערן ווערן אַרויסגעבראַכט אויף אַ שיינעם אופן. דער פּראָפעסאָר ווייזט ניט נאָר דעם פּנים, נאָר אויך די פאַרבאָרגנסטע געפילן פון די פאַרשוינען. זיי ריידן וועגן דעם גרויסן געווינס און וואָס זיי וואָלטן געטאָן מיטן געלט, און אַזוי ווייט איז אַלץ לעבעדיק און אינטערעסאַנט, נאָר אין מיטן

אַקט בלייבט דער פּאַרפאַסער שטיין און ווייס ניט וואָס ווייטער צו טאָן, אָדן ער שלעפּט אַריין דעם קוואַרטיראַנט פוזים און די מוטער און עס הייבט זיך אָן אַ ביליקע נאַרישע סצענע. פוזים פאַרלאַנגט אַ חלק אין דעם גרויסן געווינס און ניט אַנדערש ווי פינף און צוואַנציק טויזנט רובל, און אַ קלוגער פּראַקטישער יידישער יונגערמאַן הייבט זיך אָן מיט אים צו דינגען און דינגט אַראָפּ פופצן טויזנט רובל, און דערמיט שלעפּט מען אַריבער דעם צווייטן האַלבן אַקט. ניט אומזיסט האָב איך געהערט הינטער דער פּלייצע אַ באַמערקונג: „נאָר אַ נודניק“. אַזוי הייבט זיך אויך אָן דער צווייטער אַקט זייער אינטערעסאַנט. די סצענע ווי אַזוי מ׳וועקט סאָנקין איז אַ ברילייאַנטענע, ווייל דאָ קומט פאָר אומבאַמערקט פאַרן צושויער אַ ווייטערע שילדערונג פון די כאַראַקטערס. לעבעדיק איז אויך די סצענע ווי אַזוי די סאָנקינס נעמען זיך צו דער צייטונג צו זען וועגן די געווינסן. דאָ זעט מען אַ געניטן דראַמען־שרייבער, וועלכער פאַרשטייט ווי אַזוי צו עקספּלאָאַטירן אַ סיטואַציע און וועלכער דערווייזט עס מיט אַ וווּנדערבאַרער געשיקטקייט, און דאָ ווידער אין מיטן צווייטן אַקט, זינקט די האַנדלונג אַרונטער צו באַנאַליטעט, און די האַנדלונג הייבט זיך שוין מער ניט אויף כמעט ביזן סוף פערטן אַקט. די סצענעס ווי אַזוי די קרובה לאַטקינא קומט פאָדערן זיבן טויזנט רובל און ווי אַזוי דער פעטער זשיטאָמירסקי קומט פאָדערן זיבצען טויזנט רובל האָבן געקאָנט אַריינקומען אין אַן אַקט אויסצופילן אים, אָבער, אַז דערפון זאָל מען מאַכן אַ גאַנצן אַקט, איז זייער נודנע. אויך דאָ איז נייטיק צו באַמערקן, אַז דער גראָבבייכיקער פעטער זשיטאָמירסקי פירט זיך אויף ניט ווי קיין יידישער סוחר.

פאַכאַבנע [מיאוס] איז די סצענע פון סאָנקינס מאַמע אין האָטעל אייראָפּע מיטן לאָרנעט. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז דאָס קומט פאָר נאָך איידער סאָנקין האָט זיין געלט געקראָגן פון באַנק און די מלמדקע אָדער די בעדערקע האָט נאָך אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו באַגרייפן וואָס פאַרע ענדערונג עס איז געשען אין זייער לאַגע. איר צונג האָט זיך אַודאי נאָך ניט צוגעוווינט צו אַזאַ וואָרט ווי לאָרנעט און אודאי און אודאי איז זי נאָך ניט אַריין אין דער ראָל פון אַ גרויסער דאַמע. זי דאַרף פריער פון אַלץ זיין די פּראַקטישע יידישע מאַמע און אַריינשטעקן איר אַ לאָרנעט אין דער האַנט הייסט פשוט ניט קענען קיין יידישע מאַמע. אויך האַמעטנע און פאַלש איז די סצענע ווי אַזוי סאָנקין און זיין ווייב און די מאַמע ציילן דאָס געלט, וואָס ער האָט ערשט געבראַכט פון באַנק. ניט סאָנקין און ניט זיין ווייב און ניט זיין מאַמע האָבן אין זייער לעבן געהאַלטן הונדערטער אין זייערע הענט. און דאָ דאַרפן זיי איבערציילן צוויי הונדערט טויזנט רובל. יעדע אַסיגנאַציע איז דאָ לכל הפחות [אַמווייניקסטן] אַ הונדערטער און זיי פאַרגינען זיך צו שמועסן סתם אין דער וועלט אַריין בעתן ציילן ווי אַ שטייגער האַצמאַך, וואָס ציילט די נאָדלען. מילא, סאָנקין איז פאַרשטענדלעך, ווייל ער איז שוין משוגע, אָבער די ווייב און די מאַמע, זיי זיינען דאָך ניט משוגע“.

**און איצט גייט גאָרין איבער גינסטיקער צום שפּילן ווי צו דער פּיעסע:**

„בכלל פעלט אין „אַן אָרעמאַנס חלום“ באַאַרבעטונג אין דער זעלביקער צייט, וואָס די פּיעסע איז זייער צעצויגן. שוואַרץ האָט געשפּילט די ראָל פון סאָנקין און ער איז געווען זייער גוט אין די שטילערע מאָמענטן, נאָר שוין אַ צייט ווי מיר האָבן אים ניט





געזען אַזוי שטאַרק איבערטרייבן ווי אין דער דאָזיקער ראָל. ער האָט דאָ פאַרגעסן יעדע מאָס און יעדן טאַקט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס די ראָל איז פאַר קאָמיקער און דאָס איז ניט זיין זשאַנר. אויסגעצייכנט איז געווען בערטאַ גערסטען אין דער ראָל פון מאַניטשקאַ. אין איר שפּילן האָבן זיך געהערט נייע פיינע טענער. זיי האָבן זיך געהערט ניט [נאָר] אין איר ריידן, נאָר אין איר יעדן קער און אין יעדן ריר. זי האָט געאָטעמט מיט אַזאַ לעבעדיקייט, מיט אַזאַ ווייכקייט, וואָס זי האָט ביז איצט ניט געוויזן אויף דער בינע. טייטעלבוים האָט געשפּילט אַ פאַלשע ראָל, ווייל פוזים איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. א. טייטעלבוים האָט געפילט, אַז ער ווייס ניט וואָס ער איז און וואָס ער דרייט דאָ אַ ספּאָדעק און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין שפּילן. סאַמואילאָוו האָט געהאַט אַ קליינע ראָל, נאָר ער האָט איר גוט געשפּילט. סאַלטשאַ שאָר האָט אויך געהאַט אַ קליינע ראָל און זי האָט געשפּילט גאַנץ גוט. בעטי פערקויף האָט געשפּילט די מוטער ווי זי שפּילט יעדע מוטער.

די פּיעסע איז דעם ערשטן אָוונט אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרם און דער פאַרפאַסער ווי אויך די אַקטיאָרן זיינען שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז דער וואַרעמער קבלת־פּנים איז ניט אַזוי געמיינט געווען „דעם אָרעמאַנס חלום“ ווי דעם פאַרפאַסער סעמיאָן יושקעוויטש. אַ גרויסער טייל פון די צושויער איז באַקאַנט מיט מערערע דראַמען פון יושקעוויטש. נאָך דער פאָרשטעלונג איז דער גאַסט באַגריסט געוואָרן פון אברהם שאָמער אין דעם נאָמען פון די יידישע אַמעריקאַנער דראַמען־שרייבער, פון אברהם קאַהאַן אין דעם נאָמען פון די געווערקשאַפטן, אַרבעטער־רינג און אַלע פּראָגרעסיווע אַרבעטער, פון יואל ענטין אין דעם נאָמען פון אַלגעמיינע אַרבעטער, פון זעלדין אין נאָמען פון י. ל. פּרץ־פאַריין און פון גוסקין אין נאָמען פון די אַקטיאָרן. אַלע רעדנער האָבן זיך געפּאַסט זייער קורץ און צום סוף האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער דער גאַסט גופא און האָט געדאַנקט פאַר דעם וואַרעמען קבלת־פּנים. גערעדט האָט ער עטלעכע ווערטער אין יידיש און דאָס איבריקע אין רוסיש, נאָר פון די עטלעכע ווערטער אין יידיש איז צו זען, אַז אונדזער מאַמע־לשון איז אים גאָרניט פרעמד“.

## גאַסטשפּילן פון יעקב פּ. אַדלער

**צוליב דעם וואָס מאָריס שוואַרץ מוז פאַרלאָזן דאָס „אירווינג פּלייס טעאַטער“ און טאָר ניט שפּילן אין ניו־יאָרק, שטעלט ער צונויף אַ טרופּע צו שפּילן איבער דער פּראָווינץ און אין טעאַטער הייבט אָן ענדע מערץ גאַסטראָלירן יעקב פּ. אַדלער אין זיין רעפּערטואַר.**

**שוואַרצס אַוועקגיין פון „אירווינג פּלייס טעאַטער“ האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער פּרעסע. מ. גרים [מנחם] שרייבט וועגן דעם:**

„וואָס עס איז געשטאַנען אין קאָנטראַקט אין אירווינג פּלייס טעאַטער און ווער עס זיינען לויטן קאָנטראַקט געווען די באַלעבאַטים ווייס איך ניט. מסתמא האָבן עס אויך ניט געוווּסט 99 פּראָצענט פון פּובליקום. ווען איך האָב זיך געפּוילט אַרויסצוברענגען גאַנצע דריי ווערטער „אירווינג פּלייס טעאַטער“, פלעג איך עס מאַכן קירצער און זאָגן „איך גיי אין שוואַרצס טעאַטער“.

מסתמא האָבן 99 פּראָצענט פון פּובליקום אויך געזאָגט אַזוי, ווייל פאַר זיי ווי פאַר מיר האָט דער קאָנטראַקט ניט עקזיסטירט, און געקענט האָבן מיר בלויז דעם, וועלכער האָט דעם טעאַטער געגעבן זיין פּנים, זיין אינהאַלט — און גייענדיק אַ ביסל ווייטער — דאָס אָרט, וואָס עס האָט פאַרנומען. מיט אַ מאָל, אין סאַמע ערב פּסח־דיקן ברען, רייסט זיך שוואַרץ אָפּ פון אירווינג פּלייס און גייט אַוועק. דער באַלעבאָס פון טעאַטער ווערט דער קאָנטראַקט, און ווילנדיק־ניט־ווילנדיק האָט מען דאָס געפיל, אַז עפּעס האָט זיך פון טעאַטער אָפּגעריסן. מען האָט געקאָנט אַמאָל האָבן ביטערע ווערטער פאַר שוואַרצן ווען ער איז געשטאַנען פּנים אל פּנים [דירעקט] מיט די בעסערע שטרעבונגען אין טעאַטער, וועלכעס ער האָט פאַרטראָטן, אָבער ווען קעגן אים שטייט דער קאָנטראַקט, דאַן איז ניטאָ קיין איין שלעכט וואָרט אים צו זאָגן, דאַן איז ער דער פּירער פון טעאַטער, דער שוישפּילער, אינגאַנצן אונדזער־רער, און דער קאָנטראַקט איז עפּעס אַזוינס, וואָס מיר ווייסן ניט וואָס עס וועט ברענגען. אפשר וועט דאָס אירווינג פּלייס טעאַטער אויך אָן שוואַרצן זען אָנצוהאַלטן די טראַדיציע זיינע. אפשר ניט. דאָס וועט אונדז ווייזן די צוקונפט, ווי עס זאָגן די לייט־אַרטיקל שרייבער אין די צייטונגען. אָבער מיט שוואַרצס אַוועקגיין ענדיקט זיך דערווייל אַ קאַפּיטל אין וועלכן עס וועט אַלע מאָל ליב זיין אַריינצוקוקן.

עס וואָלט ניט געווען צופיל פון שוואַרצן ווען ער זאָל זיך נעמען אָנשרייבן „מיינע דריי יאָר אין אירווינג פּלייס טעאַטער". וואָס ער זאָל ניט דערציילן, וועט עס זיין אַ געשיכטע פון אַ שטיק רעוואָלוציע אין טעאַטער אין וועלכן ער האָט זיך דער־הויפּט באַטייליקט, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק; דאָס אויפקומען פון פּרץ הירשביינען, די אויפפירונגען פון שלום־עליכם, פּרץ, גאָרקי, אַנדרעעוו, שניצלער און די אַנדערע. די גאַנצע איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין די דריי יאָר אין דער באַציִונג צו „ליטעראַטור" אויף דער בינע, דאָס אויפ־קומען פון נייע שוישפּילער, אָנהייבנדיק פון שוואַרצן אַליין און ענדנדיק מיט זיין לעצטן געווינס — ווייזענפריינד. דער קאַמף, וואָס איז די דריי יאָר זיכער אָנגעפירט געוואָרן צווישן דער ליטע־ראַטור און דעם „קאָנטראַקט". די דערציִונג פון דעם פּובליקום און די באַציִונג פון דער פּרעסע. דאָס אַלץ זיינען זאַכן, וועלכע דאַרפן דערציילט ווערן ניט אַזוי צוליב דער פאַרגאַנגענהייט ווי פאַר דער צוקונפט.

פון די עטלעכע שוישפּילער, וועלכע וועלן זיין מיט שוואַרצן קומענדיקן יאָר אין גאָרדן טעאַטער, און וועמענס נעמען עס זיינען שוין באַקאַנט, זעט מען, אַז ער זוכט ווייטער צו זאַמלען אַרום זיך מענטשן מיט וועלכע מען קאָן בויען. אָבער דאָס אַליין איז ווייניק. ווען די עטלעכע אַרטיסטן פון שוואַרצס טרופּע, וועלכע זיינען נאָכן ערשטן יאָר אַוועק פון אים, זיינען געגאַנגען אין דאָס „נייע טעאַטער", איז עס ביי זיי געווען אַ טריט פאָרויס: פון אַ ליטעראַרישן טעאַטער צו אַ באַוווסטזיניק־קינסטלערישן. דאָס „נייע טעאַטער" האָט ניט אויסגעהאַלטן יענע פּראָגראַם, וועלכעס עס האָט זיך געשטעלט ביים אָנפאַנג — צוליב פאַרשיידענע סיבות. ביי שוואַרצן קאָנען די סיבות ניט זיין. דער איינציקער וועג וועלכן אים בלייבט צו גיין פון דער 14טער אויף דער 27טער גאַס איז דער וועג אויף — עפּענען אַ ניי און באַוווסטזיניקן שיינעם קאַפּיטל אין זיין קאַריערע".



אין זיין איבערזיכט וועגן טעאַטער־סעזאָן שרייבט י. ענטין:

„...איבערהויפּט איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידישן טע־אַטער הייאָר ניט גלענצנד. אָן ספק האָט עס צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער פינאַנסיעלער געדריקטקייט, וועלכע איצט, ווי אימער, גיט זיך באַזונדערס צו דערקענען אין די צ׳טע׳דיקע שוואַכע „יידישע" אינדוסטריען. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן דעם ספּעציעלן שטרייק־פיבער זייט די לעצטע פאָר וואָכן אויף דער יידישער גאַס. אַפילו ווען מען איז ניט קיין צו הייסער חסיד פון דער „מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג", מוז מען אויך צוגעבן, אַז צווישן שלעכטע צייטן און שלעכטע פּיעסן איז פאַראַן כאָטש אַ שטיקל פאַרבינדונג. אפשר טאַקע דערפאַר האָט אונדז דער נייער סעזאָן ביז איצט נאָר געבראַכט איין גוטע פּיעסע „שווער צו זיין אַ ייד", און ווייל עס האָט שוין ביים קלימאַקס, איז שווער צו ערוואַרטן פיל רעכטס אין די קומענדיקע דריי־פיר חדשים פונם אַראָפּבאַרג נאָכן קלימאַקס.

דאָך איז דער הייאָריקער טעאַטער־סעזאָן אַ גאַנץ אינטערע־סאַנטער, אַ פיל העכערער איידער אַנדערע סעזאָנען (הגם ניט איידער די צוויי פאָריקע סעזאָנען). אויב ער אַליין האָט קיין צו פיל גוטס ניט געבראַכט, האָט ער דאָך ווידער אַמאָל שטאַרק באַ־שטעטיקט, אַז עס איז דאָ ביי אונדז אַ גלענצנד פעלד פאַר גוטע פּיעסן, פאַר גוט שפּילן און אַפילו פאַר דער גוטער אויפשטעלונג פון פּיעסן. דער גרויסער ערפאָלג פון „שווער צו זיין אַ ייד" איז זייער דערפרייענד, זייער ערמוטיגנד. די יידישע בינע איז ניט צופיל געבענטשט מיט גוטע, געזונטע אמת־הומאָריסטישע קאָמעדיעס. קאָברינס „דעם דאָקטאָרס ווייבער" איז איינע פון די ווייניקע אויסנאָמעס (אי דאָס זיינען אין איר צוויי פון די הויפּט־פּערזאָנען שוואַכלעך געצייכנט), כאָטש עס ווערט נאָך איצט פון צייט צו צייט געשפּילט אויף דער פּראָווינץ, איז זי אָבער, בשעת דער ערשטער אויפפירונג אייגנטלעך דורכגעפאַלן. שלום־עליכמס קאָמעדיע וועט האָבן אָפּגעגאַנגען גוטע דריי חדשים, מייסטנס ביי „פּולע הייזער". כאָטש די פּיעסע ווערט זייער גוט געשפּילט, באַ־טייליקט זיך דאָך ניט אין איר קיין איין אַרטיסט מיט אַ צו גרויסע רענאָמע. ווען „אַ יידיש האַרץ" אָדער „די עמיגראַנטן" איז לאַנג געגאַנגען, איז געווען דייטלעך, אַז מען דאַרף דעם ערפאָלג צו־שרייבן צו אַ מאָגולעסקאָ. דער ערפאָלג פון „שווער צו זיין אַ ייד" מוז, אָן ספק, דער עיקר צוגעשריבן ווערן צום אינערלעכן ווערט פון דער פּיעסע. האָבן מיר דאָ דעם גלענצנסטן באַווייז, אַז אין אונדזער טעאַטער־וועלט איז דאָ פּלאַץ — אַ פּלאַץ, אי גוט אי וואַרם פאַר דער אמת־ליטעראַרישער, שיינער, ריינער, עכטער קאָמעדיע, פאַר דער קאָמעדיע פון כאַראַקטערן און קלוגן ווי, אַמוזאַנטע סיטואַציעס און ערנסטן, מיט גראַנדיעז מינאָרנע טענער, דורכגעוועבטן הינטערגרונט.

און עס איז אַ פּראָסטער קל וחומר [אויספיר], מה דאָך פאַר דער גוטער קאָמעדיע, אַ פּשיטא [געוויס] פאַר דער גוטער דראַמע, איז דאָך אונדזער עולם בכלל מער גענייגט צו ערנסט איידער צו שפּאַס. דער ריזיקער ערפאָלג פאַר דריי יאָרן פון דימאָווס „אַ וועלט אין פלאַמען" איז ניט געווען קיין פענאָמען, נאָר אַ נאַטיר־לעכע, געזעצמעסיקע ערשיינונג. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז ביי אַלע אירע מעלות, ביי איר גאַנצער אומיטלבאַרקייט איז „שווער צו זיין אַ ייד" דאָך עטוואָס לאָקאַל אין איר כאַראַקטער.

דער ייד, וואָס קומט ניט פון רוסלאַנד, מוז פאַר איר זיין ווייניקער עמפינדלעך פונם רוסישן יידן, און דער אַמעריקע־געבוירענער אָדער אַפילו ערצויגענער יונגער מענטש מוז צוזאַמען מיט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו תמעוואַטע פרעגן: „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, וואָס איז דאָס ?, וואָס הייסט אָבלאָוועס ?"

נאָך מער ווי אין דער הינזיכט פון פּיעסן, גיט דער הייאָריקער סעזאָן אַריין פיל האָפנונג אין דעם פּרט פון שפּילער. די יידישע בינע האָט געהאַט אַלערליי שוישפּילער פון זייט איר גרינדונג. פון ישראל גראַדנערן דערציילט מען נאָך עד היום [ביז היינט] חידושים. מאָגולעסקאָן האָבן מיר מיט אונדזערע אויגן געזען און גאַנץ געוויס האָבן מיר דערווייל צו אים ניט קיין צווייטן, זיכער ניט אויפן פעלד פון פיינערן קאָמיזם. ... נעמט ווידער אַמאָל „שווער צו זיין אַ ייד". ווי גוט, ווי פּרעכטיק, ווי זייער און זייער באַטעמט די פּיעסע ווערט געשפּילט. איך רייד שוין ניט פון שוואַרצן. ער האָט זיך שוין זייט עטלעכע יאָר ערוואָרבן אַ גוטן נאָמען און שוין זיין טוביה דער מילכיקער האָט זייער גוט באַוויזן, אַז ער קאָן זייער גוט שפּילן אַ ייד. איך רייד אויך ניט פון דער מאַד. גערסטען. שוין אַ צוויי־דריי יאָר ווי זי וואַקסט כמעט כסדר און שוין אירע ראָלן אין הירשביינס פּיעסן אַליין האָבן איר קונה שם [באַרימט געמאַכט] געווען. אָבער נעמט אַזאַ יונגן מענטשן ווי מוני וויזענפריינד, וועלכער איז ביז פאַראַיאָרן געווען אין ניו־יאָרק כמעט ווי אומבאַקאַנט, און דאָך, ווי געזונט, ווי אמת אַרטיסטיש ער פירט דורך די ראָלע פון רוסישן סטודענט, און אַפילו די פּרוי [סאַלטשאַ] שאָר וועגן וועלכער עס איז אָט ערשט, אין פּרצס פּיעסע, שווער געווען אַ גוט וואָרט צו זאָגן, ווי גאַנץ פעיִק און לעבעדיק, אָבוואָל אויך מיט עטוואָס איבערטרייבונג, זי פירט דורך די ראָלע פון „שרה".

... אַ גרויסער פאָרשריט לגבי פריערדיקע סעזאָנען, איז דער הייאָריקער אויך אין דער הינזיכט פון אויפשטעלן אַ פּיעסע. פּרצס פּיעסע, מיט וועלכער שוואַרץ האָט זיין טעאַטער געעפנט, איז געווען שיין אויפגעשטעלט און רעזשיסירט. אין דער אויפפירונג פון „שווער צו זיין אַ ייד", מיט דער אויסנאַמע פון פּראָלאָג, פילט זיך אַ טיכטיק דיריגירנדע האַנט. דעם הער סניעגאָווס רעזשי „הערבסט־פידלען", דערהויפּט אין „שיילאָק" איז געווען גאַנץ געשמאַקפול. אַלס אַ גוטן סימן דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די דעקאָראַציעס אויף אונדזער בעסערער בינע (ניט ווייניק פונם דאַנק קומט, ווי עס הערט זיך, דעם הער פּאַשקאָ).

... דאָס אויפשטייגן פון אונדזער בינע אין משך פון די לעצטע צוויי־דריי יאָר לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרלייקענען, ווערנד די יידישע פּרעסע און די דראַמאַטיש־ליטעראַרישע קרייזן האָבן זיך אָנגעפירט זייער אַגיטאַציע, איז זיך, ווי כמעט אומבאַמערקט אויס־געוואַקסן אַ געזונטע פאָדערונג פאַר אַ בעסערער דראַמע, זיינען זיך אונטערגעוואַקסן ערנסטע און אינטעליגענטע אַקטיאָרן, וועל כולם [און נאָך וויכטיקער] אַ גוט, ערנסט, אינטעליגענט פּובליקום, אַ פּובליקום, וואָס איז גאָרניט קליין אין צאָל. ... עס גייט צו בעסער אויף אונדזער בינע. וואָלטן מיר נאָר אונדזער פיל־געגאַרטן פאָלקס־טעאַטער געהאָט. די צייט פאַר אים איז שוין גאַנץ רייף".

## ב. גאָרין, ריידנדיק וועגן די שלעכטע געשעפטן פון „נייעם טעאַטער", שרייבט:

„אויך אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז געגאַנגען מיטן פּעטער אַראָפּ. נאָר דאָס ערגסטע איז דאָרטן געווען וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צאַנקעריי צווישן די שותּפים, און דער סוף איז געווען, אַז מאָריס שוואַרץ איז אַרויסגעטראָטן פון דאָרטן און האָט איבערגענומען דעם נייעם טעאַטער און געגעבן אים אַ נאָמען „קונסט טעאַטער". [גאָרין באַהאַנדלט דעם ענין פון די סטאַרס, דערמאָנענדיק דאָס אַוועקגיין פון בן־עמי צו דער ענגלישער בינע און זאַצס אין אַלטן יידישן טעאַטער] ... קיינער פון די נייע שפּילער קאָן מער ניט געבן קיין שווערן קלאַפּ דעם טעאַטער ווו די נייע דראַמע ווערט געשפּילט, ווייל דער כוח פון אַן אַנסאַמבל איז אַ סך גרעסער ווי פון וועלכן עס איז שוישפּילער. ווי ווייט דער כוח פון אַן אַנסאַמבל דערגרייכט, האָט מאָריס שוואַרץ דערוויזן ווען נאָכן ערשטן סעזאָן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" האָט אים פאַרלאָזן זיין גאַנצע קאָמפּאַניע און ער האָט געדאַרפט צוזאַמענשטעלן אַ נייע קאָמפּאַניע. עס איז איבריק צו זאָגן, אַז פאַרן ערשטן סעזאָן האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַזעלכע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די פּאַסנסטע פאַר דער נייער דראַמע. די שפּילער זיינען געווען געקליבן איינער און איינעם, אַזוי, אַז עס וואָלט געווען לחלוטין אוממעגלעך צוזאַמענצושטעלן נאָך אַזאַ קאָמפּאַניע, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט זיי. מען וואָלט דעריבער געדאַרפט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ווען די דאָזיקע קאָמפּאַניע האָט פאַרלאָזט שוואַרצן, און איז כמעט אינגאַנצן אַריבער אין דעם „נייעם טעאַטער", איז אים ניט געבליבן דער מינדסטער שאַנס צו האַלטן זיך מיט אַ צווייטער קאָמפּאַניע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די צווייטע קאָמפּאַניע, וואָס שוואַרץ האָט צוזאַמענגעשטעלט פאַרן צווייטן סעזאָן אין זיין טעאַטער, האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער קאָמפּאַניע אין דעם „נייעם טעאַטער", נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך געפאָדערט, אַז יעדער אַקטיאָר זאָל מיט זיין כוח אויפהאַלטן דעם „אירווינג פּלייס טעאַטער", איז געווען גענוג, אַז יעדער האָט געטאָן אַזויפיל ווי ער האָט געקאָנט און האָט ניט קאַליע געמאַכט די אַרבעט פון די אַנדערע, און דאָס האָט דעם עולם צופרידנגעשטעלט, און טאַקע איידער מען האָט נאָך דערפילט דעם פאַרלוסט פון זאַצס אַוועקגיין, האָט זיך אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" באַוויזן דער כאַראַקטער־קאָמיקער מוני וויזנפריינד, וועלכער האָט אין צוויי יאָר צייט פאַרנומען אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ אין דעם דערמאָנטן טעאַטער".